STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08567

SHMEYKHLEN

Ostap Vishnia

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

WORKERS COOPERATIVE
LIBRARY
2700 Bronx Park East

A 2059

Date Due

SEP 2

אָסטאַפּ ווישניאַ

שמייכלען

יידיש — א. קיפּניס

מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַינע
1929

Бібліографічний опис цього видання вміщено в „Літописі Укр. Друку“, „Картковому Репертуарі“ та інших покажчиках Укр. Книжкової Палати

Перша Друкарня Державного Видавництва України імени Г. І. Петровського Харків

Укрголовліт № 460. 6/II 1929. Зам. № 803. 5000 прим.

מײַן אויטאָביאָגראַפיע

בײַ מיר איז קײן שום סאָפּעק ניטאָ אין דעם, אַז איך בין געבוירן געוואָרן, כאָטש בעשאַס איך בין אַראָפּגעקומען אַף גאָטס וועלט און אויך שפּעטער, אַ יאָר צען דורכאַנאַנד, פֿלעג די מאַמע טאַײנען, אַז מע האָט מיך ארויסגעשלעפּט פון אַ ברונעם, בעאײס מע האָט געפּאָיעט אונדזער בעהײמע „אַרישקע”.

אויסגעפֿאַלן איז אָט די אָ געשעעניש דעם ערשטן ליסטאָפּאַד * (אַלטער סטיל) יאָר 1889, אין שטעטל גרוני, זינקיווקער פּאָוויט, אין פּאָלטאַווטשינע. אײגנטלעך, איז די געשעעניש פֿאָרגעקומען ניט אין שטעטל גופֿע, נאָר אינעם דערפֿל טשעטשעווע לעבן גרוני, אינעם גוט פון די פּריצים פּאָן־ראָט, וואו מײַן טאַטע איז געווען אַנגעשטעלטער.

די אומשטענדן פֿאַר מײַן דערציִאונג זײַנען געווען גאַנץ פּרימיטיווע; פֿון אײן זײַט, דאָס וויגעלע אַף שטריקלעך אונטערגעהאַנגען, און פֿון דער צווייטער — דער מאַמעס ברוסט, זויגסטו זיך אָן אַ לעקעלע, דערנאָך כאַפּסטו אַ שלאָף אַ גוטן און וואַקסט זיך אַזוי צו ביסלעך.

געקומען בין איך אַף דער וועלט דער צווייטער. פֿאַר מיר איז געווען מײַן עלטערער ברודער, דער בכאָר. ער האָט מיך אריבערגעיאָגט אַף גאַנצע אנדערהאַלבן יאָר.

---

* נאָיאַבער.

גייט עס זיך אַזוי. דו עסט און דו וואַקסט. דערנאָך וואַקסטו און דו עסט.

מײַנע עלטערן זײַנען געווען, ווי ביכלאַל עלטערן דאַרפן זײַן. דער טאַטע — אַ מאַנסבל, די מאַמע — אַ פרוי. באַ דעם טאַטן מיט דער מאַמען זײַנען אַמאָל אויך געווען טאַטע־מאַמע. דעם טאַטנס טאַטע איז געווען אַ שוסטער אין לעבעדין, און האָט געטרונקען בראָנפן. דער מאַמעס טאַטע איז געווען אַ פויער אין גרוזי און אויך געטרונקען בראָנפן. צו די ווײַטעריקע טיפעניִשן פון מײַן ייִכעס האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן זיך דערשלאָגן. דער טאַטע האָט ביכלאַל ניט איבעריקס ליב געהאַט צו ריידן פון זײַן מישפּאָכע, און טאָמער האָסטו אָ פרעג געטאָן די באָבע (דעם טאַטנס מאַמע) וועגן דעם זיידן, אָדער עלטערזיידן, פלעג זי טאָמער ענטפערן:

— אַ נעווײַלע געווען, אָט פונקט אַזאַ ווי דו! האָבן קיינמאָל רוען ניט געלאָזט. זײַנען זיי נעבעך געשטאָרבן פון ביטערן טראָפּן. אַ ליכטיקן גאַניידן זאָלן זיי דאָרט האָבן.

וועגן דער מאַמעס מישפּאָכע ווייס איך אויך זייער ווייניק. איך געדענק נאָר, ווי אַזוי דער טאַטע פלעג אַלעמאָל אויסוואַרפן דער מאַמען:

— זאָלסט כאָטש אַף אַ האָר זײַן געראָטן, מײַן טײַערינקע, אין דער מאַמען אין דײַנער! צי דען אָט אַזוי־אָ טרינקט מען, אַזוי ווי דו! דײַן מאַמע, אַ ליכטיקן גאַניידן זאָל זי האָבן, אָט אָ זי האָט אי ליב געהאַט אויסטרינקען, אי געקאָנט אויסטרינקען.

וועגן דעם זיידן, דער מאַמעס טאַטן, האָט מען ביכלאַל קיינמאָל ניט גערעדט. ווײַזט אויס, אַז מע האָט אים שטאַרק ניט ליב געהאַט, אָט דעם אָ זיידן. ערשט הײַנט־שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער האָט זיך געוואָלט אופהענגען. נאָר ס׳האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן אופטאָן אַזעלכעס, האָט ער פאַר צאָרעס גענומען און איז גאָר אוועקגעשטאָרבן פון ווײַסן פיבער, אַ פיבער אַ ווײַסן, ווי קלאָר־ווײַסער שניי.

אָבער ביכלאַל זײַנען מײַנע עלטערן דאַפקע געווען נישקאָשע פון מענטשן. מיט לײַטן־גלײַך. פאַר די פיר און צוואַנציק יאָר פון זייער צוזאַמענלעבן האָט זיי דער אויבערשטער געשענקט בעסאַכאַקל זיבעצן קינדער, ווארום זיי האָבן, ווײַזט אויס, געהאַט אַ זכוס באַ דעם וואָס לעבט אייביק.

און טאַטער פֿלעג זיך אַמאָל אַ שאָכן ניט פֿוילן און געבן אַנצוהערן דעם טאַטן:

— עפּשער וואָלט, מיכאַילאַ קאַנדראַטאָוויטש, געווען אַ שיר צו קינדלעך?

פֿלעג אים דער טאַטע גלייך אָפּענטפֿערן אָף צוריק:

— ע, ס׳מאַכט ניט! גאָט האָט געגעבן קינדער, וועט ער געבן צו די קינדער.

געשטאָרבן איז דער טאַטע אין י. 1909, אָפּן 58־טן יאָר פֿון זיין פּרוב־פּעריקן לעבן.

און אין אַ היפּשער צייט שוין אַרום, אַז די מאַמע פֿלעג אַמאָל נעמען אָפּן געדאַנק אונדזער פֿאַרשטאָרבענעם פֿאָטער, פֿלעג זי אַנהייבן פֿרעגן:

— וויפֿל זאָל שוין זיין דריינען, קינדערלעך, זינט אונדזער טאַטע איז געשטאָרבן?

— ס׳דאַרף שוין זיין, מאַמע, אַ יאָר צען אין דריינען.

דאַ פֿאַרקלערט זי זיך, די מאַמע, אַביסעלע און רופֿט זיך ווייטער אָן:

— וואָלט איר שוין, הייסט עס, ביז איצט געקענט האָבן נאָך אַ וואָ־סערע 6 שטיק ברידערלעך מיט שוועסטערלעך... און איך וואָלט אַרום און אַרום געהאַט אַביסל יאָרשים... וויפֿל קומט דאָס אויס, קינדערלעך?

— דריי און צוואַנציק.

— טאַקע אַזוי. דריי און צוואַנציק... אָך, כאַ־כאַ, אַ ליכטיקן גאַניידן זאָל ער אונדז כאָטש דאָרטן האָבן!

האָב איך אַנגעהויבן, הייסט עס, וואַקסן.

— אַט דאָס אָ וועט וואַקסן אַ שרייבער, — האָט אַנומלטן דער טאַטע אַ זאָג געטאָן אָף מיר, בעשאַס איך בין געזעסן אָפּן דיל און מיט דער רעכטער האַנט צעשמירט די קאַליעזשע אַרום מיר.

און ווי איר זעט, איז דעם טאַטנס נעוואָרע מעקוייעם געוואָרן, כאָטש אויב מע זאָל ניט לייקענען, זיינען נאָך גענוג וואַסערן דורכגעלאָפֿן, ביז דעם טאַטנס נעוואָרע איז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן אין לעבן.

אַ שרייבער לעבט, זאָלט איר וויסן, און וואַקסט, זאָלט איר וויסן, ניט אַזוי ווי אַ פּאָשעטער באָסערוועדאָם.

צו וואָס איז געגליכן אַ פּראָסטער באָסערוועדאָם? — ער לעבט זיך און לעבט זיך אַזוי לאַנג ביז ער שטאַרבט.

אַן אַנדער זאַך איז אַ שרײַבער. װעגן אַ שרײַבער דערציילט, אומבאַדינגט דערציילט, װאָס האָט געװירקט אויף זײַן װעלט־אַנשויאונג, װאָס האָט אים געשליפֿט, װאָס האָט אים אָרגאַניזירט נאָך דעמאָלט, װען ער איז נאָך געלעגן לעם דער מוטערס ברוסט און געסמאַטשקעט מיט די ליפּן, און ניט אָנגעהויבן אַפֿילו צו טראַכטן װעגן דעם, אַז אים װעט אַמאָל דאַרפֿן אויסקומען באַשרײַבן זײַן לעבן.

און איצט האָסטו דיר: זיך און טראַכט — װאָס אַזעלעכס האָט אויף דיר דאָן געװירקט, אַז ס'זאָל איצט פֿון דיר אַרויס אַ שרײַבער. װאָס פֿאַר אַ בייזע שעה האָט דיך אַ צי געטאָן צו דער ליטעראַטור, און װען סאַמע האָסטו זיך צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן פֿאַרטראַכטן איבער דעם, װאָס „װאו קומט אַהין די לאָך, בעשאַס מע עסט אויף דעם בייגל".

װאָרום אַזוי סתּם אין דער װעלט אַרײַן װערן דאָך ניט קיין שרײַבערס.

איז אָט, װען דו הייבסט אָן נעמען אַפּן זינען דאָס לעבן דײַנס, קומסטו צום אויספֿיר, אַז דעם שרײַבער באַגלייטן טאַקע אויף אַן עמעסן אַזעלכע זאַכן אין זײַן לעבן, אַזעלכע אָריגינעלע דערשײַנונגען, אַז װען די דאָזיקע דערשײַנונגען װאָלטן ניט געװען, װאָלט דער מענטש ניט געװאָרן קיין שרײַבער, ער װאָלט געװאָרן אַ געװיינלעכער אינזשיניער, אַ דאָקטער, אָדער גאָר פּשוט אַ גוטער קאָאָפּעראַטער.

שפּרינגען אָבער אונטער אַזעלכע מינים דערשײַנונגען — און דעם מענטשן טוט עס אַ טראָג צום שרײַבן.

די הויפּטראָליע אין דעם אויספֿורעמען זיך פֿון אַ קומענדיקן שרײַבער שפּילט בכלל די נאַטור אַלס אַזעלכע, אָבער פֿאַרן אוקראַיִנישן שרײַבער איז גענוג קאַרטאָפֿל, קאָנאָפּליעס, בוריאַן. טרעפֿט זיך, אַ ייִנגעלע, צי אַ מיידעלע האָבן אַ נייגונג צו פֿאַרטראַכטן זיך און אַרום װאַקסן קאַרטאָפֿל, אָדער קאָנאָפּליעס, — איז מעגט איר שוין זײַן זיכער, אַז פֿון דעם אָ נעפּעשל װעט אויסװאַקסן אַ שרײַבער.

און ס'דאָך אַ קלאָרע זאַך! אויב אַ קינד פֿאַרטראַכט זיך און זיצט בעאייס־מאַיסע אויף אַ הוילן פּלאַץ, װעט מען דען אים לאָזן אײַנזיצן, אָדער אַ קלער טאָן װי ס'געהער צו זײַן?

די מאַמע װעט אים באַלד אַ טיוקע טאָן:

— זע נאָר, ווי ער האָט זיך עס צעזעצט אַבֿיסל! דו פֿלייש מיט אויגן, דו, לעם כאַזער־שטאַל האָט שוין דיר אויסגעפּעלט פֿלאַץ?

דאָ מוזטו טייקעף אויסגעטריקנט ווערן, און די באַגייסטערונג פֿאַר־שווינדט מיטן רויך.

אָט דאָ קומט שוין טאַקע צו הילף די קאַרטאָפֿל.

און אַזוי האָט עס פּאַסירט מיט מיר אויך. הינטער דער שטוב, ניט ווייט וואַקסן די קאַרטאָפֿל, און אין אַ זייט אַבֿיסל — די קאַנאָפּליעס. זעצטו זיך אַזוי אוועק: דער ווינט בלאָזט, די זון וואַרעמט, און די קאַרטאָפֿל רופֿט באַ דיר אַרויס געדאַנקען וועגן דער גאָר־וועלט, וועגן קאָסמאָס, וועגן סאָציאַליזם...

זיצטו זיך אַזוי, דו קלערסט, קלערסט און קלערסט...

בּיזקעלע די מאַמע דערמאָנט זיך ניט שרייען:

— גיי נאָר, מעלאַשקע, גיב אַ קוק, צי איז דאָרט פּאַוולאָ ניט אַנ־שלאָפֿן געוואָרן... אָבער שטילער דאָרט, דערשרעק אים ניט. ער קאָן נאָך איינריכטן די העמד אויך, און דו האָב דערנאָך אַן אַרבעט וואַשן.

אָט פֿונוואַנען דאָס האָט זיך גענומען. פֿונדאַנען אָן האָב איך זיך אָנגעהויבן צו פֿאַרקלערן. דו זיצט און קאָרפּעסט פֿאַר זיך אַ גריבעלע — ציט עס דיך אַלץ אַזוי אַהין אין דער טיף.

און די מאַמע האָט דערווייל אַן אַרבעט שרייען:

— וואָס פֿאַר אַ ניטגוטער האַלט עס אין איין אונטערייסן די קאָר־טשעס אַפֿן גאָרטן, אַן אָנשיקעניש און גאָר. ס'קען דיר גאָרניט איינזיצן איין מינוט רויִק. האַלעוואַי פּאַק איך אים באַ דער אַרבעט, וואָלט שוין אים געווען אַז אָך און ווײ...

די שטימונגען פֿלעגן זיך אויך בייטן: אָט אַ ציט עס דיך אין דער טיף, — דאָס איז דעמאָלט, ווען דו דעלובעסט די גריבעלעך. און אַמאָל גיט עס דיך גאָר אַ הויב אינדערהויך, אין דער ראַכוועס אַריין, עפּעס ערגעץ אַרויף; דעמאָלט קלעטערסטו אין שייער אַף די באַנטענעס, רייסן די שפּערלעך־נעסטן, אָדער אַף די ווערבעס — צו די קראָען.

פֿון קינדווייז אָן בין איך געווען אַ נערוועזער, ניט קיין רויִקער. ווי נאָר דער טאַטע פֿלעג מיר אַ ווייז טאָן דעם רימענעם פּאַס אָדער דעם קאַנטשיק, אַזוי בין איך שוין גלייך געלעגן אונטערן בעט און ס'האָט מיך געוואָרפֿן אין אַ צעניאָריקער קאַדאָכעס.

— איכ׳ל דיר געבן באַנטענעס וועל איך דיר געבן! איכ׳ל דיר געבן קראָען וועל איך דיר געבן! מיילע, וואָלט ער אַראָפּגעפּאַלן אף דר׳ערד און זיך דערהאַרגעט אַף טויט, צעבראָכן דעם קאַרק, וואָלט עס געווען אַ האַלבע צאָרע, אָבער וואָס וועל איך טאָן, אַז ער וועט זיך אויסדרייען הענט און פיס, אַזאַ קעלעוו שעביקלאָווים.

און איך ליג אונטערן בעט, ציטער ווי אַ בלאַט, שמאָרע אונטער מיט דער נאָז און קלער מיט צאַער: אַן, טי, ריבוינעשעלוילעם! וויפל אַ מענטש ליידט עס נעבעך יעסורים איבער אָט דערדאָזיקער ליטעראַטור!

פון די געשעעניש אין מיין פריער קינדהייט, וואָס האָבן געווירקט אַף מיין ליטעראַרישער צוקונפט, האָט זיך מיר טיף איינגעשניטן אין זיקאָרן איינע אַ געשעעניש: איך בין איינמאָל מיט קוראַזש אַראָפּגעפלויגן פון אַ פערד. איך האָב זיך געטראָגן רייטנדיק איבערן פעלד, מיטאַמאָל טוט דיר ניט אַ שפרונג אַרויס עפעס א הונט פון הינטער אַ מאַציייווע, דאָס פערד גיט זיך אַ וואָרף אין אַ זייט, און איך — באַץ אף דער ערד! זיך דעם עמעסן זעץ געטאָן. בין איך דאָרט געלעגן באַ א גוטער שאָ, ביז איך בין צו זיך געקומען. נאָכדעם האָב איך אַ וואָכן־דריי דורכאַנאַנד געקרענקט. און ערשט דעמאָלט האָב איך זיך איבערצייגט, אַז איך טויג נאָך אַף עפעס: אז איך האָב געקענט פון אַזאַ קאָשערן פאַל לעבן בלייבן. — און אַ נעפלדיקער געדאַנק האָט זיך באַ מיר טאַקע דעמאָלט, דוכט זיך, אַ ריר געטאָן אין קאָפּ: טאָמער גיי איך אָפּ דער ליטעראַטור.

און אזוי איז טאַקע געשען.

אַזוי זיינען דורכגעפלויגן צווישן נאַטור, פון איין זייט, און מענטשן, פון דער צווייטער זייט, די ערשטע טריט פון מיין גאָלדענער קינדהייט.

דערנאָך האָט מען מיך אָפּגעגעבן אין שול אַריין.

דאָס איז ניט געווען אַבי־וואָספאַר אַ שול, נאָר אַ שול פון „ביל־דונגס־מיניסטעריום״. געלערנט האָט מיך אַ גוטער לערער, איוואַן מאַקסימאָוויטש, אַ גוטע נעשאָמע, אַ גרייז, גרייז־גרויער, וואָס איז ווייס ווי די הייזעלעך אונדזערע, די דאָרפישע, ערעוו דעם גרינעם יאָמטעוו. געלערנט האָט ער געוויסנהאפטיק, ווארום ער איז אינגאַנצן געווען איין

שטיק מענטשלעכער געוויסן. ער איז שוין געשטאָרבן. די ערד זאָל אים דאָרט גרינג זיין.

איך האָב ליב געהאַט ניט נאָר אים אליין, נאָר אויך זיין ווירע, וואָס פלעג אָפט זיך דורכשפּאַצירן איבער אונדזערע שילערישע פאַרשמירטע הענט. זי פלעג שפּאַצירן — ווייל דעמאָלט איז געווען אַזאַ „קאָמפּלעקס־סיסטעם", און געשפּאַצירט האָט זי אַלע מאָל, ווען ס'האָט זיך געפּילט אין דעם אַ נויט, אָבער קעסיידער אָן אכזאָריעס.

אָ, וואו איז זי איצט, אָט יענע ווירע, וואָס האָט מיר אויסגעמושטירט מיין ליטעראַרישן סטיל ? !

דאָס האָט זי דאָך די ערשטע זיך דורכגעשפּאַצירט איבער מיין האַנט, איבער אָט דער־אָ האַנט טאַקע, וואס שרייבט אט אָ די אווטאָביאָ־גראַפיע.

איך זיינט כאָטש אַ מיליון, ווי זי שרייבט ? „ווי אַ פליג פּייפּט"... אבער, וואלט איך דען ביכלאַל ווען עס איז געווען שרייבן, ווען ס'וואלט ניט געווען קיין איוואַן מאַקסימאַוויטש, און ווען באַ איוואַן מאַקסימאַ־וויטשן זאל ניט געווען זיין קיין ווירע, וואס האט געצוואונגען אריינקוקן אין ביכל אריין ?

אין דערזעלבער צייט האט זיך באַ מיר אויך אנגעהויבן אויספּו־רעמען מיין קלאַסנבאַוואוסטזיין. איך האב שוין געוואוסט, אַז אט־דאָס זיינען פּריצים, און אט־דאס זיינען ניט קיין פּריצים. אָפט פלעג דער טאַטע מיך שיקן מיט עפּעס אַ שעליכעס צו דער פּריצע אין די פּאָקאָיעס אריין און בעאייס ער האט מיר ארויסגעבאַלייט, פלעג ער זאגן :

— ווי נאר דו וועסט אריינקומען, זאלסטו א קוש טאן דער פּריצע דאָס הענטעלע.

— די פּריצע — האב איך זיך געטראַכט — דאַרף מיסטאמע זיין די עמעסע אדוינעסטע, וואס מע דאַרף איר קושן די האַנט.

כאטש ניט גאר בולעט איז באַ מיר דעמאלט געווען מיין קלאַסנ־באַוואוסטזיין, פון איין זייט, האב איך געהאַט אן ארבעט קושן דער פּריצע די האַנט (עמעסע קאנטר־רעוואַליוציע), און פון דער אנדערער זייט, האב איך געריסן אירע בלומען און די קלומבעס צעטראטן, און איינמאל בין איך אפילע פאַרקראָכן אף דער ווערענדע און באַמלאָכעט אירע וואַזאָ־נעס מיט פּיס־וואסער (עמעסע רעוואַליוציאנערע טאטן).

פונקט ווי מאַקדאָנאַלד, וואָס ריפּעט זיך אום צווישן סאָציאַליזם און צווישן קעניג־הויף, ווי אַ נאַסער שמשור.

אָבער איך האָב שוין אַפּילו דעמאָלט גוט פאַרכאַזוערט באַ זיך אין קאָפּ, אַז ס'זיינען פאַראַן פּריצים אויף דער וועלט.

און אַז די פּריצע פלעג זיך איבער עפּעס וואָס צעשרייען און נעמען טופּען מיט די פיס, פלעג איך פאַרקריכן אַרונטער דער פּריצישער וועראַנדע און שעפּטשען מיט רעציכע:

— האָב צייט, האָב צייט, דו, עקספּלואַטאַטערקע! ס'וועט קומען די אַקטיאָבער־רעוואָליוציע, וועל איך דיר ווייזן, ווי אַזוי דריי הונדערט יאָר פון אונדז א. אז. וו. א. אז. וו.

אָפּגעגעבן האָט מען מיך אין שול פרי. איך בין, ווייזט אויס, אַפּילו קיין זעקס יאָר ניט אַלט געווען. געלערנט דאָרט דריי יאָר און געענדיקט די שול. בין איך געקומען אַהיים, רופט זיך דער טאַטע אָן:

— האָסט נאָך זיך קנאַפּ געלערנט. מע דאַרף דיך, זון, נאָך ערגעץ שיקן. לאָמיך דיך נאָך אָפּפירן קיין זינקיוו, לערן זיך נאָך דאָרט אַביסל צו, וועלן מיר זען, וואָס וועט פון דיר אויסוואַקסן.

האָט מיך דער טאַטע אָוועקגעפירט קיין זינקיוו, כאָטש דאָס איז אים ניט גרינג אָנגעקומען, ווייל מיר זיינען שוין דעמאָלט געווען זאַלבע זעקס, צי זיבן, און סכירעס האָט דער טאַטע באַם פּאָרעץ באַקומען 18 אָדער 20 רובל אַ כוידעש, פונדעסטוועגן האָט ער מיך אָפּגעפירט און אָפּגעגעבן אין דער זינקיווער שטאָטישער צוויי־קלאַסיקער שול.

אָט אָ דאָ האָב איך גראָד געהאַט אַ מעגלעכקייט אָפּצוקערעווען צום נעאָ־קלאַסיציזם, ווייל איך האָב זיך דאָ געלערנט אינאיינעם מיט מ. ק. זעראָוון *, אָבער איך האָב עס ניט געוואָלט. איר דאַרפט דאָך אַליין פאַרשטיין, אַז קעדיי זיין אַ נעאָ־קלאַסישער, דאַרף מען אָוועקלייגן אַסאַך קויעך און אַסאַך געדולד. האָסט אָן אַרבעט לייענען האָראַציען, ווירגיליען, אָווידיען, און אַנדערע האָמערן. גייען, זיין אַ היינטוועלטיקער שרייבער איז אָן ערך גרינגער. די פאַרשפּאָרסט לייענען, פאַרשפּאָרסט אַרבעטן, דו זיצט זיך און שרייבסט, און אַלע האָבן האַנאָע.

---

* זעראָוו — אַן אָנגעזעענער אוקראַינישער קריטיקער און דיכטער, אַ פאָרשטייער פון דער נעאָ־קלאַסישער ריכטונג אין דער אוקראַינישער ליטעראַטור.

אזוי, אז אונדזערע וועגן מיט מ. ק. זעראָוון זיינען זיך צעגאנגען: זיין וועג — קיין רוים און מיין וועג — קיין שענגיראווקע.

זינקיווער שול האב איך געענדיקט אין 1903-טן יאר און האב באקרמען א שיין, אז איך האב רעכט צו זיין א פּאָסט- און טעלעגראף-באאמטער פון עפּעס זייער א הויכער מאדרייגע (פערצנטער, דאכט זיך).

אבער ווי האב איך געקאנט ווערן א באאמטער, אז אלט בין איך געווען בעסאכאקל דרייצן יאר?

בין איך געקומען אהיים.

— צופרי — זאגט דער טאטע — האסטו געענדיקט דאס לערנען. וואוהי קאן מען דיך צושאַרן, אַז דו ביסט נאך אזא קליינס? מע וועט דיך מוזן ווייטער לערנען, און דא האב איך שוין אָן דיר אויך טאקע א גאנצן טויץ.

האט מיך די מאמע גענומען און אוועקגעפיהט אזש קיין קיעוו, און מיך אפּגעגעבן אין א מיליטער-פעלדשער שול, ווייל דער טאטע, אלס געוועזענער סאלדאט, האט געהאט דאס רעכט אפּגעבן אהין זיינע קינדער אַף „מעלוכע-קאָסטן".

זיינען מיר געקומען קיין קיעוו. אין קיעוו האב איך באם וואקזאל געעפּנט מויל און אויערן און בין אזוי, ניט פארמאכנדיק זיי, אוועק פון וואקזאל איבער דער גאנצער שטאט, אזש ביז דער הייליקער לאווריע, וואו מיר האבן זיך ביידע, איך מיט דער מאמען, אפּגעשטעלט. איך האב געקושט אלע הייליקע ביינער, אלע באלעמויפעסדיקע איקאָנעס, געבויגן פאר זיי די קני און האב אויסגעהאלטן דעם עקזאמען.

בין איך שוין פארבליבן אין קיעוו, האב דארט געענדיקט די שול, און בין געווארן פעלדשער.

א פעלדשער בין איך געוועזן נישט קיין שלעכטער, ווייל גלייך באם ערשטן אַרויספאָר האב איך אַריינגעקאפּעט איינעם א קראַנקן אין די אויגן אריין נאַשאַטיר, אנשטאט צינק-טראָפּן.

וועגן דעם האנאָראַר, וואָס איך האב באַקומען פון יענעם כוילע, וועל איך איצטער ניט ריידן.

נאָכדעם איז אַוועק אַ לאנגווייליק לעבן. כ'האָב געדינט און זיך אַלץ געלערנט, ניט געדאַכט זאָל עס ווערן. דאָס האָב איך זיך אַלץ געגרייט פאר אַן עקסטערן.

די מילכאָמע האט מיך דערטאַפּט אף דער באַן, וואו איך האב דרייסט פאַרטיידיקט דעם „קייסער, דעם טראָן און דאָס פאָטערלאַנד" פון די אויסערלעכע פיינט, זייענדיק אַ פעלדשער אין אַ באַן-שפּיטאָל.

אַז ס'האט אויסגעבראָכן די רעוואָליוציע — האט עס מיך גענומען דרייען אָן אן אופהער: איך האָב געבויט אוקראַינע, — בין געלאָפן פון דער צענט-ראַלער ראַדע אין אוניווערסיטעט אריין, און פונעם אוניווערסיטעט — אין דער צענטראַלער ראַדע. נאָכדעם — צום סאָפּיעווער הייליקן קלויסטער, פון דאָרטן — אין „פּראָסוויטע", פון דער פּראָסוויטע — אַף אַ מיטינג, פונעם מיטינג — אַף פאַרזאַמלונגען, פון די פאַרזאַמלונגען — אין צענטראַלער ראַדע אריין, פון דער צענטראַלער ראַדע — אַף אַ קאָנפערענץ, פון דער קאָנפע-רענץ — אַף א צוזאַמענפאָר, פון צוזאַמענפאָר — אין דער צענטראַלער ראַדע אַריין. ס'איז אַזוי קיין צייט ניט געווען, אַז ס'מאַמעש אַ שרעק!

ס'האט זיך געוואָלט, איך זאָל אי צווישן כאַיעל זיין, אי אינעם פאר-לאַמענט זיין, אי אינעם אוניווערסיטעט זיין, אי אין אַלע קאָמיטעטן זיין, אי קלייבן אפּן נאַציאנאַלן פאָנד, אי זינגען לידער. וואָס רעדט איר וואָס? וואו ערגעץ אַ געזאַנג — דאָרט בין איך דאָ! וואו ערגעץ מע רעדט — דאָרט בין איך דאָ! וואו ערגעץ א זיצונג — דאָרט בין איך דאָ! אַז מע שמועסט — אַ מעלוכע-מאַן!

די בירגער-קריג.

גענומען אַן אנטייל. פליט אַ שראַפּנעל, באהאלט איך זיך. די גאָרע שווערקייט פון דער בירגער-קריג האב איך אַריבערגעטראָגן: אי אין די רייען צו באַקומען דעם פּאַיאָק בין איך געשטאנען, אי האלץ אַף א שליטעלע האב איך געפירט, אי א גאָרטן געגראָבן. און שווערער פאר אלץ איז געווען צו דערשלעפּן די צוויי פּוד מעל פון דער לאַווֹרע אַזש ביז גאָגאָלעווער גאַס אין קיעוו. איך האב זיך געשלעפּט מיט דעם איבערן „הינטישן-שטעגעלע" און נאָכדעם דורך שעווטשענקעס בולוואר. האב געאָכצט און געקרעכצט, און זיך צוגעזעצט, און בין צוגעזעסן, און פאָרט דערטראָגן ביזן אָרט. כ'האב ניט געוואָרפן די „דעראָבערונגען פון דער רעוואָליוציע".

ס'איז געווען שווער, אָבער „מיר האבן געזיגט".

נו, און דערנאָכדעם איז אונטערגעפאָרן א „פלאַטפאָרמע" און מע האט מיך אַוועקגעזעצט.

שפּעטער האָט מען מיך אַרויסגעלאָזט, אָבער פון דער „פּלאַטפאָרם" בין איך שוין ניט אַראָפּגעקראָכן, וואָרום איך בין ניט אַזאַ נאַר.

וועלכער בוך האָט אויף מיר געהאַט די גרעסטע ווירקונג? דאָס איז פּילאַרעטס „קאַטעכיזיס". אָט אַ נימעסער בוך! איך זאָל נאָך אים געווען אַזוי פּאָשעט איבערלייענען און אַ שמייך טאָן, וואָלט עס נאָך געווען ווי צו דערליידן, האָב איך אים אָבער געדאַרפט כאַזערן אויף אויסנווייניק, איינגעזונקען האָט עס געמעגט ווערן. דער־אָ בוך האָט זיך מיר איינגעשניטן אין זיקאָרן מער פון אַלץ.

צו ביכער האָט עס מיך געצויגן פון קליינוויז אויף. איך דערמאָן זיך ווי ס'האָט זיך מיר אַמאָל געפּאַקט אַ „גויראָלעס־בוך", פלעג איך גאַנצענע טעג איבער אים זיצן און וואַרפן דאָס קייקעלע־ברויט אויף די רעדעלעך מיט די פאַרשיידענע ציפערן, פלעג אַזוי לאַנג דרייען דאָרט, אַז דער קאָפּ פלעג מיר זיך פאַרדרייען אויף ניט אויפשטיין, ביז די מאַמע פלעג אָנקומען, אַ כאַפּ טאָן דעם „גויראָלעס־בוך" און קנאַק — מיר איבערן קאָפּ! ערשט דעמאָלט פלעג איך אויפהערן.

ביכלאַל האָב איך געהאַט גוסט צו ביכלעך מיט אַ ווייכן איינבונד. מע קען זיי אי גרינגער צערייסן און ס'טוט אַזוי ניט ווי פון זיי דער קאָפּ, בעשאַס זיי פּאַקן זיך צו דער מאַמען אין די הענט.

ניט געפעלן איז מיר געווען „דער רוסישער פּיליגרים", וועלכן די מאַמע האָט געלייענט פינף און צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד. אַ געזונטער ביכאַלאָ. אַז די מאַמע פלעג זיך מיט אים אַ לאָז טאָן, פלעג בא מיר די נעשאָמע פאַרקילט ווערן אין די שפּיץ פינגער.

און אַזוי, ביכער אַנדערע, פלעגן זיך בא מיר דאַפקע לייענען נישקאָשע.

שרייבן אין די צייטונגען האָב איך אָנגעהויבן אין קאַמענעץ, אין פּאָדאָליע, דאָס יאָר 1919 און פלעג זיך אונטערשרייבן פּאַוולאָ גרונסקי (וואָס האָב איך געטאָן אין קאַמענעץ—פרעגט איר? איך ווייס? מינאַסטאָם דאָסזעלבע וואָס איר, אַ?!)*. אָנגעהויבן האָב איך מיט אַ פעליעטאָן.

* אָסטאַפּ ווישניא גיט אָנצוהערן אויף דעם, וואָס אַ טייל פון דער אוקראַינישער אינטע-ליגענציע האָט דאַן געהאַט אַן אַרבעט „אויילע - רעגעל" זיין קיין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק. דאָרט האָט זיך צו יענער צייט געפונען פּעטליורע, בעשאַס ער איז געלאָפן פון די באָלשעוויקעס.

מ׳פרעגט מיך אָפט, וואו האב איך געגאַשט מיין אוקראַינישע שפּראַך.

די שפּראַך מיינע די אוקראַינישע האב איך איינגעזויגן אין זיך נאָך מיט דער מאַמעס מילך.

דער מאַמעס ברוסט — דאס איז אן אומויסשעפּלעכער קוואַל פון שפּראַך און וואָרט.

פאַרגעדענקט עס בא זיך, מוטערס, וועט עס זיין די בעסטע סגולה, אַז אייערע קינדער זאָלן זיך אמאָל פאַרשפּאָרן אוקראַיניזירן.

ווער האט פאַרפולקומט מיין שפּראַך?

אייגענע מי. אייגענע מי און דערצו אַ. מ. קרימסקיס און מאָדעסט פילּיפּאָוויטש לעוויצקיס * אנווייזונגען. מיט זיי האב איך געהאט די ערע צו אַרבעטן אינאיינעם. און קעסיידער קומט מיר אויס זיי דער־מאַנען מיט אַ געפיל פון טיפער דאנקבארקייט.

געוואוינט האב איך אין קיעוו. קיין כאַרקאָוו האט מען „מיך איבער געפאָרן” אין 1920־טן יאר אין אָקטיאַבער־כוידעש. און אין אַפּריל 1921 יאָר האב איך אָנגעהויבן אַרבעטן אין „וויסטי” צוזאַמען מיט וו. בלאַקיטני.

אין „וויסטי” האב איך אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס איבערזעצער.

אַן אַרבעט איז עס אַן ערנסטע, אַן אַרבעט א פאַראנטוואָרטלעכע, אַן אַרבעט אַ שווערע, ווארום ס׳מיר אויסגעקומען טאַקע פריען אָן אַן אופ־הער איבער דידאַזיקע צייטונג־איבערזעצונגען.

האב איך, הייסט עס, איבערגעזעצט און איבערגעזעצט און נאָכדעם אַ קלער געטאָן צו זיך אַליין:

— וואס זעץ איך דאס אַלץ אזוי איבער אָן אַן אופער, אַז בעסאַכאַקל קאָן איך דאָך פעליעטאָנען שרייבן! און נאָך דעם קאָן מען זיך איינ־שרייבן און גאָר ווערן אַליין אַ שרייבער, טו נאָר א קוק אומיסטן, וויפל ס׳זיינען שוין בא היינטיקן טאָג פאראן שרייבער און איך בין נאָך קיין שרייבער ניט. קיין ספּעציעלע קוואַליפיקאַציע, טראכט איך מיך, האב איך ניט, קיין בוכהאלטעריע קען איך ניט, וואס־זשע וועל איך טאָן?

בין איך געוואָרן אַן „אָסטאַפּווישניא”, און האב אָנגעהויבן שרייבן.

* קרימסקי — סעקרעטאר פון אוקראַינישער וויסנשאפט־אַקאדעמיע. מ. פּ. לעוויצקי — באוואוסטער אוקראַינישער שריפטשטעלער.

איך זיץ זיך אַזוי און שרייב צו ביסלעך, קיין אַנדער אַרבעט האָב איך סאַיווי ניט, פּאַפּיר איז דאָ. שטאַרק שווער איז עס גיט, ס'איז ווייט אָפּגעשיידט פון זיצן זעקסער שאָענווייז דאַרט לעם עפּעס א בוך און אַריינשרייבן אהין פאַרשיידענע כעשבוינעס.

כאָטש טכילעס איז די אַרבעט אפילע אויך געווען שווערלעך, ווייל צוערשט האָט דאָס פּאַפּיר געטויגט אַף צאָרעס און דער טינט איז ניט איבעריק גוט געווען און די בלייפּענעס האָבן זיך אָפּט געבראָכן.

אָבער שפּעטער צו, אַז קניגאָספּילקא האָט אָנגעהויבן ליפערן גוטע קאַנצעלאַריע-מאַכשירים, איז טאַקע געוואָרן גרינגער. עס האָט זיך שוין באַוויזן לעשפּאַפּיר אויך, עס איז שוין ניט געווען קיין נויט אָפּקלעקן דיין שאַפונג אַף די ווענט, קעדיי זיי זאָלן זיך ניט צעוואַטשקען, און די שאַפונגען האָבן אגעוו אָנגעהויבן אַרויסגיין אי ריינער, אי ציכטיקער.

און דערנאָכדעם האָב איך געקויפט א פּאָרטפעל — און בין געוואָרן טאַקע אַן עמעסער סאָלידער שרייבער.

די יאָרן גייען זיך און דער סטאַזש וואַקסט.

אַך, ס'אַראַ מעכאַיעדיקער איניען אָט דער סטאַזש איז!

ער לויפט עפּעס אָן אַזוי זיך אומבאַמערקט און קומט דערנאָך זייער גוט צונוץ אונדזערע ברידער שרייבער.

און אהין ווייטער, נאָכן סטאַזש — זע נאָר, קומט אויך אָן די „ערווירדיקייט". ווי דו גיסט נאָר אַ קוק אין שפּיגל אף די האָר אַף דיינע, זעסטו, ווי יעדער טאָג קומט דיר צו „ערווירדיקייט". גאָר אינגיכן וועט שוין אנשטאָט די האָר אַפן קאָפּ בלייבן בלויז „ערווירדיקייט" און מער גאָרניט און דאַן איז שוין גאָר גוט. קומסט אריין אין רעדאַקציע, ברענגסט עפּעס אַ זאַך, דער רעדאַקטער ווערט עפּעס פאַרלאָרן, צעטומלט, ס'איז אים ניט באַקוועם אָפּצוזאָגן מיטאַמאָל, מאַכט ער צום סעקרעטאַר:

— מע דאַרף דורכלאָזן, ס'טויג אַפילע, צווישן אונדז גערעדט, אַף טיסעטשי קאַפּאָרעס, ס'איז אָבער אומבאַקוועם: אַן אַלטער שרייבער... מע דאַרף אָפּדרוקן! און איר, דער באַיאָרטער, וואָס איז צוגערעכנט צום אַלטן דאָר, אַז עס קומט צו אייך ווער ס'ניט איז פון דעם יונגן דאָר שרייבער, זאָגט איר צו אים:

שרייבן, כאַווער, איז א קונציקע שטיק אַרבעט. אַמאָל האָט זיך אַביסל געשריבן! עך, האָט דאָס זיך אַמאָל געשריבן! און ס'וואָלט זיך נאָך

אַצינד אויך געשריבן; דאַרף מען אָבער, פאַרשטייט איר מיך, „פאַרמעמואַרעווען" דאָס דורכגעמאַכטע לעבן. מע מוז דאָך פאַר דער געשיכטע יויצע זיין.

אַביסל שפּעטער (טאַקע אין יענעם יאָר, 1921) האָב איך אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אויך אין דער „סעלאַנסקע פּראַוודע", וואו איך האָב סעקרעטאַרעוועט אַ יאָר פינף אונטער דער אָנפירונג פון ס. וו. פיליפּענקאָ.

געאַרבעט האָט זיך גוט. אַ גוטע צייטונג געווען — אַ ליכטיקן גאַניידן זאָל זי האָבן — האָט שטאַרק ליב געהאַט די פּויערים. זי איז, ווייזט אויס, טאַקע אויס ליבע צו זיי אויסגעגאַן.

נו, און איצט וועגן דעם שאַפונג־פּראָצעס — ווי אַזוי איך שרייב.

שרייבן שרייב איך אָט אַזוי: כ'נעם פּאַפּיר, נעם אַ בלייפען, צי א פען אין דער האַנט, הייב אָן שרייבן. און שרייב.

איך מעסט טאָמער אָפּ בעאייסן שרייבן די טעמפּעראַטור. איז זי נאָרמאַל. נאָרמאַל סאַי איידערן שרייבן, און נאָכן שרייבן הויבט זי זיך אויך ניט אוף.

מיטן פּולס איז בא מיר בעשאַס דער אַרבעט ניט איבעריק גוט. איך קאָן ניט איבערציילן. בעשאַס איך שרייב, לויפט אום די האַנט איבערן פּאַפּיר, קאָן מען בשום אופן ניט אָנטאַפּן די אַרטעריע, און לייגסטו אַוועק די פען, איז שוין ניט קעדאַי צו ציילן, ווייל דאָס וועט שוין ניט זיין קיין „שאַפונג־מאָמענט". אַזוי, אַז איך קאָן אייך בעשום אופן ניט דערוויזן, וואָס עס טוט זיך מיטן פּולס, בעשאַס דער שרייבער שרייבט.

איצט מעקויעך דעם קאָפּ בעשאַסן שאַפן. איך האָב געפּרואווט שאָקלען מיטן קאָפּ בעשאַס איך שרייב — אָבער דערפון איז גאָרניט אַרויסגעקומען. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי, ווייס איך ניט אַף געוויס. מיסטאָמע צעבויטען זיך כּונעם שאָקלען די געדאַנקען אין קאָפּ. מ'זאָל אַוועקשטעלן בעאייסן שאַפן אַ הייסן טשאַיניק אַפן קאָפּ, וועט אָנשטאָט פּראָזע ארויסקומען ריימען. אי דאס ניט קיין טשאַקנדיקע. און ווען מ'זאָל זיך צעיאָגן און אַ קנאַק טאָן זיך מיטן קאָפּ אין וואַנט — הייבט מען אָן שרייבן אַזאַ מין פאַרפלאָנטערטע געשיכטע, אַז וועסט אַליין ניט דערגיין אין איר קיין עק.

דער בויך פאַרנעמט אויך ניט קיין אַבי־וואָספאַר אָן אָרט אינעם שאַפן. אויב א מענטש זעצט זיך עפּעס שרייבן, מיט דער רעכטער האַנט שרייבט ער און די לינקע האַלט ער צו באַם פולן בויך — באַקומט זיך זייער א לאַנגע פּסיכאָלאָגישע מאַיסע, אידעאָלאָגיש פאַרפלאָנטערט. ווען דער מאָגן איז אבער ליידיק און די האַנט שפּרינגט אָפּ פון בויך מאַכמעס דעם גרימעניש, וואָס גרימט אין אים — דעמאָלט קומט ס'דאָוו אַרויס, אָדער אַ קורצע יאַמבישע ליד, אָדער אַ פיינע נאָוועלע. אַז דו הייבסט אָן שרייבן, דאַרף מען זיך אַוועקזעצן אַפן בענקל פעסט, וואָרום אַניט הייבט אָן נעמען אַן אנטייל אינעם שאַפן באַגלייך מיט דעם קאָפּ אויך יענער כיילעק גוף, וואוהין די פיס זיינען אַריינגעשטעקט. קומט ארויס, עמעס, ניט קיין שלעכט ווערק. נאָר גענעמענדיק אין אַכט די שטורעמישע אַנטוויקלונג פון אונדזער קולטור, איז שוין צייט, אז מיר זאָלן זיך אָריענטירן אַפן קאָפּ.

אָט די אלע וואָרענישן זיינען גענומען פון אייגענער פּראַקטיק.

נאָך עטלעכע ווערטער וועגן דער ווירקונג פון געשלעכט־אָנרעגונג אַפן שאַפונגס־פּראָצעס. אייניקע שעפער האַלטן, אַז די בעסטע ווערק גייען אַרויס פון אונטער דער פען בא א מענטשן, וואָס איז „איבערגעפולט" מיט אַלערליי געשלעכט־אימפולסן. כ'ווייס ניט אַף וויפל דאָס איז עמעס, מיר דאַכט, אַז דאָס איז ניט אינגאנצן אַזוי. ווי אַזוי וועסטו באַווייזן זיך פאַרנעמען מיט דער „געשלעכט־פּראָגע" בעשאַס דו שרייבסט? — אי די האַנט איז בא דיר פאַרנומען, און אויך דער קאָפּ. מיר ווייזט זיך אויס, אַז דאָס איז אַ שווערע זאַך. בעסער איז, נאָך מיין מיינונג, איינס פון דיביידע: אָדער שרייב, אָדער היט דעם „געשלעכט־אימפולס".

אַפן סמאַך פון אייגענער פּראַקטיק, וואָלט איך דאָך געראָטן אַרבעטן אַזוי: קוידעמקאָל, אַ קלער טאָן, און ערשט נאָכדעם שוין שרייבן, און ניט פאַרקערט. אַזוי קומט עס אויס אסאך בעסער, כאָטש די ארבעט איז אַפילע אַביסל שווערער . . .

ווי אַזוי באַצי איך זיך צו די איצטיקע ליטעראַרישע אָרגאַניזאַציעס?

איך באַצי זיך. איך באַצי זיך צו „וואַפּליטע", צו „פּלוג", צו „וואוספּ", צו „מאָלאָדניאַק", צו „מאַרס", צו די „נעאָ־קלאַסיקער", צו „בומעראַנג" (אָדער ווי אזוי מע רופט אים דאָרט . . .), איך באַצי זיך צו אַלעמען.

אַך, טייערע כאַווײרים מײנע, געװען איז אַף דער װעלט אמאָל אַ פּי־לאָזאָף אַ כאָכעם, גערופן האט מען אים יאָסעף — װי מע האט גערופן זײן טאַטן, װײס איך ניט אַקוראַט — איז אט דער קלוגער פילאָזאָף יאָסעף האָט אַמאָל געזאָגט:

אַ בענדל? גיב אַהער דאָס בענדל אויך! אין װעג קומט אַלץ צונוץ...

פון די איצטיקע שרײבער האָב איך מער פון אַלעמען ליב כװיליאָ־װין און דאָסװיטנען. איר זאָלט נאָר װיסן, װאָס פאַר א טײערע שרײבער דאָס זײנען, װי אַזוי ס'איז מיט זײ גוט גײן אַף געיעג.

גאַנצפרי איבערן לימאַן שפּרײט זיך א זילבערנער נעפל, דו זיצט זיך אונטער אַ קורגאַנדל און דײנע אויגן שװימען אינעם נעפל, דו האַלטסט אין אײן זוכן, אהין ערגעץ דארט װײט, טאָמער אַ שװאַרץ פּינטעלע פון אַ טשירק אָדער אַ קריאַקװע,

אַך!

און פון דער רעכטער האַנט האָסטו כװיליאָװין און פון דער לינקער — דאָסװיטנען, װי אַזוי־זשע קאָן מען זײ ניט ליב האָבן?

און דערצו נאָך רײדן זײ קײנמאל ניט, סאַי כװיליאָװי, סאַי דאָסװיטנע, פון קײן ליטעראַטור.

און די איבעריקע אַלע זײנען אויך װאוילע שרײבער, ס'נאָר װאָס זײ „ליטעראַטורעװען” קעסײדער און שיסן קאָנען זײ ניט. זײ האָב איך אויך ליב, אבער שוין װינציקער.

פון די אַלטע שרײבער געפעלן מיר: נעסטאָר דער כראָניקער און אסטראמיר.

װי אַזוי איך באַצי זיך צו די טעאטערן? איך האב זײ ליב, איך האב ליב די בערעזיל־לײט, די פראַנקאָ־לײט, די אָדעסער, די זינקיװער...

אַלעמען האָב איך זײ ליב. װאָס דאַרף מען מער, אַפילע די אוקראַינישע אָפּערע האָב איך ליב, אַף מײן ערן־װאָרט.

און װען די אָפּערע־דירעקטאָרן, צום בײשפּיל, זאָלן אַזוי ליב האבן זײערע אָפּערעס אַזוי װי איך האָב זײ ליב, װאָלטן מיר פאַרמאָגט — ניט געקוקט דערויף, װאָס מיר האבן אַזאַ גרויסע צאָל דירעקטארן און קונסט־אָפּטײלונגען — פונדעסטװעגן װאָלטן מיר פאַרמאָגט, אַף מײנע נעמאָנעס,

אַן אוקראַיִנישע אָפּערע. וואָרום איך ווייס גוט וואויל, אַז טעאַטער איז אַ גוט געווער, און אויב ער איז אַ גוט געווער, דאַרף מען אָנווענדן אַ היפּש ביסל געווער אַף די דירעקטאָרן, קעזיי דער טעאַטער זאָל ווערן אַ גוט געווער.

פֿון באַלעבאַיעם האָב איך מער פֿון אַלץ ליב ציגן. פֿון פֿאַרבן געפֿעלט מיר אַמערסטן געל־ברוינע. פֿון רייכעס — פּיאַלען. פֿון בלומען — די פוקסיע. פֿון רעמאָשים — די וועספּע (אָסע). קעץ האָב איך ליב שלעפֿן פֿאַרן עק. פֿון מאַיכאָלים איז דאָס געשמאַקסטע, גלויב איך, געבראָטענע קאַרטאָפֿל, וואָס כראָמטשען אונטער די ציין.

פּרויען האָב איך ליב געשוירענע און געגאָלטע, און אויך וואָס טראָגן שטיוול.

אין גאָט האָב אופגעהערט צו גלויבן צוויי טעג נאָך דעם, ווי מע האָט אַרויסגעגעבן דעם באַפֿעל, אַז קיין גאָט איז ניטאָ; כוץ דעם אַלעמען בין איך אַ מיטגליד פֿון „מאָפּר“, פֿון „אַוויאָכעם“, פֿון „אויסאַמעראַצעס“, פֿון דער געזעלשאַפֿט „צוזאַמענשלוס“ און פֿונעם ליטעראַרישן קלוב אַף וואָס. בלאַקיטנעס נאָמען. אַ באַווייבטער.

אָט דאָס אַלץ בענויגייע דער פּסיכאָלאָגיע פֿון שאַפֿן.

אַנומלט האָב איך אַ פֿרעג געטאָן מיין זון:

— וויאַטשעק, וואָס וועסטו זיין, אַז וועסט אויסוואַקסן?

— איך וועל זיין אַ מענטש. — האָט ער מיר געענטפֿערט.

האָב איך אַ טראַכט געטאָן:

— גערעכט. זאָל ער זיין אַ מענטש. ניט קיין שרייבער, נאָר אַ מענטש. אים איז עס איצט לייכטער צו דערגרייכן איידער אונדז אַמאָל. ער וועט ניט קושן דער פּריצע די האַנט, נעבן אים איז ניטאָ קיין קאַרטאָפֿל און קיין בוריאַן, ניטאָ וואו זיך צו פֿאַרטראַכטן.

איך האָב פֿאַרנאָטירט די וויכטיקסטע מאָמענטן פֿון מיין לעבן, און די הויפּטשטריכן פֿון מיין וועלט־אַנשויאונג און לעבנס־דערפֿאַרונג, וואָס זיינען געלייגט געוואָרן אין יעסאָד פֿון מיין ליטעראַרישער אַרבעט. ווי אַזוי זיינען זיי געלייגט געוואָרן? וואָס איז אייך פֿאַר אַ נאַפּקעמינע? זיי זיינען געלייגט געוואָרן — זאָלן זיי ליגן, טשעפּעט זיי ניט.

ווי איר זעט, איז די ליניע אין מיין ליטעראַרישן לעבן געווען אַ ריכטיקע. אַי, די ארבעט טויג אַפּן ווינט? — דאָס מאַכט ניט: אבי די ליניע זאָל זיין אַ ריכטיקע.

P. S. פאַרוואָס האָב איך זיך אַזוי צוגעאיילט מיט מיין אַוטאָביאָ־גראַפיע? פאַרוואָס איל איך זיך אַזוי זי אָפּצודרוקן? גאָרניט, פּאָשעט און פראָסט. איך בין דאָך ניט זיכער, אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועט עמעצער זיך נעמען פאַר מיין ביאָגראַפיע... אַז דו טוסט עס אַליין אָפּ — קאָנסטו וויסן אַף זיכער, אַז די קומענדיקע דאַנקבאַרע דורות וועלן דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

16 - 15 מארט 1927 יאָר
כאַרקאָוו

וועג־איינדרוקן

לאָמיר אָנהויבן ווי דער סיידער־האָאוילעם איז, אַזוי ווי יעדער לייטישער „אייגענער קאָרעספּאָנדענט" טוט עס.

דער כילעק צווישן מיר און דעם „אייגענעם" באַשטייט נאָר דערין וואָס יעדער „אייגענער" שרייבט זיינע וועג־איינדרוקן צוויי אדער דריי וואָכן פאַרן אַוועקפאָר, און איך האב עס ניט באַוויזן אופּצוטאָן, קומט מיר טאַקע איצט אויס צו שרייבן, שוין זייענדיק אַפן אָרט פונעם „קאַפּיטאַלן רעמאָנט"...

ס'איז אַ סוואָרע, אַז איך וועל דאַרפן איבערהיפּערן, ווי אַזוי איך בין געפאָרן צום וואָקזאַל...

ערשטנס, איז עס פאַר אייך ניט איבעריק אינטערעסאַנט, און צווייטנס, בין איך גאַרניט געפאָרן — איך בין געגאַנגען. איך בין געגאַנגען און האָב שטאַרק אַכטונג געגעבן, אַז אַפן וועג זאָל עמעצער ניט א כאַפּ טאָן פון דער טאַראַטאַיקע מיין זעקל מיט זאַכן... יאָ. איז פאַר דער־אָצייט האָבן זיך קיין איינדרוקן ניט געמאַכט אַפילע אַף אָט אַזוי פיל אָ, כוצן „קלומאָק", און דער קלומאָק איז זיך קעסיידער א קלומעק...

און אביסל שפּעטער האָבן זיך שוין אָנגעהויבן „איינדרוקן" אויך...

אַ גאַנץ היפּשן איינדרוק האבן אף מיר געמאַכט צוויי בייזע פּראגעס פון איינער א געפּאַקטער פּויערטע, וואָס איז געשטאַנען אף די טרעפּלעך פון וואַגאָן מיט א קאָראָמיסלע אין די הענט.

די ערשטע פראַגע איז געווען „וואוהין טראָגט עס מיך?" די צווייטע — „צי ס'זיינען מיר אַרויסגעקראָכן די אויגן?"...

איך האב זייער העפלעך געענטפערט, אַז „טראָגן" טראָגט עס מיך אין וואַגאָן אריין, און אַז די אויגן זייגען נאָך בײַ מיר דערווייל אפן אָרט.

אף אָט דעם אַלץ איז דער פּויערטעס רעזאָליוציע געווען אַ קורצע:

— „שיידים טראָגן זיי אַהער!"

אָבער לאַנג לעבן זאָלן זיי, די „שיידים", זיי האָבן מיך טאַקע אַריינגעטראָגן אין וואַגאָן אריין, זיי האבן פאַנאַנדערגעשטופּט איבערן וועג עפּעס נאָך א פינף־זעקס פּויערטעס און איך בין געבליבן זיצן צונויפגעדרייט אין פירען אַף מיין אייגענעם פעקל.

ביז מע האָט דערלעבט הערן דעם דריטן קלינג, האט זיך בײַ מיר דער אָטעם פאַרמערט אף צען און דער דויפעק — אַף 20 אָדער 30 אין א מינוט.

אָבער וויסנדיק פון דער מעדיצין, אז איך האב אין מיין רעשוס פאַרן אָטעם און פאַרן פּולס נאָך צו וואָסערע צען איינסעלעך — האב איך זיך שוין איבעריקס וועגן דעם ניט געזאָרגט...

באָם! באָם! באָם!..

— צופּ!

— אָך! (ס'איז איך אזוי).

וואָרום ס'האָט מיך אַ וואַרף געטאָן אף צוריק צו עמעצן אַפן שויס, און ס'האָט דערלאַנגט א לייג מיין אַקן צו דער הינטערשטער שכיינע, פּונקט אַף דעם אָרט, וואו דער גאַרטל גייט בײַ איר איבער צום: „דאס ווייטערדיקע"...

דארט בין איך פון דער ערשטער רעגע אַזוי ווי צוגעזאדטן געוואָרן...

און די פעדערשטע האָט פלינק אַ האָפּקע געטאָן צו מיר אַף דעם אָרט, וואו מיין ברוסט גייט איבער אין „דאָס ווייטערדיקע"... האט זי זיך אַוועקגעזעצט און נאָך אַ פּאר מאל (זאָל זיך איר דארט גרינג שלוקערצן) ווי ס'דאַרף צו זיין אַ דריי געטאָן. זיך איינגעמאָסטעט, הייסט עס.

פונדאַנען האָט זיך גענומען מיין „אָך"!

זיי געזונט, — האָב איך זיך א קלער געטאָן, — זיי געזונט, כאַרקאָוו!

ס׳האט געשמעקט מיט שווייס... ס׳האט געשמעקט מיט מילך (בעהיימישן)... ס׳האָט געשמעקט... מיט וואָס האט עס דארט ניט געשמעקט!?

— רייכעס זיינען דאָ אַף דער וועלט פאַרשיידענע, — פלעג מיר אַמאָל זאָגן איינער זייער א לייטישער פאַרשוינדל, קאָנדראַט, וואָס איז בעשאַיטע אַוועקגעשטארבן פונעם „ביטערן טראָפּן”, — און ס׳טאַקע הייליק ווי די וועלט!.. וואָרום אינדערעמעסן גענומען „זיינען רייכעס דאָ אַף דער וועלט פאַרשיידענע”...

באַזונדערס אין וואַגאָן און באַזונדערס דאָן, בעשאַס א זשורנאַליסט פאָרט אָפּרוען.

פריילינגדיקע רייכעס...

... געזעסן אַפן ברוסט באַ מיר איז, ווייזט אויס, א מיטעלע פּויערטע... וואָרום קיין „קורקולקע” וואָלט איך ניט אויסגעהאַלטן און פון אַן „אומפּארמעגלעכער” וואָלט אָן שום סאָפעק געווען אַסאַך גרינגער.

שטילינקערהייט האָב איך זיך אונטערגעקרעכצט און מיט צארטקייט געטוליעט מיין פּאָנעם צו דער הינטערשטער שכיינעס לענדן. און די „מיטעלע” האט, זיצנדיק אף מיין אייגענעם בויך, הילכיק און דרייסט געקנאַקט יאָדערן...

און פון יענער זייט פענצטער האָט שוין געשיינט דער קאָרן. די ווייצן האָבן זיך אָנגעגאָסן און צווישן די קאָרנס האבן זיך געבלויט קאָרנבלימעלעך. און ס׳האָט אַזוי פרידלעך געקוקט איבער די וועלדער...

און פון יענער זייט פענצטער האָט צווישן די זונענרויזן זילבערדיק געלערכלט... און פון יענער זייט פענצטער איז:

Немає меж... і де кінці,
Що ставили-б Сонцям
Семестри
У голубому Молоці?

(קיין זוים, קיין עק... וואו איז
דער ברעג,
וואָס זונען איז אימשטאַנד
פאַרצאמען
אין די בלויע מילך-יאַמען?..)

איז דאך עס פון יענער זייט פענצטער?!

און ביזן פענצטער (ס׳אַ גרויל אַפילע אַ קלער טאָן דערפון) נאָך אַ פּאָר 15 לענדן. און א פוד 60 לעבעדיקע ווייבערשע וואג. מע זאָל שוין ניט רעכענען די קאָראָמיסלעס און די קריגלעך מיט די קוישן.

אָט דער אָ „צוזאַמענשלוס מיינער מיטן פויערטום" האט זיך געצויגן אַ דריי באַן־סטאַנציעס די לענג...

די גאנצע צייט האָב איך ניט ארויסגעלאָזן פון געדאנק עמעצנס זייער קלוגע עטלעכע ווערטער:

— „צום פויערטום דארף מען אונטערגיין מיט קענטעניש, אויב ניט, איז אַנשטאָט דעם צוזאַמענשלוס קאָן זיך קלאָר וואָס באקומען".

הייליקע ווערטער, עמעסע ווערטער! בעפיירעש טאַקע „אונטערגיין" און בעפיירעש טאַקע „מיט קענטעניש".

און איך „האב זיך גאר אונטערגעלייגט אונטערן פויערטום". און כ'וועל זאָגן דעם עמעס: איך האב זיך אונטערגעלייגט זייער ניט באַקוועם און גאר אָן קענטעניש.

און אנשטאט דעם צוזאַמענשלוס האט זיך באקומען „אָך" און גאר!

איך דריי סטאַנציעס אַרום — דער לעצטער „שמאָרע" מיטן ברייטן פונדאַמענט איבער מיין בויך, דער לעצטער „קאַדויטש" און נאך אים, — מיין שוין־גליקלעכער און פריילעכער לעצטער „אָך".

מ'איז פון מיר אופגעשטאַנען.

ס'האט א פּאָכע געטאָן מיט אַסאַך קליידלעך...

עמעצנס גלייכע יונגע פיס האָבן אין איין אָטעם א שפרונג־אַראָפּ געטאָן פון דער אויבערשטער פּאָליצע צו מיר אָפּן לונג און לעבער.

עפּעס האט נאך מיך א כאַפּ געטאָן פאַרן קאפּ און מיט א כעדווע אויסגערופן: „זע נאר! אַבי איך האב געמיינט, אַז ס'איז די טיקווע!" — און אפּגעלאָזן.

איך האָב פארזשמורעט די אויגן און מיר האט זיך אַזוי בוילעט פאָר־געשטעלט, אַז איך ליג אף די דאָרעם־אַמעריקאנער פליינען און איבער מיר סמאַליעט ווי א וויכער אַ טאַבון דערשראקענע ביזאָנען, וואס האבן דערשפּירט א טיגער פונדערנאָענט.

. . . .

דערנאָך האב איך שוין געזען אויך דעם קאָרן, און די קאָרנבלימע־לעך האבן מיר געבלויט און זיך פארנויגט מיט די בלויענקע היטעלעך. און די פעלדער האבן אָנגעקוואלן. עמעצער כויזעקט:

— ווי?.. זיך דורכגעפאָרן אביסל?!

— וואָס זשע איז אף אייך אַזוי דער געלענדער? — קלער איך שוין צו זיך אַליין, — נו, בין איך זיך דורכגעפאָרן, טאָ איז וואָס?! איר שמייכלט? וואָס איז דען? מיט אייך האָט זיך דען קיינמאָל אַזעלעכס ניט געטראָפן? ס'דען ניט פון אייך זינגט מען עס:

Ой поля, ви поля,
Мати рідна - земля
Скільки крови і сліз
По вас, вітер розніс.

(אוי, איר פעלדער מיינע, הערט. —
הער, דו, מאַמעניו - ערד:
וויפל טרערן, בלוט און לייד
האָט דער ווינט אַף אייך צעזייט?..)

— און בא מיר איז נאָך קיין בלוט ניט געווען, און קיין טרערן האָב איך אויך ניט באמערקט... ס'האָט נאָר אַזוי... ווײ געטאָן...

מעזעפא... איזערסקע... בירקע...

אין וואַגאָן געפינען מיר זיך: איך, און נאָך איינער, אַן אַלטינקער, וואָס לאָזט די גאנצע צייט פון מיר קיין אויג ניט אראָפ. איך זע, אז ער וויל זייער צו מיר אָנהויבן ריידן...

ענדלעך, האָט ער זיך איינגעשטעלט:

— ווי מיינט איר? מע קאָן לעבן אָן גלויבן?

אין דער - אָ רעגע זיינען מיינע מאַכשאָווע'ס אַקוראַט געווען פאַרנומען מיט מיין לעבער, מיט דעם ענגלישן אולטימאַטום, און מיט דעם, צי מ'וועט אונדז פאַרגרעסערן אַף יולי די סכירעס.

— מ'קאָן! — האָב איך א בורטשע געטאָן.

דער אַלטינקער האָט זיך טייקעף אָפגערוקט און גענומען זינגען:

„Возбраный у єводі побідительная“...

. . . .

בעזפאַלאָווקע! פיניש! — הייסט עס...

און פון בעזפאלאָווקע, ווי איר ווייסט, איז דאך שוין קיין פאַסיקע גאָרניט ווייט...

אַזוי ווי איר גייט נאָר אראָפ פון באַן, איז גלייך, לינקס, לאַנג אויס דער קאָליע אַביסל, און דערנאָכדעם זיך אביסעלע פארקרימען... מיטן וועג, וואָס קיין האמילשע...

— האמילשע ווייסט איר ?
— ניין ?
— צי דען ווייסט איר ניט ? דאס איז אפן וועג קיין פּאַסיקע...
צווישן פעלדער גרינע האט זיך דער וועג אויסגעלייגט, גייט איר...
אי רעכטס ליגן פעלדער, אי לינקס ליגן פעלדער...
און אויב איר ווייסט טאַקע פּאָרט ניט דעם וועג, איז דאס בעסטע
פאַר אייך — נאָכגיין נאך דער פור, וואָס פירט אייערע זאַכן...
אַזוי וועט איר געוויס פארגיין...
און אָט איז שוין פּאַסיקע ניט ווייט.
אָט איז די שול אויך!
— טפררררר!..
געקומען...

אַט איז עס — אָט דאָסדאָזיקע דאָרף

Село і серце відпочине.
    Т. Шевченко.
אַ דאָרף, — דאָס האַרץ מײַנס װעט דאָ רוען...
    ט. שעװטשענקאָ.

I

אָך, איז אין דאָרף אַ מעכ־כ־כאַיע!

אָט האָסטו דיר דעם װײַנשלבוים אונטערן סאַמע פענצטער, לעם װײַנשלבוים אַן אָסיקע. הינטער דער אָסיקע — דער קאָרן. פון יענער זײַט קאָרן — די האַרבוזעס. פון יענער זײַט האַרבוזעס — די קאַרטאָפל, און פון יענער זײַט קאַרטאָפל — דער אָפטרעט...

אַלץ אײַנײַנעם... אַלץ װאַקסט, אַלץ בױאַניעט, אַלץ שורשעט און אַלץ שמעקט...

אָך, װי מעכ־כאַיעדיק ס'איז אין דאָרף!

איר װײסט כאָטש װאָס הײסט אַזעלכס דאָרף? ניט פון די טעזיסן, און ניט פון די סטאַטיסטישע יעדיעס, װאָס די „אופּראָדקאָמען" שטעלן אײַך צו, ניט פון די באַריכטן, װאָס די דאָרפראַטן און װאָל־אױספּירקאָמען

דערלאַנגען אײך — נײן. ניט קײן אָפּיציעל דאָרף, נאָר אַזאַ דאָרף... נו, אַ דאָרף און אַן עק, װי די מעדיצין האָט זיך ליב אױסדריקן „perse“.* איז אָט אין דעם אָ perse־דאָרף האָט איר עפּעס אַ געשיל?

עך, ס׳אַראַ גוט דאָרף דאָס איז!..

ניטאָ דאָ ניט קײן ברײט, ניט קײן לענג. די „מערידיאַנען“, װי אױך די „פּאַראַלעלן“, האָבן צו אים קײן שײַכעס ניט. סטאַם אַזױ. דו גײסט זיך אַרױס אַפֿן בערגעלע האָסטו דיר אַלץ אַרום, אַזױ װי אַף דער דלאָניע: אַזױ אָ גלײַך איז די שול, נאָך דער שול — די „ראַספּראַװע“, און אַהערצו־אָ אַביסל, װאױנט סטאָרטשיכע און אין אַ זײַט אַ קאַפּ — די מומע אוליאַנע און אינמיטן איז אַ קלײן פּלעצעלע, איז אַף דעם פּלעצעלע גײען אַרום כאַזײרים.

די זון גײט זיך אױף אין דאָרף אַף די אַרױף־טרעפּ, און פֿאַרגײט. פֿאַרנאַכט פֿאַרגײט זי זיך אַראָפּ־טרעפּ. און אַז ס׳איז שױן צײַט צו עסן מיטאָג, דערלאַנגט זי זיך אַזױ, אַז: „אױ, — אױ, אױ! די זונעלע איז שױן גאַנץ הױכלעך!“ און שטעלט זיך אומיסטן פֿאַר ס׳אַראַ פּינקטלעכע, אָקוראַטע די זון איז אַפֿן דאָרף: זי װעט זיך דיר קײנמאָל ניט אַרױף דערלאַנגען אַף יענער זעלבער הײך מיט אַ שאָ פֿריער, צי מיט אַ שאָ שפּעטער, נאָר פּונקט דעמאָלט, װען מ׳דאַרף עסן מיטאָג.

מענטשן װאױנען אַזעלכע אין דאָרף, װאָס רופֿן זיך אָן אוקראַאינער. דעם עמעס זאָגנדיק, איז די באַפֿעלקערונג ניט גאָר קײן רײנע. װאָרום אױסער די 800 מאַן אוקראַאינער איז נאָך פֿאַראַן אײנע אַ יונגע פֿרױ, װאָס אַף איר זאָגט מען: איז זי דאָך „אַ רוסישע!“ זי איז אַהער אַראָפּגעקומען אָט־ערשט ניט לאַנג פֿון סאַראַטאָװער גובערניע. קײן נאַציאָנאַלן האַס איז דערװײַל ניט צו באַמערקן. זי שלאָפֿט מיט די היגע פּאַרובקעס, שלאָפֿט שטאַרק, פֿעטעט און אַלע נאַכט! איר שלאָף פֿאַרגײט אַזױ װײַט, אַז אַפֿן צװײטן עק דאָרף זאָגט מען: „אַ, ניט געדאַכט זאָל עס דיר װערן, מ׳זאָל אַזױ אַ גאַנצע נאַכט ניט אופֿהערן הײרזשען?!“

מערן מערט זיך די באַפֿעלקערונג ניט מיט קײן אינקובאַטאָרס און די פֿאָלגן זײַנען גאַנץ װאױלע: באַ מאַטרען — איװאַסעק, באַ אָקסאַנען —

* רײנע, ניט געמישטע.

האַפּאַטשקאַ, באַ אָדאַרקען — מיטראָפּאַן. דאָס איז פּאַר איין וואָך אָנאנהאָרע.

ס׳איז נאָר אַביסל ביטערלעך מיט די קעסט.

— „אַז דער אויבערשטער וועט העלפן, ס׳וועט אַמן פעלד געראָטן, וועט מען זיך באַ אונדז אַנעם טאָן צו דעם־אָ געשעפט אַסאַך לעבעדיקער״.

אַזוי האָט מיר געזאָגט דער פעטער אָניסקאָ. — פון ליקאָ־מעל וועסטו ניט שטאַרק אָנקוועלן! מיט איין וואָרט, ס׳איז „שמיטשיקלעך״.

דאָס גלויבן איז דאָ אַ פּראַוואָסלאַוונע. מ׳גייט אין קלויסטער אריין. כאָטש ס׳זעט זיך אַביסל צופיל אָן די ווירקונג פון די קלויסטער־געשעגישן אַפן דאָרף, טרעפט זיך אַמאָל, אַז היגע אייגענע סיבעס דרייען איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס ארויף אַפילע אַזעלכע איינגעשטעלטע, פעסטע, דעמב־שטאַרקע טראַדיציעס, ווי די קלויסטער־טראַדיציעס.

אָט האָט איר, צום ביישפּיל, אַ רעליגיעזן, גיטדאָגעדאַכט, אומגליק: דעם היגן גאַלעך האָט עס אופגעבלאָזן פון ווילדער קלובניקע. איז כאָטש די לופטן גייען צו ביסלעך אָפּ, אָבער פירן די גאָט־דינסט איז שווער, און אַ מוירע זיך איינשטעלן. נו, איז צאָרעס.

און אָפּלייקענער זיינען פאַראַן!

— איז וואָס איז? — זאָגן זיי — ווען „באַטיושקע״ האָט עס אַביסל אופגעבלאָזן, טאָ זאָל די „מאַטושקע״ פירן די גאָט־דינסט.

וואָס איז דען דער כילעק? און ווי איז עס געמאָלדן, אַז אַ „באַטיושקע״ זאָל אָפּלעבן אָנאנהאָרע אַזאַ צייט מיט דער „מאַטושקע״ און זאָל איר ניט איבערגעבן פון זיין הייליקייט?..

— נו, מיילע. אַזוי, איז עס אזוי... אָבער...

און פון דער צווייטער זייט:

— טאָמער וואָלט איר גאָר, מוטערל, צוגערעדט דעם פאָטערל: זיי זאָלן זיך גאָר אָנגעבן צו די אַווטאָקעפאַליסטן: די אַווטאָקעפאַליסטן זיינען נאָך פון קיין קלובניקעס ניט אופגעבלאָזן געוואָרן...

און די „פּאַראַכוויע״ קאָכט!

II

אָבער ס'איז אויך פאַראַן אַזאַ מאַיסע, וואָס האָט מיך שיר ניט גע־צווינגען גלייך באַם אריינפאָר אין דאָרף אויסשיסן אַף אַ קאָל:

„שטייט אויף, איר אַלע ווער ווי שקלאַפן...”

— ווי קלערט איר?

— וואָס זאָל דאָס זיין פאַר אַ מאַיסע?

— אַן אַרקע!

פונקט אַנקעגן דער שול, באַפוצט מיט סאָסנאָווע צווייגן און מיט אַזאַ פיצענונקען רויט פאַפירעלע פונויבן...

— ווי אזוי ס'האָבן טכילעס די פערד זיך געשראָקן דערפאַר, טאָ זאָל מען שוין גאָר נאָכאַמאָל ניט געפּרואווט ווערן! — דערציילט מיטראָ כווע־דעראָוויטש.

— און איצטער?

— איצט זעט איר שוין אליין. זיי גייען, די קעצענע קאָטערס, כאָטש שיס זיי אונטער די פעל. מע געוואוינט זיך צו.

דאָס האָט מען צום ערשטן מאַי אופגעטראַסקעט אַזאַ!

אַפן זיבעטן יאָר רעוואָליוציע האָט פאַסיקע דערלעבט זען אַן אַרקע!

אָבער טאַקע דערלעבט! און איצט, אז דו צעשמועסט זיך מיט עמעצן פון די פאַסיקער, שפריצט באַ אים מאַמעש פון די אויגן און פון דער באָרד:

— אָט ווער מיר זיינען!

און אויב זיך באַרימען, טאָ זאָל טאַקע זיין זיך באַרימט.

— מיר האָבן דאָך נאָך אַ „טריבונאַל” אויך.

אומעטום, זאָל זיך אייך דוכטן, רופט מען אָן „טריבונאַל” דאָס, וואָס ס'איז פּראָסט און פאָשעט אַ טריבונע, — באַ אונדז איז עס אַ „טריבונאַל”.

נאָר ס'מאַכט ניט אויס: אונדז איז עס דערלויבט.

און דאָס איז אויך ניט קיין ליגן: עמעצער האָט זאַך מעראַכעם געוועזן און צו געלאַקכנט דעם „פאָמייסט” פונעם „טריבונאַל” און נאָך ארויט־געריסן באַ אים איין פוס, אָבער די איבערגעבליבענע דריי פוס זאָגן נאָך איידעס מיט געגוג שטאָלץ, אַז דעם ערשטן מאַי איז אף פאַסקיער פלאַץ „די רעוואָליוציע געגאַן”.

„קאַפּאָסנע” באָכערים! גאָרניט איז זיי ניט צו שווער! כאָטש צוריק גערעדט, איז דאָך עס טאַקע געהילך פון „האָלצן־לאַנד”, ס׳קען פון דעם זיין אַן אַקער־הענטל אָדער אַ ליושנע! נו, האָבן זיי זיך ניט איינ־געהאַלטן!..

... אָט אַזוי אָ, ברודער, מיט אונדז טרייבט מען ניט קיין כויזעק!

ווארום וואָס ווייסט איר? מעגלעך, אַז אַפן אַנדערן יאָר צום ערשטן מאַי, אָדער צו די טעג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע וועלן מיר אופאַרבעטן אַזאַ „טריבונאַל”, וואָס איר דאָרט אין דער הויפּטשטאָט, אַף מיקאָלאַיעווער פּלאַץ, וועט מען אייער „טריבונאַל” פּאָשעט פּאַר־שטעקן הינטער דער הרובע, ס׳וועט אייך טאַקע גאָרניט ניט העלפן...

און כוץ דעם איז זיך באַ אונדז שאַ־שטיל.

מיר אקערן, מיר זייען, מיר פּרוכפּערן זיך ווי אַלע איבעריקע פּראַ־וואָסלאַוונע.

אינקורצן גערעדט: מע לעבט!..

כאָטש די מומע סטאַרטשיכע... (איר קערט זי דאָך קענען, אָט די, וואָס וואוינט דאָרטן איבערן וועג, באַ איר איז דער טויער אַ שוואַרצער און דער האָן אַ נאַקעט־העלדזל) האָט אָט־די אָ מומע אַ זעץ געטאָן זיך אָט אָ מיט ביידע הענט איבער די לאָפּאַטקעס:

— זאָל איך אזוי לעבן, אַז איך וועל שוין אפילע ביז פּאָקראָווקע ניט דערציען!

— וואָס איז דען, מומענקע, מיט אייך אזעלכס געשען?

— אוי, מיכאַילאָוויטש, איך וועל עס ניט איבערטראָגן, דער מאַמזער וועט מיך אומברענגען!..

— וועמעס מאַמזער?

— מיינער מיט מיין טעכטערלס.

טאָ וועמענס זשע פונדעסטוועגן איז ער אויב אזוי, אייערער, צי דער טאָכטערס?

— אָך, מיין טייערער, ווי קום איך עס וויסן?

— גאָר אזוי?

— ניט אנדערש, אַז מ׳האָט אַן אנהאָרע געגעבן! וואָס איז? איך האָב דען ווינציק אַכטונג געגעבן און געקוקט? זאָגט אַליין אומיסטן! דאָס זיבצנטע יאָר אַ קינד, אָט אָ ווי דער קאָרן האָט אָנגעהויבן בליען, איז

איר דאָס זיבצנטע אַוועק... טאָ פונוואַנען זשע, פרעג איך אייך, האָט זיך עס געקענט נעמען?! אַז אָסער אויב זי איז ערגעץ אַפילע אַף איין טראָט פון הויף אַרויסגעגאַנגען.

— איז עס „אַליין" מינאַסטאַם, מומענקע, צום הויף געקומען!

— אָט אָ, דאַכט זיך, אַרום פּיליפּיוּוקע נאָך, שפּרינגט זי אַדיין אין שטוב אַריין ווי אַ צעדולטע.

— וואָס איז מיט דיר? — פרעג איך זי.

— עפּעס — זאָגט זי — האָט זיך מיר אַ ווייז געטאָן אַזעלעכס!

און אַליין האָט זי פּאַמעלעכן אָנגעהויבן פולער און פולער ווערן. און פון דעמאָלט אָן איז וואָס אַ טאָג ווייטער, — זע איך, אָט דאָס איז עס, אָט דאָס טאַקע עס איז... אוי, איך וועל עס ניט אויסהאַלטן.

— אַ דאַיגע, מומענקע, ס'איז אָן גוואַלד! איר וועט ווערן יונג אַ באַבע.

— אוי, ניין, ניין! איך וועל עס ניט אויסהאַלטן!

. . . .

זעט איר ווי ס'קומט באַ אונדז פאָר?

און באַ אייך טרעפט זיך דען אַמאָל אַזעלכס, אַז פון אַ דערשרעקן, צי פון אַן אויסדיכטעניש זאָלן ווערן קינדער?

. . . .

טאָ ווי אַזוי זשע האָט מען ניט ליב אַזאַ דאָרף?!

פאַר דער סוידעספּולקייט אַפילע אַליין! פאַר די אומגעריכטקייטן.

קאָנסט דען אַזוינס פאַרויסזען? צי דען קען ט'אַזעלכס אָפּטרעפן?

אָט אָ ליג איך אַף אַ בערגל אונטערן ווייַנשל - בוים, אָבער פונוואַנען קענט איר וויסן וואָס ס'טוט זיך אָפּ אונטן אונטער דעמזעלבן בערגל? עפּשער געפינט זיך דאָרט אַזוינס, ווי יענער רופט עס אָן „קורסקער אַנאָמאַליע", אַזוינס, וואָס טו עס נאָר אַ גראָב, וועט עס דיך גלייך איבערקייבערן מיט די פיס אַרויף... אָדער עס וועט נאָך אף דיר אַזאַ פייף טאָן מיט נאַפט, אַז קערזאָן אַליין וועט זיך אַ לייג טאָן אין זיין גאַנצער לענג.

אָדער טוט אָט אָ אַ קוק: באַם יאַר אָן - אָ האָט זיך אָנגעכאַפּט באַ אַ קאַלב פאַרן עק עמעצנס אַ ווייס קעפּל אין צעריסענע לייַנוונטענע הויזלעך און ס'פּליט פייל - אויסנבויגן.

צי דען קאָן מען וויסן וואָס פון דעם ווייסן קאָפּ וועט אַמאָל אויס־וואַקסן?

עפּשער איז עס אַ קומענדיקער „וויסטי״־רעדאַקטער?

און עפּשער דער פאָרזיצער פון „פּלוג״?

ס׳קען זיך דען ניט מאַכן, אַז אין אַ יאָר 25 30 ארום זאָלט איר אַריינגיין אין „טשערוואָנע שליאַך״ און דערזען עס זיצן אַפן רעדאַקטער־שטול און ס׳זאָל צונעמען בײַ אייך אייערע מאַנוסקריפּטן...

. . . .

פאַר אָט די־אָ מעגלעכקייטן די אומבאַגרענעצטע, בעט איך אייך, האָט עס ליב דאָס דאָרף...

פון דעם וועט אַרויסקומען. אַלץ וועט פון דעם אַרויסקומען!

עס שלאָפט נאָך, שלאָפט זיס אי בעשאַסן טראָגן זיך איבער די פעלדער, אי בעשאַסן פליען פייל אויסן־בויגן נאָכן קאָלב.

טאָרקעט עס אויף אַביסל. ס׳איז שוין גאָרניט אזוי שווער עס אויפטאָן איצט.

שטעלט נאָר אריין טאַפּליעלעך אין די פענצטער פון שול, און סע זאָלן אין דער שאַפע, וואו איצטער לויפן אום מייז, אין דער אַ שאַפע זאָלן זיך אַ ווייז טאָן אַביסל ביכלעך!

דעמאלט וועם פון דעם־אָ אָנצייכנערדיקן, וואָס איז אָן הויזן אט א פון הויף אַרויסגעשפּרונגן, געוויס אויסוואַקסן אַ וואַליערי פּאָלישטשוק*

און פון יענעם, וואָס האט אָן־אָ אַף די ברעטער אונטערגעשפּאַרט מיט דער האַנט דאס מאָרדעלע און הערט ניט אויף די גאַנצע צייט קוקן צו דער זון — פון יענעם וועט אַרויס אַ פּאַוולאָ טיטשינע.**

* וואַלערי פּאָלישטשוק — אוקראַינישער רעוואָליוציאָנערער דיכטער.

** פּאַוולאָ טיטשינע — איינער פון די גרעסטע אוקראַינישע רעוואָליוציאָנערע דיכטער.

„די ערד נויטיקט זיך אין באַארבעטונג“

אַז איר גייט ארויס פון בעזפּאַלאָווקע קיין פּאסיקע, מוזט איר זיך ניט־ווילנדיק אָפּשטעלן לעם איינעם אַ „לאַן“. איר קוקט זיך צו אים שטאַרק צו און איר הויבט אָן טראַכטן:

— וואס קער עס דא אזעלכס וואקסן, אף דעם־אָ „לאַן“?

לאַנג־לאַנג לייגט איר זיך אזוי איבער אין געדאַנק, ביז ס׳קומט ניט אָן אהער אַף די אָ קלערונגען מיטרא כוועדאָראוויטש.

— מיטרא כוועדאָראָוויטש! — טוט איר אים אַ פרעג — וואס קער עס דא זיין אט אָ פּארזייט אזעלעכס?.. אַ גוטער אייך!

— אַ גוטער! אט אָ דאס אָ? אט דאס איז גאָרניט. ווייזט אויס, אַז ס׳איז פויגלשע ארבעס! געדיכטלעך זיך פאַרנומען! מ׳האט געזייט האבער, האט זיך אזוי באקומען, אַז די פויגלשע ארבעס וועלן אים אוועקהאַר־גענען...

— און אט דאס אָ?

אט דאס קער זיין ניט אנדערש מישעי;* אט זעט, ווי ס׳איז ארויס־געשפרונגען אזוי ווי אונטער אַ באַרשט. הינקא האט זיך נעבעך געריכט האבן א גערשטענע קאַשע, וועט ער שוין האבן ניט קיין קאַשע נאר עפּעס אַנדערש. מישעי איז דיר גאר פון די קליינע גוטע פריינט: ער

---

* א מיסט - גראָז.

קען דיך מאַכן פאַר אַ „באַלעבאס" אין איין קוק. עפשער האט איר אַ ציגאַר?

— נאַט אייך אַ ציגאַר.

מיטרא כוועדאראוויטש איז אַ פאַסיקיער „בירגער" אין אַ שמויסן היטל (די טעמפעראַטור אין פאטיליצע איז 40°), אין א „בומאַזייען" העמדל, אַ באָרוועסער און אין בענדלעך אנשטאט הויזן.

— אַמאל זיינען עס געווען הויזן — זאגט מיטרא כוועדאראוויטש און קוקט בעשאַס־מאַיסע אַף דער רעכטער פוס.

— און ס'צו פאַרהאָפן, אז זיי וועלן נאך אמאָל זיין! — טו איך אַ שמייכל... באַ אייך זיינען די הויזן אין דער פאָטענץ, מיטרא כוועדאראָוויטש.

זיי וועלן אויסוואַקסן, — איר זעט, איין פעדעמל פלעכט זיך איבער מיטן צווייטן, וועט שוין ווערן הויזן!..

— ס'וועלן אַוואַדע ווערן, ס'וועט מיט גאָטס הילף זיין.

מיטראָ כוועדאָראָוויטש איז אַ פילאָזאָף. ער איז באַקאַנט מיט „יאָ־האַן באַגאָסלאַווס זעאונגען", אַפילע דעם פערד דעם ווידל פארבינדט ער „לויט די זעאונגען"...

— לאַכט איר? ווי דען, מיינט איר, ווערט געשריבן אין די „זעאונ־גען"? אַז גאָטס וועלט איז פאַרפעסטיקט מיט דראָטן... אַז דער האָגל דער שאָדנדיקער — נאָך דער היץ דער באַקנדיקער קומט ער!! — איז דאָך עס עפעס אַזאַך! און איר לאַכט גאָר?

וויפיל קער אַזאַ מיטראָ כוועדאָראָוויטש אַלט זיין?

פונוואַנען זאָל איך וויסן?

עפשער־27, עפשער 67!

מיטראָ כוועדאָראָוויטש געהער צו יענע „בירגער", וואָס טרעפן זייער עלטער קען מען נאָר אָדער בעאייס א קלויסטער־יאָמטעוו, אדער אויב שוין גאָר, איז פייסעך־צייט, בעשאַס זיי וואַשן זיך אַרום... אָבער אַזוי איז עס אַ טיפער סאָד.

אַנו, טרעפט, איך בעט אייך!

אַ מיטעלער וואוקס! אַ געזעצטער! די באָרד וואַקסט אים פון די אויגן אַרויס און פון די אויערן... האָר ווי אין אַ שטויג... ניט קיין קיין שאַטען, ניט קיין בלאָנדין, ניט קיין ברונעט... פון אַוועלכן־זשע קאָליר איז ער פאָרט? ווער ווייס עס? — „אַ מעטושטעשער!"...

אַז ער טוט אָן עפּן די ליפּן, דאַכט זיך, אַז זיי האָבן אַריינגעכאַפּט באַ אַ זעקס ווייס־ווייסענקע פּאַסאָלקעלעך אין אַ רײ (די ציין).

די אויגן? די אויגן זיינען אָט דאָרטן! ערגעץ פון יענער זייט געדיכטן וואַלד, ווי צוויי גרין־קאַלעמוטנע אָזערקעס...

און אַרום זיי ביידע איז רו און שטילקייט! און נאָכעט־אַמאָל — שטילקייט און רו! און קיינמאָל, ווייזט אויס, איז איבער אָט־די אָזערקעלעך קיין כוואַליע ניט דורכגעלאָפן און קיין פיש ט'זיך קיין פּליושקע ניט געטאָן...

האָט איר שוין געטראָפן?

וויפל?!

... 27! 47!? 67?!

אָט דאָס איז עס דאָך טאַקע!

און מיטראָ כוועדאָראָוויטש האָט שוין וואוסטיען זיינע אויסגעגעבן.

כאָטש, ניט זינדיקן זאָל מען מיט די רייד, אַזאַ אויסגעבעבכץ איז עס שוין היינטיקע צייט געוואָרן.

— וואָס איז דען?

— עפּעס אַ „דערווייליקער", אַזאַ ניט קיין עמעטער! דידאָזיקע 150 לימענעס (מיליאָנען) גיב אָפּ אין ספּאָלקאָם אַריין און הונדערט — דאָ באַ זיך! אָט האָט איר צוויי הונדערט און פופציק! און זי וועט זיך דאָרט דורכדרייען, דורכדרייען און דערנאָכדעם גייט ארויס אַזעלכס: ניט קיין אַלמאָנע, ניט קיין גרושע...

— טאָ וואָס זשע איז עס אייך מאַר אַ דאַיגע?! דאָס איז שוין דאָך איר זאַך: ווי אַזוי, זי וויל, אַזוי זאָל זי זיך לעבן!

— אַז מ'וויל איז עס טאַקע אַזוי! אָבער איצטער איז עס אַזוי אַוועק... מ'האָט זיך דערווייל אנידערגעזעצט...

— וואָס זשע זאָל עס זיין, מיטראָ כוועדאָראָוויטש, פאַר אַ סימען, וואָס אַט אָ זיינען די „ניוקעס" אייערע אַזוי פאַראומריינט געוואָרן, אַז ס'גאָלע פויגלשע אַרבעס און גאָלע מישעי?!

— די מאַיסע איז דערפון, פאַרשטייט איר מיך, אַזאַ: די ערד נויטיקט זיך, ווי זאָגט ער דאָרט, דער אגראנאָם, אין באַאַרבעטונג. נו, קער דאָס טאַקע זיין אָן עמעס... וואָרום אָן אַ באַאַרבעטונג האָסטו דיר גאָלע, ווי דו זעסט, פויגלשע אַרבעס...

— וויפל זאָל שוין זיין אינדרינען, מיטראָ כוועדראָוויטש, זינט איר פאָרעט זיך באַ ערד?

— אַזוי קער זיין אַ יאָר באַ דרייסיק, אָדער עפשער נאָך מער...

— און אָן א באארבעטונג?

— אַקערן, אקערן מיר.

— און ווי וואָלט זיין איר זאָלט פרוואון ניט אַקערן אויך, עפשער וואָלטן — אַ קאשע אף א מאיסע — אויסגעוואקסן גרייטע לעבעלעך ברויט אפן פעלד?

— ניין, דאָס איז שוין שווערלעך... אָן - אָ - אָט זעט איר יענעם קאָרן... א נישטיקער, וואָס איז שוין דאָ וואָס צו רעדן! אזוי נאָר וואר-ניט - וואו שטעקט אַ זאנגעלע אף א רעפוע... איז עס אליין אויסגעוואקסן.

— ווי אזוי זשע איז עס געשען?

— געשען איז עס אָט ווי אַזוי: פאראיאָרן, אויב איר האָט געהערט, איז באַ אונדז אין ליפען (יולי) - כוידעש אויסגעפאלן א האָגל און אויס-געשלאָגן אפן פעלד אלץ ביז א פיצל. אקוראט ערעוו זשניוואַ... א צענטער, אַ צוואנציקסטער האָט שוין אפילע באוויזן צונויפלייגן דאָס ברויט אין שאָקן... נו, וועט איר גלויבן צי ניין, אז ס'האָט אזוי אויס-געצוואָגן די פעלדער, אז ס'איז געבליבן הויל אלץ ארום און ווי א פאַרך, האָט קיין פאריבל ניט... האָט מען עס הארבסט - צייט אופ-געאקערט צו ביסלעך און ס'איז אופגעגאנגען. גאָט פארלאָזט ניט מיט זיין ראכמאָנעס... זעט איר שוין אליין, אז ס'איז גאנץ נישטיקלעך, און געמיינט האָט מען, אז ס'וועט עפעס זיין פון דעם.. איך מיינעם האָב אפילע ניט צעאקערט: ס'איז מיר עפעס אזוי־וױ ארויס פון קאָפּ. און איצט איז א סוואָרע, אז ס'וועט, ווייזט אויס, גאָר קיין ברויט פונדעסט-וועגן ניט זיין...

. . . .

„די ערד נויטיקט זיך אין באארבעטונג!"

. . . .

איך האָב זיך צונויפגעטראפן דאָ נאָך מיט איינעם א היגן בירגער, וואָס אפן גאנצן קרייז פירט ער איינער א מער ווינציקער קולטורעלע ווירטשאפט. אן ענערגישער און געניטער פויער. ער האָט איינגעפירט באַ זיך א זעקס - פעלדער - סיסטעם.

— אַ וועלכע פעלדער־סיסטעם, — פרעג איך — פירן די היגע פויערים?
— קיין שום!
— ??
— וואָס קוקט איר מיך אָן? איך זאָג אייך ווי ס'איז: קיין שום! יעדער יאָר קאָרן, אָדער גערשטן, אָדער האָבער... ריכטיקער געזאָגט, פויגלשע ארבעס, פירעי און מישעי!.. איר וועט דאָ באַ אונדז אַפילע קיין שמיטע־פעלד ניט באַגעגענען. איר האָט געזען אַ גערעטעניש? איז עס נאָך פון די גוטע, ווארום ס'טרעפן זיך דאָ אַזעלכע, אַז ס'אַ כאַרפע די אויגן אַף דעם אופהויבן...

. . . .

„די ערד נויטיקט זיך אין באַארבעטונג". „אויך מיטראָ כוועדאָראָ־וויטש נויטיקט אין א באַארבעטונג".

אויך אַלע די, וואָס זייערע נעמען זיינען בלויז דיר, גאָטעניו, אַליין באַוואוסט, — „אַלע זיי נויטיקן זיך אין אַ גרינטלעכער באַארבעטונג".
— איר הערט?

„הויפּט - פּאָליט - בילד"

אין שטאָט פֿאַרנעמט אָט דער אַנשטאַלט, וואָס הייסט „הויפּט־פּאָליט־בילד", גאַנצע אַפּאַרטאַמענטן מיט קאַבינעטן, מיט זאַלן, מיט קאַנצעלאַריעס, מיט מוזקאָמען, מיט טעקאָמען און מיט אַלערליי איבריקע „קאָמען".

אין דאָרף אָבער גייט דערזעלבער אייסעק צו אַסאַך איינפאַכער און פּאָשעטער איינגאַנצן.

איר זעט אָן־אָ איבערן וועג הינטער דער מומע אוליאַנעס טויער ס'אַ באַרג מיט קלעצער ס'ליגט?

אָט דאָס איז אונדזער „הויפּט־פּאָליט־בילד".

די „אַרבעט" הויבט זיך אָן דאָסזעלביקע ווי אין שטאָט, פֿון 9 אָדער 10 דעם זייגער, מיטן איינעם כילעק נאָר, וואָס דאָרט איז זי פֿון פרי־מאָרגן־צייט און בא אונדז — פֿון אָוונט.

קיין קאָלעגיעס זיינען דאָ ניטאָ. יעדערער איז פֿאַר זיך „אַ קאָלעגיע".

קיין טעזיסן שרייבט מען אויך ניט.

אַנשטאָט טעזיסן רייבט דאָ די האַרמאָניקע.

און לויט „אירע טעזיסן" גייט דאָ אַלץ ווי אויף רעדלעך!

דער פֿאָרזיצער איז אַנדריי.

— ווער איז דער אַנדריי, ווילט איר וויסן?

— נו, איז עס אַ רועך פון די בלאָטעס — אַזוי כאַראַקטעריזירט אים די מומע אוליאַנע. — די ערד גייט דאָך אונטער אים, דעם שעדישן, כאַ־דראַם אום!

און אַז ער טוט דאָרט עפּעס אַ זאָג, אָדער אַ באַפויל, אָדער אַ טופּ, און ער טוט נאָך דיר אַ כאַפּ־אונטער כימקען מיינע אף „אַ פאָלקע", איז עס אַ שטיק זאַווערוכע און אַן עק. אַזאַ שעלמישער באָכער.

... אַרבעטן אַרבעט דער הויפּט־פּאָליט־בילד סיסטעמאַטיש אָוונט, נאָך אָוונט.

ווי ס'הויבט נאָר אָן טונקל ווערן, הערט איר שוין פון איבערן וועלדל, וואָס פון יענער זייט אוליאַנעס גאָרטן:

— אַ — כככי! שוואַרצכיינעוודיקע.

גייען „זיי" שוין, הייסט עס, דער פּאָרזיצער פונעם הויפּט־פּאָליט־בילד אַף דער אַרבעט.

אין אַ קליינער ווײַלע ארום, גיב אומיסטן אַכטונג, הויבן זיך אָן אַראָפּ צו ווייזן פון די געסלעך און פון איבער די פּלויטן די שטענדיקע באַזוכער פון אונדזער קולט־בילד־אַנשטאַלט.

און ס'הויבט זיך אָן...

אָנהויבן הויבט עס זיך אָן שטענדיק פון „אַ פאָלקע".

די מיטל־טייל פון דער אַרבעט — „אַ פאָלקע".

און ס'פאַרענדיקט זיך די אַרבעט טאַקע — מיט „אַ פאָלקע".

קיין „מעטעליצעס" אָדער אַנדערע מינים געשעפטן, וואָס מיר פלעגן אַמאָל אויסהעפּקען, גייען איצט גאָר ניט אָן.

„פאָלקעס!"

באַ אַ וואָס פאַר אַ מוזקאַם איר ווילט, דרייען זיך אויס בעאייס דער „פאָלקע" די קני אי אזוי... אי אָט אזוי... אי אָט אזוי!..

און אנדריי! אַנדריי!!!

ער מאַכט עס אי מיט אַ זייטל, אי מיטן אונטן, און ער בויגט זיך אויס, און גלייכט זיך אויס, און זעצט זיך צו, און שפּרונגט אונ־טער...

— ע־ע־ע־ע־ע־ד!!

— איר מעגט מיר גלויבן, — רופט זיך אוליאַנע אָן, — איך האַלט שוין באַ די פופציק, זאָל איך אזוי לעבן, אַז אַמאָל זיך איך אַזוי אַליין באַם

פענצטער און ס׳נעמט מיך רוקן! נו, אזוי ווי עמעצער זאָל מיך דאָרט שטעכן מיט אַן אָל פון אונטער דער באַנק ארונטער!

ביז דער אַלטער כאַפּט שוין און פאַלט אַף מיר אָן.

— צי וואָלט ניט געווען גלייכער — זאָגט ער — אַלטע פּעטשעריצע, זאָלסט נעמען די הייליקע יעוואַנגעליע און אַביסל אַריינקוקן!

און איך קען גאָרניט איינזיצן, נו, סע שטופּט מיך און ס׳הויבט מיך, ניט דאָ געדאַכט...

... ווער וואָלט זיך דען געקענט איינהאַלטן?..

איר וואָלט זיך אויך, כלעבן, ניט איינגעהאַלטן!

איך האָב, דוכט זיך, שוין אַל־די וואונדער געזעען, פונדעסטוועגן זיצט אַזוי אַפן גאַניק און האַלסט זיך שטאַרק אָן פאַר דער פּאָרענטשע.

נאָר די פיס אזוי ווי פון־זיך האַלטן אין איין: דריג! דריג! און דו הערסט ניט אוף זיך אָנכאַפּן דאָ פאַרן רעכטן פוס, דאָ פאַרן לינקן.

און אויב ס׳טרעפט בעשאַס דער מוילעד פאָרט ארויס מיטן רייטוואָגן אַפן „מילך־וועג" און דער רועך טראָגט נאָך דיר אָן צום סאמע גאַניק דאס סאָלאָווייטשיקל, נו, ביסטו שוין אַ פאַרפאַלענער. זעגן זיך אָפּ מיט אַלץ!

טרעפט זיך, אַז די האַרמאָניקע ווערט פאַרשטילט.

שאַ־שטיל!

און פלוצים טוט דיר אַ שנייד איבער אָט די־אָ שטי׳קייט אַ מוירע־דיקער „קוויטש".

דאָס קוויטשעט אָדער כימקאָ, אָדער מאַרינא...

און אינעם קאָל אינעם דאָזיקן איז דאָ אי ווייטיק, אי גליק, אי פאַר־וועדונג, מיט איין וואָרט:

אי איך וויל! אי איך וויל ניט! זיי אַ בעריע און טרעף.

דאָס האָט זיך שוין, ווייזט אויס, אַנדריי דערלאַנגט צו דער „עמאַנסי־פּאַציע" * אליין.

* צום לייענער: איך פאָטאָגראַפיר (פון מיין שטאנדפונקט, פארשטייט זיך) דאס לעבן אין דאָרף. מיר וואלט געווען זייער אומאנגענעמען, ווען עמעצער וויל מיך בא אזא פאל כוישעד זיין אין פארנאגראפיע. אין פארשיידענע אויסדריקן (מערסטנס אריגינעלע און אָפּט קאָמ־בינירטע) וויל איך ווייזן. וואס פאר א באדייטונג (אפטער פון אלץ א כויזעקדיקן און אמאל אפילע א גאנץ ערנסטן) ס׳האבן באקומען אין דאָרף די נייע ווערטער.

אַ רעגעלע... און אַ כיכעריי!

אַ קלינגענדיקער, צעשפּרייטער געלענדער האָט זיך ווי אַ מעשוגן האָלצערן רעדל אַוועקגעקייקלט איבערן וואַלד און צום ריוו צו. זיך דערקייקלט צום דעמבענעם וואַלד, וואָס העט-העט אַף יענעם עק, פֿון יענער זייט ווייץ, און ער טראָגט זיך שוין צוריק פֿויגלענדיק זיך איבער דער ווייץ...

... די מוזיקאַלע אָפּטיילונג איז פֿאַרענדיקט...
ווייטער גייט די וואָקאַלע!
אָנהויבן הויבט אָן טימאָש!

(אין די יונגע מיידל-יאָר
כ'האָב געהוליעט ביז גאָר...)

Як була я молода
то була я резва...

דאָ פֿאַרקערעווען טייקעף מיינע שכיינים אין שטוב אריין און זיי פֿאַרמאַכן נאָך זיך אינדערגיך די טירן...

מיט אַ הויכן פֿאַלצעט פֿארענדיקט טימאָש דעם לעצטן קופּליעט... און ווידעראַמאָל אַ כיכעריע...

און ווידעראַמאָל אַ „קוויטשעריי".

און אזוי ביז איינס, ביז צוויי אַזייגער אינדערנאַכט און אַמאָל — אַפילע שפּעטער...

אַף פֿאַרבייסן — נאָכאַמאָל אַ שטורעמדיקער מאַבל פֿון פֿאָלקעס און אַ זאַווערוכע פֿון קליידלעך און שטיוול...

דער לעצטער אַקאָרד, און דער „הויפּט-פּאָליט-בילד" גייט שלאָפֿן... מ'גייט פֿאָרלעכוויינז...

דער „זשענאָטדיעל״

ווי איר וועט נאָר אַ קוק טאָן אַף אונדזער דאָרף, אזוי וועט איר גלייך צענעמען די הענט:

— אַן עמעסער „זשענאָטדיעל״!

טוט אומיסטן אַ קוק! אָן־אָ שעלט עפּעס עמעצן די אַלטע סטאַר־טשיכא פון יענער זייט טויער.

ווער?

גייט, טוט זי אַ פרעג, זי אַליין ווייסט אויך ניט ווער... דאָס איז שוין באַ איר אַזאַ כאַזאָקע...

זי כאַפּט זיך אוף גאַנצפרי מיט אַ „כאָליערע״ און לייגט זיך שלאָפן מיט „הונדערט רוכעס״.

אָט פּיטשקעט די מומע טאַטיאַנע מיקאָלקען דערפאַר, וואָס ער „נע־ווילע הונטישע״ האָט די היטל פאַרלאָרן.

אָן־אָ דערציט נאטאלקאַ וואסילינקען מיט אַ דערקאַטש:

— וועסטו ויסן ווייטער פאָלגן, הונטישע טאָכטער, אַ מאַמע! וועסטו ויסן פאָלגן!

אָן־אָ איז דאָמאכא... אָן־אָ פאַראַסקאַ... אָן־אָ אוסטינע, אָן־אָ הארפינע...

אָן־אָ איז... אָן־אָ איז... אָן־אָ איז...

ניין, לייענט שוין בעסער אַליין איבער די „סוויאַטצעס": דאָרט זיינען זיי אַלע דאָ...

האָט איר דאָך דערוויל נאָר די, וואס אין דרויסן, הייבט נאָך די, וואָס אין די גערטנער, אין די שטאַלן, אין די סעדער, אין די שייערן...

דער אַלטער הלושקאָ האָט שוין דערוף עפּעס געזאָגט:

— מיט ווייבער, — זאָגט ער — איז באַ אונדז פול ווי מיט זשו־קעס...

דער רעדלפירער איז דאָ באַ אונדז אוליאַנאַ...

זי איז באַ אונדז דער הויפּט־אָרגאַניזאַטער, דער אָנפירער און דער אייצעגעבער.

זיצונגען קומען פאָר אין „זשענאָטדעל" אַלע זונטיק באַטאָג אַף דיזעלבע קלעצער, וואו ס'פירן זיך איינאָוונט די זיצונגען פונעם „הויפּט־פּאָליט־בילד"...

די טאָג־אָרדענונג?

עך, טייערינקע מיינע! ווען איר דאָרט אין הויפּטשטאָט וואָלט קענען פאַר דיזעלבע פיר־פינף שאָ לייזן אזויפיל איניאָנים וויפל אונדזער „זשענאָטדיעל" לייזט, וואָלט איך, אויס געפיל פון גרויס באַוואונדערונג, אייך אוועקגעשענקט מיין סוקעוואטן, עמעס־גוטן שטעקן פון באַרן־האָלץ, מיט וועלכן איך סמאַליע שלענג איבערן וואַלד.

מאַמעלע מיינע! וואָס נאָר ווערט דאָרט ניט ארומגערעדט, וועמעס נאָר ביינדעלעך שווענקען זיי דאָרט ניט איבער.

וועמען קען זיך שוין אין דעם טאָג ניט שלוקערצן.

אנהויבן הויבט זיך אָן פונקט פאַרקערט ווי באַ אייך, — פון „די לויפנ־דיקע איניאָנים".

... האָט איר שוין כאטש געפירט אייער מורען צום בוהאַי?

... און עפּעס הויב איך אָן, מיין הארצעלע, צו באַמערקן, ווי אזוי ס'ווערט באַ מיינער וואס א טאָג ווינציקער מילך! ס'זאל כאטש, אויבער־שטער, ניט זיין קיין מעכאשייפע!

... רעדט כאטש ניט, טייערינקע. זאל עס גיין אַף פוסטע וועלדער... יענע וואָך איז אין סווינאַרנע אריין טשאַפּיכא, אזוי שוין פינצטערלעך, אין שטאל אריין... און פון אונטער דער בעהיימע דערלאנגט עס אַ שוסטע ארויס!.. באהיט זאל מען ווערן...

איר זייט א מיליון אף סטארטשיכעס טעכטערל?! איך האב איר שוין לאַנג געזאגט: „גיב אכטונג, שעלמא, אף דיינע אייגענע" און איצטער וועט צו פעסער צו מירצישעם זיין:

„נאַט אייך, מאַמע, א אייניקל"

... און יענע די שטשערבאַטע?! „כראַקען" — זאגט זי — גליסט זיך מיר אף אייך!" אט א פייפיע! דער מאן באווייזט נאך ניט ארויסטרעטן פון הויף ארויס, אזוי איז זי שוין ווי דער „ראַפלאַן" דערדאזיקער איבערן פארקן אין סעדל אריין און צו הנאַטן פעטרעס!.. „כראַקען!" דער מאמע דיינער אף פייסעך אין טשיפיק אריין כראַקע אָן. א הינטישע קאַדלע!..

אט דאס זיינען „די אינערלעכע איניאַנים"...

דערנאך גייט פאליטיקע! אינערלעכע און אויסערלעכע!

ניט פארגלייכן קאן זיך מיט זיי די נעבעכדיקע „רייטער אגענטור" אדער די „ראסטאַ" אדער די „ראַטאר"!

אזעלכע „קארעספאנדענטן" ווי אונדזער „זשענאַטדיעל" (און גלייך נאך אים דאס גאנצע דארף!), וואלטן זיך מעגן וואונשן די בעסטע און שענסטע אגענטורן אונדזערע, כאטש די האלב.

„איר האָט שוין געהערט?! (שטילענקערהייט)... קיעוו איז שוין!.. אַז מ'האט אַ זעץ געטאָן פון אָדעס, אַזוי איז ניט געבליבן קיין איין קאָמוניסט און קיין איין ייד. אַזוי ווי מיט דער צונג אראָפגעלעקט!

... „און פעטליורע האָט אָפגעדרוקט אַן אופרוף! ביז ספּאַס — זאָגט ער — זאָל מיר ניט בלייבן אַפילע אָט אַזאַ מין־אָ קאָמוניסטיקל אין גאַנץ אוקראַינע, ער גייט מיט דער „אנגליטשאַנקע" גייט ער".

„און נעכטן האט מען אין טאראַנאָווקע אַפן מאַרק געלייענט א פּאַפּיר... לענין שרייבט: „איך זאָג אָפּ — זאָגט ער — די גאַנצע מאַכט דעם, וואָס נעמט זיך אונטער מיך אויסהיילן. וואָרום איך בין אָפּגעשוואַכט געוואָרן — זאָגט ער — און איך זע, אַז מע באגייט זיך דאָ מיט מענטשן ניט ווי ס'געהער צו זיין".

אַ!.. אַ!.. אַ!..

. . . .

אויסגעשעפּט די אינערלעכע און די אויסערלעכע.

ווייטער גייט די וויכטיקסטע און גליענדיקסטע פראַגע.

אַ פּראַגע פון אויסשליסלעך־ווייבערשער קאָמפּעטענץ, — די רעלי־גיע־פראַגע.

דאָ פאַרנעמען זיך שוין „דיסקוסיעס" אַף הויכע קיילים... מיט פאַזעס, מיט אויערן און מיט הענט־אין־די זייטן...

דאָ גייט אַ טורניר צווישן באַפּטיסטן, אַדוועגטיסטן און פּראַוואָ־סלאַוונע...

די אויבערהאַנט נעמען, פאַרשטייט זיך, די אַדוועגטיסטן!

די „פּראַוואָסלאַווע" שווייגט!

טאָמער גליטשט זיך אויס איינמאָל אין אַ יויוול איינע:

— פונדעסטוועגן איז דער קלויסטער ניט דאָס, וואָס אייערע לייע־נעכצן און זינגערייען הינטערן שאָפּקעלע דאָרט!

„דער קלויסטער"?, הינטער דעם שאָפּקעלע?! ס'האָט דיך פאַריבן, ווייזט אויס, אַליין אונטערן גאַלעך זיך אונטערלייגן.

(דער היגער „באַטיושקאַ" האָט א גרויסע שוואַכקייט צו „אָדעם־האָ־רישנס ריפּ", און שיר ניט א וואָך איבער אַ וואָך, מוז ער נעבעך פאַר דער אָ שוואַכקייט אָפּליידן איבער זיינע אייגענע הייליקע ריפּעלעך...)

די רעליגיעזע דיסקוסיעס ענדיקן זיך זעלטן־ווען אָן „יעסורים" פארן „הייליקן גלויבן"... מיינסנטס נעמען זיך אָן מיט „הייליקע" ליידן די טשיפּקעס מיט די קובליקעס...

די סעקטעס פאַרברייטערן זיך.

ווי איך האָב שוין דערמאַנט, האָבן דעם גרעסטן דערפאָלג די אַדוועגטיסטן.

אָבער אַפילע אַזאַ כאָשעווער רעליגיע ווי „אַדוועגטיזם", קאָן אַמאָל געקירצט ווערן איבער אַ פּאָשעט ערדן קריגעלע.

אָרישקאַ איז שוין געווען אינגאַנצן איבערגעגאַנגען צו „אַדוועגטיסטן". זי האָט שוין אַפילע אַ כוידעש צייט באַזוכט זייערע „זאָגעכצן", פאַרגעסן אינעם קלויסטער, אופגעהערט זיך שעלטן א. אַז"וו, דאַרף זיך דער סאָטן אריינמישן, זי זאָל אַוועקלייגן כריסטיען אַן ערדן קריגעלע (אָבער טאַקע נאָך א שפּאָגל, שפּאָגל־נייס) און יענע נעמט ניט מער און ניט ווינציקער און צעברעכט דאס קריגעלע!

— ביסטו שוין יאָ אַזאַ, אַזעלכע און אַזעלכע! אַ הייליקע און אַ געטלעכע! לעבעדיקערהייט צו גאָט קריכסטו, און אַ קריגעלע אַזאַ האסטו

מיר צעטראָשטשעט, און נאַ דיר, „שוועסטערל, שעלט זיך ניט"; „שוועס־טערל, שעלט זיך ניט"! און אָפּקויפן אַזאַ קריגעלע וועט מיר ווער? דיין גאָט, דער אַדוועגטיסטישער?.. סע האט אונטערגעגלאנצט די אויגן, און ס'מיינט שוין, אַז נאָר א „וואַרוואַרע" וועט פון איר אַרויסקומען, אַ גרויסמאַרטירערן?! אַז דו נעמסט, מעוואוזעניצע, א קריגל, טאַ צעברעך עס ניט, דער קאָפּ זאָל באַ דיר צעבראָכן ווערן.

און ווי זי האָט דערלעבט זונטיק, אַזוי איז זי אַוועקגעלאָפן א דאָרש־טיקע אין קלויסטער אַריין, און נאָך אַף אַ „פּראָסקורקע" אַוועקגע־טראָגן...

אַ דונער אינמיטן העלן טאָג!

זונטיק איז אַ „סכאָד"!

דער פּאָרזיצער פון דאָרפסראַט מעלדעט:

— דאס ווייב האט דיזעלבע דייע, וואָס דער מאַן! טאָמער וועט עמע־צער זיך דערוועגן שלאָגן אָדער שעלטן, האָט יעדערער די רעכט אים פירן צום געריכט... דא וועלן מיר — מיט אים — ויסן וואָס צו טאָן! קלויבט אויס דעלעגאַטקעס!

די „געוועלטיקער" שמייכלען אונטער!

— זי וועט קאָכן, מעגט איר זיין רואיק, מיינע, אַזוי ווי זי האָט ביז אַהער געקאָכט!!!

און דער אַלטער הלושקא האָט א פּאָמקע געטאָן די ליולקע, האט אויסגעשפּיגן און:

— אָט אָ זאָלט איר כאָטש ניט פארשעמען מיינע, פאר א דעלעגאטקע אויסקלויבן זי! כאָטש ס'וועט דערפון סאַיווי גאָרניט אַרויסקומען!!

און טאַי בא דער אלטער הלושטשיכע, סאַי באַ דער, וואס „וועט קאָכן ווי געקאָכט", האָבן ערגעץ ווייט־ווייט, אַזש־אַזש־אַזש אָן־דאָרטן־אָ אַ בליצל געטאָן פייערלעך... ווי אין א פינצטערער נאַכט אַף א טויבן געמויזעכץ די גלי־ווערימלעך טוען אמאל א בליצל...

די בילדונג

די בילדונג אַפּן דאָרף איז...

נו, דאָ איז שוין גאר־גאר שווערלעך, ס'זאָל זיך באקומען „א שמייכל" און נאך א ווייגשלדיקער...

איך האב מוירע, אז דא וועט זיך באקומען אַ „קלאָג־ווישניעס"...

די שולן... די לערערס...

די לערערס... די שולן...

זאָגט מיר, זייט אַזוי גוט, עפּשער האָט בא אייך דער „שאשעל" שוין צעגעסן אַלע הייליקע, גאָטספּאָרכטיקע מאַרטירער, די הייליקע?

אויב שוין אַלע, און אויב ס'איז דאָ א נאָכפרעג נאָך אַזאַ מין „סכוירע", קאָן איך אייך, נעמענדיק אַף זיך די גאַנצע פּאַראַנטוואָרטלעכקייט, און מיט א באזונדער אָרווס רעקאָמענדירן, איר זאָלט פארהייליקן, פאר „גרויסמאַרטירער מאַכן" די לערער פון דער דאָרפישער פאָלקס־אַרבעט־שול...

און ווען ס'זאָל זיך געפינען א פארפאַסער פון א „כראָניק־בוך", וואָס זאָל אָרנטלעך באַשרייבן אָט דעם־אָ לעבן, וואָלטן דאַן אַלע אַנטאָניעס און טעאָדאָסיעס, און די איבעריקע „פעשטשערער באַלעמאָפּסים", ארויסגעקראָכן פון זייערע ראַקעס*.

---

* דא האנדלט זיך ניט וועגן „ראַקעס", וועלכע מ'עסט, נאר „ראקעס", אין וועלכע מ'ליגט... און צווישן די ערשטע „ראַקעס" און די צווייטע איז דער כילעק זייער א גרויסער. אבער דאס געהער שוין צו „טעאָסאָפיע".

— באַפרייען די ערטער פאַר די פאָלקס־לערער, וואָרום אונדזערע יעסורים זיינען „אַן ערעך ווי אַזוי זאָל מען אייך מעלדן“, ווי דאָס קיצ־לען פון צאַרטע פינגערלעך אין אַ וואונדערלעכן אָוונט אונטערן „גאַר־ניידן“־בוים.

הערט אומיסטן!

25 פוד קאָרן אַ יאָר!

און שוין, און עס! אָדער אויב דו ווילסט, קוק אַף אים.

אַזאַ אָפּמאַך האָט דער דאָרפּסראַט מיטן פאָלקבילד...

אַ פוד אַ כוידעש — $1^1/_4$ פונט ברויט אַף אַ טאָג.

נו, און אז די הויזן וועלן זיך אויסרייבן?

(זיי האָבן זיך שוין טאַקע אויסגעריבן).

די ווירטשאַפט — וועט איר זאָגן — איז אַזאַ איניען, וואָס סאַי נעמען זי, סאַי געבן זי, איז אָן הויזן נאָך אַפילע בעסער! פאַראַן מער אָרט דורכוואַנעו זי זאָל אַריין!

— אַזוי, הייסט עס, קומט עס טאַקע אויס! נו, איז עפּשער פאַר אונדז, יונגע, וואָלט עס נאָך עפּשער געווען צו דערליידן, אָבער די אַלטע לע־רערס, וועלכע האָבן שוין צו 15, 20 און צו מערער יאָר געלערנט אין הויזן, איז זיי איצטער אָן הויזן עפּעס ניט צו דער האַנט: ס׳מוליעט און ס׳גייט אַ צוג־לופט.

און מ׳איז טאַקע, כוץ ווערטלעך, אָן הויזן!

„טאַקע מאַמעש“ — אָן הויזן.

און ס׳איז טאַקע אַ גרויסער סאָפּעק, צי אָפּן הוילן קאָרענעם פּאַיאָק, וועסט, זי קענען פּאַקן, די כאָכמע פון די ביכער...

אַזאַ קלוגע איז זי שוין, אָט די כאָכמע: אַז כאָטש פייגער אַוועק, אָבער מע מוז זי אונטער שמירן, צי מיט שמאַלץ, צי כאָטש מיט אַ לוי־זער קאַשע אַף אייל...

אין „קאַלאָריעס“ — ווי די געלערנטע מענטשן דריקן זיך אויס, — נויטיקט זי זיך, אָט די אָ כאָכמע...

און זיי, אָט די קאַלאָריעס די געלערנטע, פאַרמאָגן מיר $1^1/_4$ אינגאַנצן אוז נאָך אין ברויט און נאָך אין קאָרענעם!

און ביז די וועסט זיי נאָך אויסרייסן, אָט די 25 פוד, וועלן באַ דיר מיט שווייס און מיט נערוון אַרויס אַף צוריק אַ פוד 30 גוטע!

דאָס איז די לערערשאַפט.
היינט די שולן?
שמירן, און גלאָזן, און דעקן און לאַטען.
דאָס איז בענויגייע דרויסן.
און אינעווייניק?
איין ביכל — אַ כרעסטאָמאַטיע אָן טאָוועלעך פאַר דער דריטער גרופע...
אַ וועלכע?
ווייס איך זייער? פונוואַנען זאָל איך וויסן ווער ס'איז דער מעכאַבער, אַז זי הויבט זיך גאָר אָן פון דעם 37-טן זייטל?!
אָנהויבן הויבט זי זיך אָן אַזוי:

Какъ просторъ степной
Широко великъ
Какъ въ степи глухой
Умиралъ ямщикъ

(זייט 37)

און אינמיטן שרייבט זיך דאָרט אַזוי:

„דער מאלאָראָס" איז לאַנגזאַם אין זיינע באַוועגונגען. האט אַ כמורנעם בליק. די שטוב זיינע בויעט דער „מאלאראָס" אין אַ זייט, לעבן שטוב פלאַנצט ער איין אַ סעדל מיט ווייַנשל, קאַרשן, און פלוימען מיט זונען-רויזן און מאָן..."

(זייטל 234)

נאָך גוט, וואָס כאָטש „מיט מאָן".
און ענדיקן ענדיקט זיך דאָס ביכל אַזוי:

„אַ מענטש, וואָס ברענגט שאָדן זיין מויעך, קען גיך פאַטערן זיין לעבן און אַפילע אַראָפ פון די געדאַנקען.

(זייט — 440)

זעט איר שוין, אַז דערדאָזיקער בוך ענדיקט זיך מיט אַזאַ שרעקלעכער וואָרענונג. און פונדעסטוועגן לערנט מען מיט אים... און מ'איז געדן, וואָס ס'איז פאַראַן כאָטש אַזאַ!..
מ'איז געדן, וואס סאָפקאָלסאָף קען מען כאָטש אַראָפ פון די געדאנקען.

איבערקוקנדיק אָט דעם־אָ בוך, האָב איך (וואָס איך קום דאָך אַרויס, ווי באַוואוסט, פון „מאלאראָסן") אופגעהערט צו „זיין לאַנגזאם אין מיינע באַוועגונגען": וואָרום ס'איז פאַרפליגן געוואָרן, אָט דער בוך, אַזש אַף יענער זייט סטאַוו!

און קעדיי צו באַשטעטיקן דעם אַוטערס געניטקייט, האָב איך אָנגע־הייבן קוקן נאָך שטאַרקער „כמורנע".

און באַ אונדז זיינען דאָך גאלד, ניט קיין קינדער, אויב צוליב אויס־לערנען זיך לייענען צעזינגען זיי זיך ניט אין כאָר:

„הייליקער אין הימל, שיק אונדז דיין גנאָד,
דעם גייסט דיינעם דעם הייליקן דעם „דאָרפסראַט" אונדזערן
צו יעשוע, און דעם פאָלקאָמבילד צו רעפוע"...

„סעלאָ טעכניקאַ“

אומעטום און אף יעדער טריט הערן מיר:

— די טעכניק אַפן דאָרף באַ אונדז איז אַביסל אַ שוואַכלעכע!

מ׳דאַרף פאַרבעסערן די טעכניק! דעמאָלט וועט באַ אונדז זיך אַ שפּאַר טאָן ברויטעלע, אַז מיר וועלן דערמיט פאַרפלייצן דעם גאַנצן „פון יענער זייט גרענעץ“, מירן אַף אים אָנלאָזן אַ מאַבל פון קערנער! אַבי נאָר טעכניק דערלאַנג.

צי ניט אומזיסט מאַכט מען אַזאַ ראַש?

טעכניק אַפן דאָרף איז דאָ וויפל איר ווילט אליין, נאָך מיט אַ צו־גאָב.

וועלכע מאַשינעס ווילט איר?

אַף אַקערן? זייען? שניידן? דרעשן? מאָלן?

ס׳איז אלץ פאַראַן.

נאָר לאָמיר בעסער גיין מיט אַ סיידער!..

מאַשינעס צום אַקערן

טראַקטער רופט זי זיך דידאָזיקע מאַשינע?

— פאַראַן!

און ס׳פאַראַן אף וויפל קראַפט איר ווילט און אַף אַ וועלכער קראַפט איר ווילט!

ס'פאַראַן אַף איין־פערד־קראַפט, פאַראַן אַף צוויי־פערד־קראַפט, מערסטנס זיינען די, וואָס אַף צוויי־פערד־קראַפט!..

אויב ניט, זיינען נאָך פאַראַן אַף געמישטע קרעפטן אויך: צוויי־פערד־קראַפט און איין בעהיימישע. צוויי־אָקסן־קראַפט און איין פערדישע.

פאַראַן אויך אַף צוויי ריינע אָקסן־קראַפט!..

מיר איז אַפילע אויסגעקומען זעען אַ „טראַקטער" אַף איין־פערד־און איין־בוהאַי־קראַפט!

זעט איר שוין, אַז ס'זיינען פאַראַן אַזעלכע אויך.

סע אַקערט, פרייגט מיינער, אַזש אַ רויך גייט!

דער באַוועגער גייט פונפאָרנט, דער „רעגוליאַטער" פונהינטן!

די באַוועגערס האָבן אַן ערעך אזעלכע נעמען: אָרישקע, וואוסטיע, וואַנקאָ, פיליפ, קאַנדראַט; אינקורצן גערעדט—פון פאַרשיידן־קאַליבערנע סיסטעמען.

דער „רעגוליאַטער" האט אויך קימאט דיזעלבע מינים נעמען...

די „רעגוליאטערס" זיינען עמעמע גוטע, אַז ער לייגט זיך אָן—נעמט ער דויי ווערשאָק די טיף, לאָזט ער אָפּ אַביסעלע— איז $2^1/_2$.

הייצונג פאַר די „טראַקטערס" איז אויך דאָ געננג:

ס'פאַראַן האַרטער (אזוי ווי שטיינקוילן), און ס'דאָ אויך פליסיקע. אייגנטלעך, ניט קיין פליסיקע, נאָר גיכער גאַזאַרטיקע! גאַז!

צו דער האַרטער געהער דאָס בייטש־שטעקל.

נאָכן בייטש־שטעקן אַרבעטן זייער גוט אי די פערד־קרעפטן, אי די אַלע איבעריקע קרעפטן!

די גאַזאַרטיקע באַהייצונג, וואָס גיט אויך צו ניט ווינציק קראַפט דעם „טראַקטער", האט פאַרשיידענע נעמען:

„נאָ! פייגער אַוועק אין דער ערד אַריין!"

„צאָבע! קיין וועלף האבן נאָך דיך ניט אופגעפרעסן!"

„סאָב אַהער! אַפשיגדן זאָל מען דיך!

אָט די באַהייצונג פאַרמאָגט דאָס דאָרף אויצרעס גאַנצע.

וואס זשע איז דאָ פאראַן וואס צו ריידן, בענויגייע אַקערן איז דאס דאָרף באַוואָרנט מיט מאַשינעס און מיט אַלע איבעריקע מאכשירים.

מאַשינעס צום זייען

ווערט איר באַגעגענען אין יעדן הויף! אַ „זיי־מאַשין“ אַף איין זייעלקע. אָבער די זייעלקע איז אַ גרויסע—אַף פינף פוד קערנער אוואדע!

אַן אוניווערסאַלע זייעלקע:

בעשאַס מ׳דאַרף אין מיל אַריין קאָרן פירן, איז ער א לאַנטוך... בעשאַס ס׳ווילט זיך נאָך מיטאָג זיך אַביסל צולייגן, קען מען אים אדער אויסשפרייטן אונטערן באַרן־בוים אָדער זיך צודעקן מיט אים! און צו אַזא זיי־מאַשין פאַרשפּאַרט מען פערד אויך... זי קלעמערט זיך איין צום באלעבאָס אַפן האלדז און אַרבעט אַן אנטיק...

שנייד־מאַשינעס, גאַרבן־בינדערס

אליין שניידט זי, אליין ווארפט זי צונויף... „אַ זאַנגן־וואַרפערקע“, אָבער ניט קיין „לאָבאָהרעיקע“, ווי איר זעט אומעטום און די פריזקוראַנטן, נאר א „ווסעהרעיקע“ *: זי ווארעמט אי דעם שטערן, אי די לענדן, אי די איבעריקע איווערים...

דער באוועגער באַ דער שנייד־מאַשין איז דערזעלבער, וואָס דינט באַ דעם טראקטער אלס א „רעגוליאטער“...

נאָך דער שנייד־מאַשין גייט די בינד־מאשין... זייער אַ באַקוועמע מאשין.

בא די אויסלענדישע בינד־מאשינעס בינדן זיך די גאַרבן מיט שפּאַגאַט און בא אונדז איז די בינד־מאַשין אַ פארפולקומטע: זי דרייט אליין אויס „פערעוועסלעס“ און בינדט זיי אליין אוים! מ׳פארשפּאָרט זיך אויסברענגען אַף שפאגאט, באקומט זיך עס וועלוולער.

כוץ דעם קען זי נאָך זינגען, אָנזויגן דאָס קינד, אָפּקאָכן האלושקעס און זיך גוט־גוט אָנשעלטן.

קורץ גערעדט, אונדזער בינד־מאַשין האט אָן א שיר פאַרשיידענע פונקציעס...

אָנשמירן שמירט מען אָן די שנייד־מאשין און די בינד־מאַשין מיט כאַזער־שמאלץ, מיט האלושקעס, מיט אוגערקעס, ציבעלעס אין קוואַס... קיין שמירעכץ פעלט ניט אוים.

---

* לאָבאָהרעיקע“ — „ווסעהרעיקע“ איז דאָ א ווערטער־שפּיל.

דרעש־מאַשינעס

זיינען פאַראַן אין יעדן הויף. זיי גייען אַף איין קראַפּט, אויסשליס־לעך אַף דאַמף. אז מ׳כאַפּט זיך צו, גייט א דאַמף.
אנדערע הויפן פאַרמאָגן צו צוויי, דריי און מיר „דרעש־מאַשינעס".
אָט דעמאָלט איז די ארבעט אַן אַרבעט!
ס׳הודעט אזש!
ס׳האַלט אין איין
הופּ־הופּ! הופּ־הופּ! הופּ־הופּ!
טייערע מאַשינעס!..

מאַשינעס, וואָס רייניקן קערנער

„ווייעלקעס", פאָרמאָגט יעדער הויף צו פיר־פינף.
אַ רעדנעלע איבערן שייער און „וואיאו, וויאו, דריי, ווי!..
פרילינג־צייט זיצט אין יעדער ווייעלקע אַ הון אַ קוואָטשקע. אין איינער זעצט מען זי אריין, מיט דער אנדערער — דעקט מען זי איבער.
„טריערן" פאַרמאָגט יעדער באַלעבאָס צו זיבן־אכט שטיקלעך.
ווי נאָר ניין כאַדאָשים, אזוי קומט צו א פרישער „טריער".
זיצן זיי און קלייבן אַף דעם פאַרשיידענעם „קוקיל".
און ס׳איז פריילעך!
פאַרשפאָרט מען דערוויילע שמירן און מ׳פאַרשפאָרט די „רעשעטע" בייטן...
דו שפאַצירסט נאָר דורך מיט דער בייטש, אָדער מיטן בעזעם איבער די קעפ און די „טריערס ארבעטן" אויסגעצייכנט...

. . . .

אַ יאם פארשיידענע מאַשינעס פארמאָגט דאס דאָרף און אמערסטן זיינען פאַרשפאַרייט די... וואָס קענען עסן...
צו 15 מאַשינעס אין א שטוב. אַי, ארבעטן זיי, אַרבעטן זיי.
מ׳קראַצט זיך שוין דאַפקע ניט אונטערן אויער.

. . . .

„סעלאָ קניגאַ“

מ׳זאָל ווע̄לן זאָגן, אַז אפן דאָרף איז א מאנגל אינעם געדרוקטן וואָרט, קען מען ניט.

אזא „וואָרט“ איז בעפיירעש פאראַן אין דאָרף. פאראן און ניט ווינ־ציק...

מיר זאָל נעמען, צום ביישפיל, עטל̄עכע פאַרמעגל̄עכענקע „באל̄עבאטים“, בא וועל̄כע ס׳האָט אינעם 1921 יאָר אַבי וואס געראָטן, קען מען בא יעדערן פון זיי געפינען א היפשן אויסוואַל̄ פון געדרוקטן וואָרט, אויסגא־בעס פון 1922 ־ 1921 יאָרן...

די אויסגאבן פון די־אָ יאָרן זיינען די מערסטע.

דאָס געדרוקטע וואָרט פון דער ביז־רעוואָל̄יוציאָנערע עפאָכע. פאַר די צייטן פון דער „צענטראל̄ער ראַדע“, דעם העטמאַן און דעניקענען — איז שוין אביסל̄ ווינציקער, אָבער ס׳אזא אויך פאַראן...

ל̄יגן ל̄יגט דאָס געדרוקטע וואָרט מערער אַפן בוידעם אין באהעל̄טע־נישן, אין טאָרבעלעך פארנייט.

אַ צענטער, אַ צוואנציקסטער האט עס אפילע ארייננעשטופט אין פל̄עשל̄עך אַריין, די פל̄עשער פארקל̄עפט מיט סמאָל̄ע און פאַרגראָבן...

ל̄ייענען ל̄ייענט מען אָט דאָס געדרוקטע וואָרט זייער זעל̄טן...

אַזוי נאָר אַמאָל̄ אין א ל̄אַנגן ווינטעריקן אָוונט של̄עפט אַרויס קינ־דראַט סטעפאנאָוויטש דאָס קעסטעל̄ע אָדער דאס טאָרבעל̄ע, צעבינדט עס

און וואלגערט ,ארויס אפן טיש דאס געדרוקטע ווארט, טוט א קראץ דעם אקן און א שאקל מיטן קאפ:

— אף אוועלכע אזעלכע קאפארעס האב איך אט דאס אלץ אנגעקליבן? א קאפ א גוטער, הא? אט א נאר!

— וואס האב איך דיר דען פריער געזאגט?!

— און איצט קוויק זיך מיט זיי!

— ניט אף פארויכערן טויג עס און ניט אף עפעס אנדערש, כאטש גיי און טו וואס דו ווילסט!

און ווידעראמאל שארט זיך עס אף צוריק אין טארבעלע, אדער אין קעסטעלע. און ס'הויבט זיך צוריק ארוף אפן בוידעם ביזן צווייטן מאל בלעטערן...

אויסגאבן פון 1923 - טן יאר זיינען שוין ווינציקער דא...

— סע סטאיעט ניט! און ווי וועסטו זיי אנעמען אזויפיל, אז פאר א כאמוט דארף מען א פופציקער! אט צייטן!

איז איצט, אז דו הויבסט זיך אן באטראכטן, וויפל מ'האט עס אריבערגעווארפן דאסדאזיקע „געדרוקטע ווארט אפן דארף" אינעם 20 - טן, 21 - טן און 22 - טן יארן, שטוינסטו פאשעט און כידעשט זיך, ווי אזוי זשע האט מען טאקע אין יענע צייטן ניט באוויזן ליקווידירן אפן דארף די אמאראצעס;

כאטש דאס גלייכווערטל זאגט:

„Век живи — век учись" — („ווייל דו לעבסט — זאלסטו לערנען זיך!")

פונדעסטוועגן וואס וואלט געווען, ווען אנשטאט די פארשיידענע געמעלן אין „וואסער - צייכענס" זאל געווען אף דעם - א „ווארט" זיין אפגערודקט אן אלעפבייס מיט א לייען - ביכל.

אף אלע דריי ביכלעך וואלט געקלעקט,
אף די „לימענעס" (מיליאנען) אן אלעפבייס,
אף די פינפמיליאנעס איין לייענביכל,
אף די „צען מיליאנען" א צווייטס

א. אז. ו. און ווייטער.

אט איצט, אינעם לאנגן ווינטעריקן אוונט, וואלט טאקע קינדראט סטעפאנאוויטש געהאט וואס צו לייענען בעשאסן איבערלייגן דאס טארבעלע

אָדער דאָס קעסטעלע. און אַזוי ערגערט זיך קינדראַט סטעפּאַנאָוויטש, וואָרום:

— איך האָב דאָס נ י ט וואוהין צו צעשטעקן!

אַף רעכטע ביכלעך איז אין דאָרף טאַקע אַ מאנגל, דאָס איז עמעס.

— עפּשער געפינט זיך עפּעס אַ „גאזעטקע" אָדער אַ ביכל. ווארום טוט אומיסטן אַ קוק, ביז וואס איך האָב זיך דערוויכערט!

איך לייען:

„דער קעניג פון אַלע קעניגן און דער האַר פון אלע האַרן קומט און גיט זיך אָפּ צו עסנוואַרג מיט זיינע באַגלויבטע".

— זעט איר שוין, ביזוואַנען ס'דערגאַנגען? דער קעניג פון אַלע קעניגן איז געקומען איבערבייסן מיט זיינע רעכט-באַגלויבטע, און איך דריי אים אויס אַף אַ ציגאַיער! אַ גרויסע זינד, און אַן עק!

— איר וועט גלויבן אַזעלכס: די „באָהאָראָדיצע" האָב איך נאך אַ כוידעש פאַר פייסעך אויסגערויכערט! פּאַפּיר איז דאָרט שוין איינמאָל פּאַפּיר. דינינקער און אויסגעליגענער! קולינע האָט זיך גרין-כאָגע-צייט אַ וואָרף געטאָן זוכן די באָהאָראָדיצע, וואנקאַ זאָל איר איבערלייענען וועגן „אוספּעניע", איך האָב אָבער באַצייטנס די טאָוועלעך פּאַרוואָרפן אַפן בוידעם, האָט זי געקערט, געקערט די שטוב, געזוכט צווישן די איקאָנעס, געזוכט אונטער דער דייזשע... און איך זיץ זיך אונטערן עפּל-בוים:

— זוך, — קלער איך צו זיך — זוך. זי איז שוין לאַנג אַפן הימל, דיין גאָטס מאַמע. אַוועק אַהין מיטן רויך, זאָל גאָט ניט שטראָפן פאַר די, רייד...

— אַף יענער וועלט, מעגסטו זיך ריכטן, וועט עס שוין גלאַט ניט אָפּגיין. מ'וועט אַנידערזעצן הוילעהייט אַף דער סקאָווורעדע און מיט דערזעלבער „באהאָראָדיצע" זייער שיין אונטערפּרעגלען...

— וואָס זשע קאָן מען דאָ העלפן? וואו וועסטו זיך היינטיקע צייטן צום פּאַפּיר דערשלאָגן?

פון מיר רעד איך שוין ניט, איך בין ניט פון די שמייליקע, אבער אָן-אָ נעמט דעם אַלטן אָווערקען, ער „פּאַסט" דאָך אי פּעטריוועקע, אי ספּאַסיווקע, האָט ער זיך אויך ניט איינגעהאַלטן, אָן-אָ דערוויכערט ער שוין די „מאָפּסים"...

ער זעצט זיך אַוועק אף דער פּריזבע, צעוויקלט:

„דעמאָלט לאָזט מען הערן מיט גרויסער, קרעפטיקער, מעכטיקער שטים דעם אַרופגאנג־צייכן צו די סראָפּים״...

שוין איינמאָל ווערטער!

און ערווישט אויס די טרער:

— ניט געשטראָפט זאָל איך ווערן, טאַטע זיסער! ד־ר־ר־ר־ר־ר! שוין גאָר איין בלעטל געבליבן...

— און וואָס ווען מיר שוין ווייטער טאָן—ווייסן מיר אליין ניט. אַפן גאַנצן דאָרף איז איין־איינציקער „טשאַסאָסלאָוו״ געבליבן בא אָפאַנאַסן. דאָס האָט נאָך דער זיידע, אונדז צו לענגערע יאָר, געקויפט אים אין אָלעקסייעווקע אַפן יאַריד. האָט מען שוין פונדאַרטן אויך דאס שאַר־בלעטל אָפּגעריסן...

אַזוי, אז טאָמער וועט זיך אייך מאַכן אַבי וועלכע גאַזעטקע, ברענגט, לאַנג לעבן זאָלט איר!

... האָב איך געגעבן. געגעבן מיט מיינעם אַ „שמייכל״... מ׳קען דאָך ניט לאָזן אַ מענטשן אומקומען!!

איצט זעט איר שוין, אַז מיט נוציקע ביכלעך אַפן דאָרף איז גאַנץ מיעסלעך, ניטאָ פּאָשעט!..

טוט אַ קיצל, זייט אַזוי גוט, די פאַרוואַלטונג פון „סעלאָ־קניגא״...

דאָס „דאָרף״ מיינט, אַז פאַר צוויי יאָר האט מען שוין געקאָנט אַלע ערטער איבערקראַצן, אַפילע דאָרט, וואו ס׳האָט קיינמאָל ניט געביסן.

דא האבן מיר געהערט אַ קלאַנג, אַז „סעלאָ־קניגאַ״ האָט ניט ווינציק אָנגעקויפט אין מאָסקווע ביכער אַזעלכע, וואָס דאָרטן גייען זיי ניט.

באַ אונדז וועלן זיי גיין...

אויב זיי זיינען געדרוקט אַף רוסיש און נאָך מיט אַזעלכע ווערטער ווי: „אַ פערצעפּציע״, „קאָניוגאַציע״, „דעוואָלוואציע״, „פּערטורבאַציע״, „סיגנאַליזאַציע״ און „אַקאַציע״, וועט מען זיי דא צעכאַפּן אונטער די הענט...

מ׳וועט אופדרייען ציגאַרן אַזעלכע־אַ אינדערגרעב, אַזוי ווי באַם פאַרוואַלטער פון האַנדל־אָפּטייל אין „סעלאָ־קניגאַ״ דער רעכטער פוס!

וואַרטן מיר, הייסט עס.

וויפֿל דאַרף זי דאָרט, די „סעלאָ־קניגאַ“, צייט אַף ברענגען דעם „דאָרף“ אַ ביכל?

צוויי יאָר, זעען מיר, איז וויגציק... נו, וועלן מיר צואוואַרטן נאָך צוויי יאָר...

און דערנאָך וועלן מיר שוין אַליין שרייבן און מירן אַליין אָפּדרוקן...

איוואַסעק האָט שוין דאָ אַנומלטן אופגעגעבן:

— וואס איז עס פאַל אַ סוואַלין יאָל, אולאָקן פאַלגיט מען דיל און כאַזעלן דאַלף מען אפן הוילן לאָקסן־בלעט. אף מיין וואָלט, איך קאָן וועלן אינקאַעס און אַליין אָפּדליקן א ביכל!..

אָט אַזוי!

„די פאַרהיטונג פון פאָלקס-געזונט"

טוט אַ קוק: אָן־אָ אַף די קלעצלעך זיצט אַן אַלטע אין אַ בלוי קאָפּ־טעלע, אין אַ לייוונטן קליידל, אין אַ וואַרעם שאַלעכל און אין געזונטע „סאָלדאַטישע" קאַריקאַזן. ווייסט איר כאָטש ווער דאָס איז?

דאָס איז דאָך דער פאַסיקיער „פאָלקאָמגעזונט", די באַבע פּאַלאַשקע, וואָס שוין באַלד "פופציק יאָר. אַז זי שטייט (אָדער זיצט) פעסט און איבערגעגעבן אַף דער וואַך פון פאַרהיטן דאָס פאָלקס־געזונט באַם פאַסעקיער גאָטספאָרכטיקן פאָלק דעם רעכטגלויביקן...

די באַבע פּאַלאַשקע, וואָס אָט־אָ אַף די קלעצער זיצט זי, דאַרף שוין אַלט זיין גוטע נייַנציק יאָר. פונדעסטוועגן איז נאָך די האַנט בא איר פעסט ביז היינטיקן טאָג, און ווי אַ ריטער פונעם מיטלאַלטער האָט אַמאָל געהאַלטן די שווערד, אַזוי פעסט האַלט די באַבע פּאַלאַשקע באַ זיך אין האַנט דעם פאַרזשאַווערטן מעסער, בעשאַס זי „טשיקעט" אָפּ דעם פופּיק באַם נייגעבוירענעם גאָטס קנעכט, בא סידאָרן, אָדער בא גאָטס דינסט — קוליגען...

— „אַ גרויסע ווייסערן!" — ווייזט אַף איר אָן הנאַט פּראָפּיראָוויטש דער בלעכער, — ס'גיטאָ די זאַך זי זאָל צו דעם עפּעס ניט וויסן!

איז באַ דער־אָ „גרויסער ווייסערן", אין אירע אַלטע צעקנייטשטע הענט געפינט זיך דער „סאָד פון לעבן און טויט" פון דער באַפעלקערונג, וועלכע דער אויבערשטער האָט איר פאַרטרויט...

צי טאָמער, זאָל גאָט אָפּהיטן, אַ „רויז" ס'מאַכט זיך, צי דאָרטן „אַן אויג אַזאַ", צי אַן „אַנהאָרע", צי אַ „בוין־ווייטיק" איז—קאָן זי דיר, די אַלטע, צו דעם העלפן, ס'זאָל זיין אַזוי ווי מיט הענט אָפּגענומען... אַזאַ מין באבע איז עס... און ווייטער טאַקע אַמאָל: „ציינער", אַ „דערשרעק", אַ „פּאַרקילעכץ" אדער עפּעס אַבי וועלכע „צאָרע" אַפן פּאָנעם שיט זיך אויס, אָט די אַלע אומגליקן ציטערן שוין פאר דער באבע פּאַלאַשקען איימעס־מאָוועס. און ארויסטרייבן אַזעלכע אלערליי שלאַפקייטן האט בא איר א ווערט פון א שפּיי און געגוג. און אויב מיר זאלן שוין רעדן „פּופּיקעס", וועלכע איר ווילט נאָר אַליין, מאַנסבלשע אדער, פאַרקערט, ווייבערשע (פאר איר אַליין איז עס שוין א קליינע נאַפּקעמינע!), גייט עס בא איר גאר־גאָר גלאטיק... נו, י־אָ־אָ־אָ!.. אַ באָבע איז זי, אָן שום צווייפל, אַ ווייַיערן. ניטאָ זיך שוין וואָס צו באַהאַלטן דערמיט, אַן אַנדער ברייִרע האט איר. אַזאַ מעלאָכע איז דאָך שוין בא איר אַ מעדיצינישע!..

מ'זאָל מיך פרעגן, איז די באָבע פּאַלאַשקע אַ גוזמע מער פּאָלקאָם־געזונטעדיק פון אייער פּאָלקאָמגעזונט אַליין.

וואָרום וואָס איז אַזעלכס אייער פּאָלקאָמגעזונט?

ער ווייסט, געזעצן ווייסט ער שרייבן מיט אַלערליי דעקרעטן דארטן, ווי אַזוי מ'זאָל דעם פּאָלקס־געזונט טאָן פאַרהיטן.

אָבער די באבע פּאַלאַשקע, כוץ דעם, וואָס זי גיט אויך אַרויס אבי וועלכע געזעצן („פאַרדעק דאָס קינד מיט א שוואַרצער פאטשיילע, וואָרום מ'וועט נאָך אַן אנהאָרע געבן"), פאַרהיט זי נאך אליין אומיטלבאַר מיט אירע אייגענע הענט, מיט איר אייגענער צונג, מיט איר אייגענעם פאַרזשאַווערטן מעסער דאָס פּאָלקס־געזונט...

— קיינע דאָקטוירים וועלן עס אייך ניט פאַרטרייבן און איך וועל עס פארטרייבן... דאס איז וועגן דער „רויז" אַזוי...

— אָן־אָ נעמט, בא פריסקען האָט מאַרינקאַ ניט גערירט גוט מיטן רעכטן הענטעלע און מיטן לינקן האט זי גאר גוט גערירט... ברענגט מען זי צו מיר: איצט רירט זי שוין אַלציינס מיט ביידע הענט ניט... און ניט ווי פריער מיט איינער נאָר!.. וועלן אייערע דאָקטוירים אויך אַזעלכס אופטאָן?!

אָט אַזוועלכע איז זי, די באבע פּאַלאשקע אונדזערע, אונדזער פּאַסי־קיער פּאָלקאָמגעזונט!

זי פאַרטרייבט, די באבע, אַלערליי קרענק:

אי כירורגישע, אי אינעווייניקסטע, אי אויגנווייטיק, אי ציינווייטיק, אי ווייבערשע קרענק, און אַלערליי איבעריקע קרענק.

איך רעד שוין ניט וועגן יענער קרענק, וואָס איר וועט אין קיין שום פּאַטאָלאָגיע ניט אָפּזוכן, דאס מיינט מען די ערגסטע און פאַרשפּרייטסטע קרענק בא דער אוקראַינישער באַפעלקערונג:

ד ע ר ש ר ע ק ע נ י ש ן א ו ן ג ו ט א ו י ג ן.

כירורגישע קרענק

אַלע כירורגישע קרענק אַפּן דאָרף, טיילן זיך אין אין צוויי גרויסע גרופּן.

די ערשטע גרופּע אַ „רויז“ (бешиха).

די צווייטע גרופּע אַ „וויך“.

„וויכן“ פאַלן אויס פאַרהעלטניסמעסיק ניט אזוי פיל...

אָבער „רויזן“ דאס איז אַן עפּידעמיע... זי גייט גאָר קיינמאָל ניט אַרויס פון דאָרף!

די „רויז“ קאָן מען דערקענען לויט פאָלגנדע סימאָנים:

— באַבינקע! עפּעס האט מיר אופגעטראָגן דער לינקער קלוב און ס'צופּעט. ס'האט מיר אונטערגעשפּאַרט אונטער דער ברוסט און ס'נודעט מיך, ס'איבלט מיך, אַזוי, אַז אָט־אָ ניט איך זיץ דא פאר אייך, נאר עמעצער אנדערש זיצט אַף מיין אָרט. אָך! אָך! אָך!

— ניט דו זיצט, נאָר עמעצער זיצט? ס'זי, מיין טייערענקע! ס'זיז! זעץ זיך, האַרצעלע, אונטער די „בילדער“. מירן זיך צו איר באַלד א נעם טאָן. אויב דו וועסט ניט שטאַרבן, מיין פישעלע, וועסטו לעבן בלייבן.

איז עס טאקע זי, די רויז הייסט עס...

די רעפּועס צו א רויז, ווי ביכלאַל אלע רעפּועס בא דער באַבע פאַר־לאַשקען, זיינען „פּאַטענטירטע“...

צו א רויז העלפט זייער אזא מין סאָרט רעפּוע:

די קראַנקע זעצט איר אוועק אונטער די „בילדער“ און איר אליין קערעוועט זיך אויס צו דער „איקאָנע“ און איר קנאַקט אָפּ דריי מאל קעסיידער:

„אָטשע נאַש זשע סינאַ נעבעסי!..“

דערנאָך גייט איר צו צו דער קראַנקער און טאַפּט בא איר אַרום דאָס אָרט, וואו ס׳טוט איר ווי, דערנאָך ווישט איר אָפּ אייערע פינגער, וואָס האָבן געטאַפּט דאָס קראַנקע אָרט, אין אייערע אייגענע ליפּן און איר נעמט אייער מעסער מיטן שאַרפן קאַנט, לייגט איר אים צו און איר זאָגט אָפּ צוועלף מאָל שטיל, שטיל, פאַר זיך:

„געגאַנגען איז זי, גאָטס מאַמע, פון קיעוו דער שטאָט, באַגעגנט זי פאָרנדיק דעם יונגערן גאָט: איך טו בעטן בא דיר פאַר אים און פאַר איר און פאַרן געבוירענעם אין גלויבן (נאָמען), זאָלסטו אים פון דער קרענק היילן, 770 בוראַטשעס סטושאַקעס פון ווייטן, פון נאָענטן, פון טייכן, פון מילן, ווייבערשע, מאַנסבלשע, באָכערשע, מיידלשע, זאָלן זיין בלוט ניט זויגן, זאָלן אים די ביינער ניט בויגן".

דערנאָך קערעוועט איר זיך אויס און:

— טפו! טפו! טפו! (דריי מאָל).

זאָל איר זיין צו א רעפוע, און אייך צו א ישועה!..

אזוי דאַרף מען, ווי איך זאָג אייך, דורכמאַכן 12 מאָל...

און שוין...

דא מעגט איר שוין זיין זיכער, אז אויב איר וועט ניט שטאַרבן, וועט איר לעבן בלייבן.

א „וויך" — דאָס איז שוין אַן אַנדער קרענק, און מיטלען ווענדט מען צו איר אָן אויך אַנדערע...

דא דאַרף מען שוין איידער אָנווענדן די רעפּועס, נישט קיין „אָטשע נאַש", נאָר דריי מאָל אָפּקנאַקן „באָהאָראָדיצע" און דערנאָך גייען שוין די „מיטלען צום וויך":

די מיטלען זיינען אַזעלכע:

„איך פאַרשפּרעך די ביינער דעם געבוירענעם אין גלויבן (נאָמען), ער זאָל אים פונעם „וויך" דערהויבן, זאָל ער פון אים אוועק אין די פוסט־קעס, אין די כורוועס, אין די וויסטע פעלדער, אין די פוסטע וועלדער, זאָל ער דא ניט זאַמען, דאָס רויטע בלוט ניט סאַמען, דאָס פלייש ניט עסן, די ביינער ניט פרעסן, ס׳ניט איך העלף — גאָט העלפט".

און ווייטער אמאל:

— טפו! טפו! טפו!

און אין צוויי־דריי יאָר אַרום בלייבט בא אייך קיין סימען ניט פון קיין „וויך", אַזוי ווי מיט דער צונג אָפּגעלעקט.

צו די כירורגישע קרענק ווערן ארייגערעכנט אויך בלוט־שטורץ אין אַלערליי פאָרמען...

צו בלוט זיינען דאַ מיטלען גיכע, שטאַרקע און אומבאַדינגט־נויטיקע. אָט־אָ זיינען זיי:

„גייט אַ מאַן אַף דער ערד, פירט פאַר זיך אַ בלינדן פערד, איבער בלאָטעס, איבער לאָזעס, איבער טייכן, איבער מאָכן. מאַמע, מאַמע, געלע פליאַמע. בלוט און פלייש אַ פולער קויש, שטעל זיך אָפּ און קוק זיך אום, דער מענטש איז אַלט, דער וואַלד איז קאַלט, אויב פאַר זיין פערד וועט קיין וואַסער ניט בלייבן, זאָל זיך אַזאַ מאַמע ווי דו פונדאַנען פאַר־קלייבן, די ערד איז וויך, דער הימל איז רויק, ווי איך זאָג אַזוי וועט זיין, מיין וואָרט האָט אַ ווערט".

— טפו! טפו! טפו! (דאָס לעצטע — אומבאַדינגט!)

דאָס וויכטיקסטע אין דידאַזיקע רעפואָס (פון בלוט) — איר קערט מי־סטאָם אַליין וויסן — זיינען די ווערטער: „די ערד איז וויך, דער הימל איז רויק". ס'ווערטער מיט אַ טיפן אינהאַלט! זיי ווירקן ווי אַ גומענער זשגוט. ווי ווער וועט עס נאָר אָפּזאָגן, אַזוי וועט דאָס בלוט בלייבן שטיין ווי איינגעגראָבן.

אויגנווייטיק!

„בילמע" הייסט עס. אַלע אויגן־שלאַפקייטן, אַלע אָן אַן אויסנאַם הייסן זיי בילמעס. קיין אַנדערע זיינען ניטאָ. רעפואָס זיינען פאַראַן צו זיי זייער גוטע. אַזעלכע רעפואָס ווי זיי האָט, האָט אַפילו דער פאַר־שטאָרבענער פּראָפעסאָר הירשמאַן ניט געוואוסט.

דערקענען אַ בילמע איז גאָרניט פון די שווערע זאַכן (אַלנפאַלס, איז עס פאַר דער באָבע פּאַלאַשקע דאָס גרינגסטע); ווען ס'גייט צו אייך צו אַ קראַנקער און האַלט זיך באַם אויג, טאָ טוט אים גלייך אַ זאָג:

— ס'איז אַ בילמע! איך האָב עס גלייך דערזען!

און טאַקע טייקעף באַלד, קעדיי ניט פאַרלאָזן די קרענק, הויבט איר אָן: „גאָט פון אַווראָם פון יצחאָק און פון אייסעוו, שטיי מיר אין די נויטן, עפן טויערן ברייטע פאַרן גאָטס קנעכט פון געבוירן (נאָמען),

זיין בילמע זאָלסטו אים טאָן היילן... געפאָרן איז דער היילקער יורע אין א ווינט מיט א בורע, געפאָרן איז דער היילקער יורע קיין רייסן, אויסגעפוצט אין ווייסן, און געוואָלט א ווילדע כאַיע צעשלייסן. די כאַיע האט ער ניט צעשליסן, נאָר יענעם דעם זון יענעמס האט מיט א רעפוע פאַרביסן... גייען דריי זיידעס אלטע... נאָך זיי דריי כאַיעס שטאַלטנע: איינע א ווייסע, איינע א שוואַרצע, איינע א גרויע. ווי די אַלטע זיידעס האבן זיך צעזינגען, אזוי האבן די כאַיעס די בילמע דערשלינגען".

טפו! טפו! טפו!..

ציינווייטיק

דאס איז שוין א קלייניקייט און אין איין אויגנבליק קען דער ווייטיק אנשטילט ווערן, איר דאַרפט נאָר אָפּזאָגן דריי מאָל:

„מוילעד אין הימל,
בער אין וואַלד,
שטיין אין פעלד —
אלע זיינט איר דריי ברידער,
ווי איר וועט זיך אופקומען אַפּן פעלד זינגען לידער,
אזוי וועלן בא (נאָמען) דעם געציילעמטן און געהייליקטן
די ציין זיך צעטאַנצן".
טפו! טפו! טפו!

אָט דער - אָ טפו! טפו! טפו! איז, ווי איר זעט, אן אומבאַדינגט מיטל צו יעדער קרענק. זיין א „פאָלקאָמגעזונט" אין דאָרף איז ניט פון די גרינגגיטשקע זאַכן, מע דאַרף האבן אן אויצער מיט שפייעכץ, ווארום האסטו ניט מיט וואס דריי מאָל אויסצושפייען, טאָ נעם זיך ניט צו קיין היילונגס - אַרבעט.

אָן „טפו! טפו! טפו! וועט גארניט ניט העלפן.

ווייבערשע שלאַפקייטן

א ווייבערשע שלאַפקייט איז נאָר פאַראַן איינע, „סאיאשניצע" הייסט זי. דאס איז בעשאַס דער זאָלאָטניק* איז ניט אַפּן אָרט.

* די הויב-מוטער (מאַטקע).

א שלאַפקייט זייער אַן ערנסטע און מ׳דאַרף זי היילן מיט געניטקייט, אָבער פאַר אונדזער „פאָלקאָמגעזונט״ איז עס, נו, איך ווייס? (שווער געפינען אף דער רעגע א פאַרגלייך).

אינעם היילן א „סאָיאַשניצע״ איז דאַפקע דא א סייכל, און א גרוי־סער סייכל.

ווי׳באלד דער „זאלאָטניק״ איז ניט אַפן אָרט, הייסט עס, אז מ׳דארף אים צוריק אוועקשטעלן אף זיין אייגן אָרט. אָט דאס איז, דוכט זיך, אינגאנצן. אָבער ווי אזוי טוט מען עס אוף? דאס איז שוין א סייכלדיקע זאַך, און די באַבע פאַלאַשקע ווייסט אים, דעם סייכל, און דער „פאָלקאָמגעזונט״ ווייסט אים דאַפקע ניט, ווארום ער אָרדענט איין איך ווייס וויפל גינעקאָלאָגישע שפיטאָלן מיט „געבורט־הייזער״ א. אז״וו, ברענגט אויס דערוף אָן א שיר געזעלשאַפטלעכע געלטן, אין דער צייט, ווען דאַרפן דאַרף מען נאָר ארייַנלייגן אין א מאַקרעטע אַביסל קאָנאָפּ־ליעס, זיי אָנצינדן און צושטעלן אָט דיזעלבע מאַקרעטע מיט די ווינטשעס דער קראנקער צום סאַ.ע פופיק. דאסזעלבע, אַן ערעך, ווען מ׳שטעלט „א גרויסע בלוט־זויגנדיקע באַנקע״ און די מאַקרעטע, אז זי טוט א צי, ציט זי איבער דעם „זאלאָטניק״ צוריק אף זיין אָרט... אָבער דאָ דאַרף מען אזא באַוואָרן־מיטל, אז ס׳זאָל די גאַנצע קראנקע ניט ארייַנציען אין מאקעטערעך אריין. איז ווי נאָר דער מאקעטערעך האט ארייַנגע־צויגן אין זיך דעם בויך, דאַרף מען א סמאַליע טאָן מיטן האָלצערנעם טוקאַטש איבערן מאקעטערעך... לאָזט ער אָפּ... און דער „זאָלאָטניק איז צוריק בא זיך אַפן אָרט ווי א לעבעדיקער.

דאס, וואס דער מאקעטערעך ווערט קאַפּאָרע, איז פון די קלייניקייטן, וואָרום קעדיי ראטעווען א מענטשן פון טויט, מעג מען מעוואַטער זיין א מאקרעטע—זי זאָל אַפילע קאָסטן ווי טייער.

און ווען דער „פאָלקאָמגעזונט״ זאָל סייכל האבן, וואָלט ער דאַרפן, אָנשטאט בויען פאַרשיידענע פרויען־שפיטאלן, בעסער באשטעלן א פינף הונדערט וואַגאָן מאקעטערצעס אף פאַרשיידענע בייכער. און די ווייבער וואלטן זיין באוואָרנט אף זיכער.

„רעפועס״ צו „סאָיאַשניצעס״ זיינען אויך פאַראַן, אָבער איך האב זיי ניט געקאָנט קריגן פאר קיין שום געלט: מ׳גיט ניט...

דאסזעלבע האב איך צו די דאָפקע פאַרשפרייטסטע קרענק ווי „דער־שרעק" און „גוטאַויג" ניט געקריגן די מיטלען.

מ'האט דאָפקע מיר אליין אויסגעגאסן א „דערשרעק" קליינוויין אוף (איצטער שרעק איך זיך שוין ניט), און פון אַן אַנהאָרע האט מען מיר געשפראָכן (א קאַלב האט מיר אַן אנהאָרע געגעבן), אָבער ניט געקוקט אף מיין גרויסן כיישעק, האָב איך דאך ניט געקאָנט אופכאַפּן די סוי־דעסדיקע ווערטער.

און אָט, כ'וואָלט אוואדע געוואָלט טיילן זיך מיט אייך, נאָר איך קען עס ניט טאָן.

עפשער וועט זיך מאַכן אַ צווייט מאָל...

יאָ, האב איך דאָך נאָך פאַרגעסן אייך אויסרעכענען די אינעווייניקסטע קרענק.

צווישן די אינעווייניקסטע קרענק מאַכט זיך איצט אַמיינסטן „די אי־נעווייניקסטע סיבירקע".

די „אינעווייניקסטע סיבירקע" — דאס איז א קרענק, פון וועלכער מע שטאַרבט אַמיינסטן, אַפילע ווען מ'זאָל גיין צו דער באבע פאַלאַשקען, פונקט דענסטמאָל, ווען די ערשטע הענער קרייען.

וואָרום שטענדיק מוז מען זיך פאַרשפעטיקן.

— האָסט נאָך אייערנעכטן באַדאַרפט געווען קומען, האַרצעלע, איצט איז שוין, ווער ווייס, צי איך וועל עפעס קענען אופטאָן!

— בין איך דאָך נאָך אייערנעכטן געווען געזונט!..

— ניין, ניין! מ'האט געדאַרפט, געדארפט!

די „רעפועס" צו דער „אינעווייניקסטער סיבירקע" האט זיך מיר ניט איינגעגעבן צו קריגן...

. . . .

אינאַלגעמיין איז די „פאָלקס־געזונט־פאַרהיטונג" אַפן דאָרף אוועק־געשטעלט זייער גוט. „מעדפונקטן" זיינען אין יעדן דאָרף דאָ צו פינף־זעקס, אויב ניט מער. רעפועס אויך אין א גענוגער צאָל. אַפילע נאָך מער ווי גענוג.

איך דענק, אז ווען זיי וואָלטן געווען כאָטש וויפל ס'ניט איז וויבצי־קער, וואָלטן די גאַלאָכים ניט געהאט אזויפיל איינקומעניש פאַר די „סאָראָקאָוסטן".

וואָרום פון דער פאַרמאַקאָלאָגיע איז דאָך שוין לאַנג באַוואוסט, אַז יעדער רעפוע, אויב דו ברויכסט זי אין א גרעסערער מאָס ווי מ׳דאַרף, איז זי שוין סאַם.

און אט דאס טויג שוין ניט!

P. S. די איבערגעבראַכטע „טפילעס" האט מיר אָפּגעגליקט טאַקע אראָפּשרייבן, כאָטש אַפילע מיט גרויס מי און אָפּנאַרעריי. די באַבעס געבן זיי ניט, וואָרום „ס׳ווערט אָן נאָך דעם די שליטע..."

טאָ ווייסט זשע, אַז דאס זיינען ניט קיין אויסגעטראַכטע „טפילעס", נאָר עמעסע, פון פאָלקס מויל...

„פּראָפבילד"

זייער פרי הויבט זיך אָן די פּראָפעסיאנאלע בילדונג בא דער דאָר־פישער באפעלקערונג.

זי הויבט זיך אָן דעמאָלט, בעשאס איוואסיק אָדער אָדראָטשקע זיינען שוין „אַנטוואוינט" און ווען בא איוואסיקן אָדער אָדאַראָטשקען איז דאס העמדעלע אונטערגעהויבן העכער פון יענעם אָרט, וועגן וועלכן איר קלערט איצט, און איז פארבונדן אין א קנופּ איבערן רוקן.

— ס'זאל ניט פארמעלאָכען! ווארום אזוי ווי איר זעט, איז עס בא מיר, האט קיין פאריבל ניט, שוואַך אף די „אָטאָרעס".

אין אָט דעם פּעריאד פון זיין אַרבעטס־עלטער האלט זיך שוין איוואסיק (אדער אָדארקע) שטארק אָן אין דער מאמעס קליידל און די גאנצע צייט הערט עס ניט אוף:

— מאמע! מאמע!

— דו הערסט כאטש מיר ניט אוף צו מאַמקען אין קאָפּ אריין?! נא דיר אָט אָ א שטעקן: טרייב ארויס די גענדז פארן טויער! ער איז דאך שוין בא מיר אַ שיינער באָכער! טרייב, טרייב, זונעלע! די מאמע וועט פאָרן אַפן מאַרק, וועט זי דיר קויפן א גוטע מאַטאָנע!.. אָט אַזוי! גיב זיי, גיב! אַהיליא! שריי — היליא! אָט אַזוי! אוי, מיר זאָל זיין! איוואנטשיקל איז ציאַציאַ; ציאציא, איוואנטשיקל, און מעלאניע איז קאַקאַ! זי וויל ניט פאָלגן קיין מאמע... טרייב! טרייב!

דאס זיינען די ערשטע און פריסטע פראָפבילדונגס־טריט באם צו־קונפטיקן בירגער פון דער אוקראינישער סאציאליסטישער רעפובליק. קען זיין, אַז ס'איז אַ צוקונפטיקער מיטגליד פונעם אלאוקראינישן צענט־ראלן אויספירקאמיטעט, אָדער גאר אַ צוקונפטיקער שריפטשטעלער.

„גענדז" — דאס איז דער ערשטער און אומבאדינגטער עטאַפּ פון דער פראָפבילדונג, דער עטאַפּ, וועלכן די פּאָעטן באזינגען אַזוי:

קליינטשיקווייז האב איך די גענדזעלעך געהיט
און די זון האט צו מיר זעגעפטיק געשמייכלט.
(אַ. פּאַנאָוו) *

פראָגראמעס פון פראפעסיאנעלער בילדונג ווערן בא אונדז אין דאָרף צונויפגעשטעלט אי אפן יעסאָד פון דאַר־דוירעסדיקע טראַדיציעס, אי אפן יעסאָד פון פאָדערונגען, וואס דאס לעבן שטעלט אַרויס.

אלס אַ „פאלקאמבילד" פירן בא אונדז אָן: אונדזערע פיטער־פלעצער, אונדזערע ריוועס, לעוואַדעס, אונדזערע „פעלדער די ברייטפאַלעקע", אונדזער זון די גאָלדענע, און אונדזער „בלויער מילך".

מיט זייערע אינסטרוקציעס באנוצן מיר זיך און לויט זייערע אָנווי־זונגען גייען מיר...

דאס איז קלאר פאר אלעמען, אַז פונקט ווי אין יעדער לימוד, פאר־נעמט א גרויס, און עפשער דאָס גרעסטע, אָרט דעם טאלמעדס עלטער. איז די ערשטע טוירע הייסט עס גענדז.

פּאַסען גענדז, צי היטן, זיי זאָלן זיך צו קיין פרעמדע שטויגן ניט צו כאפן, ברענגען צו טרייבן אהיים אלע ביז איינער — דאס איז די פראָגראם אין אונדזער „טעכניקום" פון דער ערשטער, אַזוי צו זאָגן, שטופע, בא דער ערשטער גרופּע.

אויב איר וועט אָט דעם „זאַטשאָט" ניט אָפּגעבן, אויב מ'האט בא אייך אַראָפּגעריסן אף פרעמדער סטערנע, צי אף פרעמדער פראָסט די היטל, אָדער, לאָמיר זאָגן, בעשאס איר לערנט זיך טרעפן אין ציל און איר טוט א קנאַק מיט א שטיינדל אַ גאנדז אין קאָפּ אַריין און איר וועט ברענגען צו טרייבן אהיים אנשטאט עלף — צען, איז כוץ דעם, וואס

* איך ציטיר לויטן זיקאָרן. פאר פינקטלעכקייט בין איך אייך ניט אָרעוו.

ס'וועט איבער אייערע ביינער איבערגעבראָכן ווערן א שפּאַגל־נייער בעזעם, וועט מען נאָך אייך קיינמאָל ניט איבערפירן אין קיין העכערע גרופּע...

די העכערע גרופּע — דאס זיינען די כאזיירים.

אזאַ זאַך פארשפּאָרט מען דאָך שוין אייך אויסטייטשן, אז דאס איז א איניען אסאַך אן ערנסטערער איידער געבדז.

קיין כאזער וועט איר דאָך אין דער איינער העמד ניט איינהיטן. דא זיינען שוין אומבאדינגט נויטיק הויזן, און אנשטאט דעם שטעקעלע, טאקע א היפּשער שטעקן...

אָט דעם איניען פּארטרויעט מען יעדן בירגער אינעם עלטער פון זעקס יאָר און ווייטער, פריער — ניט. ווארום דא איז שוין נויטיק א זיכערע פּראָפעסיאנעלע קוואליפיקאַציע. און דעריקער — די געוואַגטקייט צו שרייען:

— אליאַ! פייגערן האט זי דיר געמעגט א קלייניקע!

אָט דאס איז שוין ניט קיין נאַאיווער, אומשולדיקער:

— הוליאַ, הוליאַ!

דא איז שוין נויטיק דעם כאזער געבן צו פילן, אז איבער אים איז דאָ אַן אויבערהערשאַפט, א שטרענגע, א פעסטע און אַ געוועלטנדיקע...

מ'דארף אין דער צייט און מיט קענטעניש אים מעכאַבעד זיין מיטן שטעקן. מ'דארף אָן איילעניש און ווארפעניש, נאָר אפשאצנדיק די אייגענע ווערט, אַ ווארף טאָן אזוי זיך צום וויהאָן־צו מיט א גראָב קאָל:

— אַ קודי! וואוהין ביסטו אַוועקגעלאָפן, זאָג, הא?! אַ קודי, ראבאַאַאַ!?

און דערנאָך שוין צוגעבן סאָליד:

— ניטאָ קיין קרענק אַף דיר!..

אן עלטסטער בא די כאזיירים איז ער אָפּ, דער בירגער, ביז א יאר צען־עלף.

דערנאָך גייט אַזא יעראַרכישער לייטער פון פראפעסיאנעלער בילדונג:

קעלבער,
שאָף,
בעהיימעס,
פערד...

אריבערגייענדיק אין דער „קעלבענער" גרופע, דערלויבט מען זיך שוין צוגאנוועגען באם טאטן אַ פיצל פאַפיר און פארויכערן א ציגאַרל פון פערדישן קיזיאַק, אדער אַ בעט גיבן בא די דורכגייער (ניט פונעם אייגענעם דאָרף!):

— פעטער, עפשער וועט איר גיבן אַ ציגאַיער?

— ניטאָ היינט קיין ציגאַיער!

— טאָ גיט כאָטש אַ שוועבעלע!

(אין דעם אָ עלטער הויבט זיך שוין (ווינטער-צייט) אויך אָן די אלגעמיינע בילדונג אין דער אָרטיקער שול...)

דערגייענדיק ביז די „פערד", מעג מען שוין אָוונטצייט, בעאייס מ'ברענגט די פערד אַהיים, ארויסשפרינגען אף א שאָ צו די קלעצער אין „הויפט-פאליט-בילד" אריין...

דעמאלט הויבט שוין די מאמע אָן:

— שוין, אַזיאַט! די שטוב שטינקט שוין דיר?! שוין גיכער אין גאס אַריין!

קען מען איר דערויף ענטפערן:

— ע-ע-ע?!

אָבער טאָמער הויבט דער טאַטע אָן, איז בעסער איבערשווייגן...

ווארום דער האט קעסיידער ארגומענטן פיל סאָלידערע פון איר...

— דו, מאַך זיך דאָרט ניט צורעכט! כאפ זיך ניט אַזוי! די כאָליוועקעס די שמאָלע, וואס דו טראָגסט, זיינען נאָך א קליינער דאָס, א קליינער ייכעס בא מיר!.. איך וועל צעברעכן אַפן הונטישן זון די האַלאָבליע אף פיצפיצלעך!

אמאל נאר אין א יויוול מעג מען א זאָג טאָן דערויף (אי דאס שטילערהייט):

— וואס איז דען? איך האב דען וואָס?..

„מיט די פערד" פארענדיקט זיך די בילדונג אינעם „פראָפּטעכניקום" פון דער ערשטער מאדרייגע. אַהער קאָן מען נאר צוגעבן, אז איינצייטיק גייט נאָך „די בילדונג" אין א צווייטער צווייג: איינצייטיק מיט די „בעהיימעס", לערנט זיך נאך דער טאלמעד „האַידאַיעווען".

די בילדונג אין „טעכניקום" פון דער ערשטער מאדרייגע ווערט געפירט אלציינס אי פאר יינגלעך, אי פאר מיידלעך.

ס'זיינען, פארשטייט זיך, דאָ וואריאַציעס אויך, אָבער קיין באזונדער ווערט האבן זיי ניט.

אין דער צווייטער מאדרייגע גרענעצן זיך שוין אָפּ די פונקציעס די יינגלשע פון די מיידלשע זייער שארף.

דער באָכער לאזט זיך אַוועק פאר אן אַקערער, פאר אַ שניטער, און די מיידל — פאר אַ יעטערן און פאר אַ בינדערן.

און ענדיקן ענדיקט זי זיך, „די פראָפבילדונג", מערסטנטייל מיט מאַ־מעשע סטערעאָטיפּישע ווערטער:

— ס'וואלט שוין צייט געווען אים כאסענע מאַכן, דעם בופלאַקס!

אָדער:

— יאָ, זי איז אָן אַנהארע שוין א גרויסינקע בא מיר. די שכיינע האט געזאָגט, אז אין זאַפּאַדניע האט זיך שוין מאַקסים איוואנס נאָכגע־פרעגט, — ווייזט אויס, אז ארום „מיאַסאָיעד" וועלן מיר שוין זיי פאר־דרייען! שוין צייט!

אין Finis צום „פּראָפבילד"...

. . . .

און דערנאָך וואָס?..

דערנאָך איז שוין ניט אונדזער אייסעק!..

„זשבּיוואַ״*

ס׳האָט זיך שוין אָנגעהויבּן „זשניחא״!..

„זשניוואַ״!!!

נאָך אַ מאָל:

„זש־ני־וו־אַ״!!

איז כּמעט פאַרשטענדלעך אָט דאָס וואָרט פאַר דער מיליאָנקעפּיקער, מיליאָנאויגיקער, מיליאָנהענטיקער, מיליאָנפיסיקער באַשעפעניש, וועלכע הייסט שטאָט?

פאַרשטענדלעך?

ס׳איז פאַר איר פאַרשטענדלעך אונדזער דאָרפישע דערהויבּנסטע, וויכטיקסטע, אויבּ איר ווילט, און הייליקסטע (יאָ, נאָך אויך דאָס הייליקסטע) דינסט, אין דער־אָ „מעסיע״, וואָס הייסט פאַרהאָרעוועט דאָרפיש לעבּן?

ווען דאָס זאָל זיין פאַרשטענדלעך, וואָלט אויך בּאַ איך אָט דאָרט אין שטאָט געווען אַזאַ דערהויבּענע שטימונג. און אויך בּאַ איך וואָלט קלענער געוואָרן דער געפילדער אַפן מאַרק. און אויך בּאַ איך וואָלט מען כּמעט אַף אַ רעגע אָפּגעשטעלט דאָס אומשוועגדן איבּערן פאַסאַזש און דאָס קלינגן מיט די גאָלדענע צענערלעך.

. . . .

* שניט - צייט.

— מאָרגן הויבן מיר אָן!!

און אין דעם אַ „מאָרגן הויבן מיר אָן" איז דאָ אי פרייד, אי האָפע־נונג, אי אַ סאָך צו דער מוירע פאַרן אומבאַוואוסטן, אי א שטאָלץ פון אַ שעפער, וואס האט דערפירט ביז דעם ענדגילטיקן סאָך אַ גרויס, זייער באַליבט ווערק...

היינט האט מען אנגעהויבן...

קוקט אָן־אָ, ווי אַזוי מיטרא כוועדעראָוויטש גייט מיט דער קאָסע! קוקט זיך צו, קוקט זיך צו...

צי דען אזוי מיט אַזאַ טראָט איז געגאנגען דער קייסער צו דער קרוינונג?!

קיינמאל אין לעבן ניט!

מיט אזא גרויסקייט, מיט אזא פארשטאַנד פאַר דער וויכטיקייט און הייליקייט פונעם מאמענט?

מיטראָ כוועדעראָוויטש מאכט היינט די ערשטע בראָכע אף דער „זשניוואַ".

און דאָמאכא גייט נאָך אים נאָך, און מיקאָלקעלע לויפט נאָך, זיך אָנהאלטנדיק אָן דער מאמעס קליידל; און אוסטיע טראָגט הרישקעלען! אלע גייען...

מ'גייט, ווארום היינט:

— „דעל טאטע הויבט אָן סניידן דעם קאָלן"...

און די פאסטעכער הויבן היינט אָן אָנטרייבן די פי נעענטער צום פעלד. און די גענדז נעענטערן זיך צו די „ניוועס" (זיי האבן דערפילט די סטערנע!) און די כאזיירים זיינען שוין עפעס ניט אַפן וויהאָן הינ־טערן וואַלד, נאר אַפן שליאַך צווישן די „ניוועס" שטשיפען זיי דעם „פאָדאָראָזשניק"...

אלדעס לעבעדיקס קומט זיך צונויף, אַלץ רינגלט אַרום מיט אַ לעבע־דיקן קראַנץ די „ניוועס", אז מ'זאָל מיט די אייגענע אויגן אָנקוקן דעם ערשטן שניט.

אַז מ'זאָל מיט די אייגענע אויגן אָנקוקן דעם ערשטן שניט, אַז מ'זאָל מיט די אייגענע אויערן הערן דעם ערשטן קלינג פון דער קאָסע מיטן קאָם...

מיטראָ כוועדאָראָוויטש שאַרפּט אָפּ מיט יישעוו־האַדאַעס די קאָסע...
ער איילט זיך ניט: אַלץ מיט יישעוו־האַדאַעס.

— דזען־דזען! דזען־דזען!

געענדיקט.

ער ציילמט זיך איבער. גייט אָפּ אַף צוויי טריט פון דער „מעזשע" און...

כררדוסט!

די קאָסע שפּרינגט שלענגיש ארויס פון צווישן די זאַנגען מיטן שפּיץ אַף דער „מעזשע"...

דער קאַם טראָגט פּאָרזיכטיק אָפּ די זאַנגען און גלייכינקערהייט לייגט ער זיי אויס אַף דער שורע.

מ׳האָט אָנגעהויבן...

גלייכמעסיק ווי אַ זייגער:

ססשש! ססשש! ססשש!

און דער גאָלדענער קאָרן בויגט זיך אונטערטעניק און לייגט זיך רואיק אין דער שורע...

איך קריך אַף דער ווינטמיל און קוק:

אַף די „מעזשעס" שטייט מען.

— אָן־אָ... אָן־אָ... אָן־אָ...

ווייסע געשטאַלטן צווישן די טוואָועס...

מ׳בויגט זיך אָן... מ׳גלייכט זיך אויס... מ׳שניידט... מ׳בינדט...

ס׳האָט געראָטן...

און דאָס איז אַלץ!

מיטראָ כוועדאָראָוויטש איז פריילעך...

מיטראָ כוועדאָראָוויטש ביטרעוועט... פון אונטערן שטערן טוט ער אַ קוק אַף זיין צווייטער „העלפט", טוט אַ שמייכל און „פלייסט זיך"...

זיין „צווייטע העלפט" איז שוין מיט דער הראַבליע אַף אַ האַלבער שורע נידעריקער...

אָבער מיטראָ כוועדאָראָוויטש „פלייסט זיך".

איך זע, אַז אומיסטן פלייסט ער זיך און שמייכלט שטילערהייט.

איינער מיינט:

אָט האסטו דיר פאַר אַלע דיינע „לאַדאַשטשעס“, פאַר אַלע דיינע „טראַסצעס“, פאַר אַלע „פּוסטעפּאַסניקעס!..“

אָט האסטו דיר! אָט האָסטו דיר!

און ווי אַ באַבעלע שוועבט באַ אים די קאָסע אַזש מיט אַ פייף!..

— מיטראָ כוועדראָוויטש! לאָזט נאָר, איך וועל!

— איר? אָט דאָס־אָ?! גייט שוין, גייט?!

— נאַט, טוט אַ פּרוואו: לאָמיר זעען.

מיט שרעק נעם איך די קאָסע... כ'האָב אַמאָל געקאָסעט... אייגנס... נו, זאָל זיין, אַז „געקאָסעט“...

— כררראַססט!

— דזזען! — און מיטן שפּיץ אין דער ערד אריין...

— אַפן אויערל, אַפן אויערל לייגט זיך אָן!..

— גוט. לאָמיך אפן „אויערל“.

כ'האָב ארויסגעטראָגן... כ'האָב ארויסגעטראָגן אַ צווייטן מאָל...

איך פיל, אַז פונדערזייט אז מ'קוקט, באַקומט זיך עס עטוואָס „ריט־מישער“...

אַנו, גיב זיך ניט אונטער, — קלער איך!

סססשש! סססשש!

. . . .

— אָן־אָ טוט נאָר אַ קוק ווי אזוי דער „דיאַדיאַ“ קאָסעט!

און דער צווייטער:

— און ווער האַלט אים דאָרט אונטער, דעם „דיאַדיאַן“, די הויזן?!!

. . . .

כ'בין געבליבן שטיין.

אָט שעלמישע פּאַסטעכער!

זיי האָבן קאַליע געמאַכט דעם גאַנצן ריטם!

און זיי, די „נישטגוטע“, האַלטן זיך אַזש פאַר די זייטן דאָרט אַף דער „מעזשע“...

נאַט אייך, מיטראָ כוועדראָוויטש, זאָל אַף היינט זיין גענוג!..

— וואָס?! אין שטאָט איז די אַרבעט דאָרט אביסל דאָסיקער?

„יאָ, דאָסיקער״ — קלער איך צו זיך אַליין... — דו האָסט דאָ צוליב אָפּשניידן דיינע $^3/_4$ דעסיאַטין ארויסגעפירט אַהער די גאַנצע מישפּאָכע, אַפילע מיטן פיצינקן 6־כאַדאָשימדיקן הרישקן און ביז נאַכט (צי עפּשער נאָך מאָרגן אויך) וועסטו זיך אָפּגיסן מיט שווייס און וועסט האָבן 25 פּוד קאָרן...

און אין שטאָט... אין שטאָט, מיטראָ כוועדאָראָוויטש, דרייט מען אויס פּאַר איין שאָ טויזנטער פּודן קאָרן דיינעם „אין אָבליגאַציעס״ און אין „וואַגאָנעס״... און אַליין דרייט ער. איינער אַליין... און ווערט מיט שווייס ניט באַגאסן... און „זאָיאַ וולאַדימיראָוונאַ״ אדער „קלאַראַ סאָלאָמאָנאָוונאַ״ מיט איר „סעווקען״ אָדער „אַבראַשקען״ זיצן זיך אַף דער ווערענדע אונטער אַ שירם אַפּילע... קעדיי די הויט זאָל כאָלילע ניט טונקל ווערן. אָט ווי ס׳איז אין שטאָט, מיטראָ כוועדאָראוויטש...

. . . .

זיי בויגן זיך, זיי בויגן זיך, זיי בויגן זיך...

די זאַנגעלעך בויגן זיך.

זיי בויגן, קעדיי איבעראַיאָר אַז מ׳וועט דערלעבן, זאָלן זיי ווידער שטורעמדיק גרינען.

איבעראַיאָר אַז מ׳וועט דערלעבן, זאלן זיי אי טרייסטן, אי שרעקן זייער באַלעבאס מיטראָ כוועדאָראָוויטשן דעם פּויער.

טרייסטן און שרעקן ביז אַזאַ טאָג ווי היינט, ווען אַף די מיט שווייס באַגאָסענע אוקראַאינישע פעלדער וועט דערהויבן אויסגעפירט ווערן די „מעסיע״ פון פאַראַרבעטן דאָרפישן לעבן.

אזוי גייען יארן יוויולען, און צענדליקער יויוולען.

קיין האָמילשע

אט אַזוי, גלייך ווי דו גייסט נאר ארויס פון הויף־טירל, ליגט רעכטס צווישן די הייזקעס אויסגעצויגן אַ וועג, אט דאס איז קיין האמילשע. און האָמילשע איז אַ דאָרף אַף אַ הויכן, הויכן באַרג ארומגערינגלט מיט וועלדער, וועלדער, וועלדער... אמאָל איז דאָרט,—דערציילט מען—געווען עפּעס אַ פעסטונג אזא און דעם־אָ באַרג, אַ סוואָרע איז עס, האָבן אופגעשאָטן פאַרשקלאַפטע מענטשישע הענט.

איר זיינט אַ באַלן זיך דורכגיין?!

נאָר איך בעט קיין פאַריבל ניט האָבן. ניט געקוקט אַף דעם, וואָס איך האָב אַ „קאָרעספּאָנדענט־קאַרטל”, בין איך דאָך פאָרט ניט פון יענע וואָס...

„אונדזער אווטאָ איז מיט בערויגעזע קרעכצן און מיט פאַרדראָס ביי־געקומען דאָס בערגל... און נאָכן בערגל איז דאס דאָרף... און פון יענער זייט דאָרף האט אַ טייכל מיט זילבער אַ גלאַנץ געטאָן, און אין דאָרף גופא, ווי מ׳האָט נאָר דערזען אונדזער אווטאָ, אזוי האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן אי אַלט, אי יונג, די גענדז, די כאַזיירים, די קעלבער, די הענער,—אַלע, ווער ס׳האָט נאר אַ נעשאָמע, האָבן זיך אויסגעשאָטן אַף דער גאַס ארויס... מע פאָכעט מיט די היטלען! דער „פּאָנאמאַר” האָט זיך צעקלונגען מיט די גלעקער! די בעהיימעס האָבן זיך צעמעקעט און אַ הונדערטיאָריקער זאָקן איינער האָט אַ פאַל געטאָן אף די קני און אופגעהויבן בײדע הענט צום הימל”.

אײַנקורצן גערעדט, מ׳באַגעגנט דעם „אײגענעם קארעספאנדענט״!

איז בין איך,— זאָג איך — ניט פון יענע „אײגענע״, באַ מיר האָב איך אַפילע אַן „אַווטאָ״ א מײניקן... און אויב איר ווילט וויסן, האָב איך זיי גאַנצע צוויי! און קײן שום שווארציאַר גײט מיך ניט ארויס באַגע־גענען... סאַידן פּיליפּקעס „לאַפּקאָ״, וואָס שפּרונגט ארויס אומיסטן מיטן מײן איבערצולאָזן דעם „אײגענעם״ אײערן אָן דער לעצטער פּאָר הויזן...

און אויב איר זײנט זיך פּאָרט מיסקאַנע אין יענע „אײגענע״, וואָס שרעקן מיט זײערע אַווטאָס די בירגער אונדזערע די פּראוואָסלאוונע אין די דערפער, טא וואס זשע קען מען העלפן?

טוט עפּשער אַ שמעק אַ ציגאַרן־צינדערל, אַז ס׳זאל אײך אַ שטינק טאָן מיט בענזין און דערנאָך קענט איר נאָך אַ פּאָר מאל אווטאָדיק זיך צעהודען.

דענסטמאל קען טאקע זײן, אז קולינא וועט אף אן עמעס ארויסגײן פון שוועל און וועט אײך אָנקוקן איבערן פּלויט, קעדיי דערנאָך זיך אויסקערעווען צו סטעפּאַנען און אַ דריי גיבן מיטן ווײזפינגער ארום שטערן, ווי אײנער מײנט:

— דארטן זײנען עפּעס, באַ יענעם „פּאָרעצל״, ניט אלע אינדערהײם!.. ער הודעט גאָר!

נו, טאָ קומט!

פארגעסט נאר ניט מיטנעמען מיט זיך אַוועלכס ס׳ניט איז שטעקל... אַ געלעכטער, אַ געלעכטער, אבער לאַפּקאָ קען אײך טאַקע צערײסן די פּלודערן, ער איז אַזאַ, וואס מע מעג זיך אף אים פאַרלאזן!

— נו, זײנט איר, הײסט עס (זאָל שוין זײן לויט דער מאָדע), „ביי־געקומען״ דעם פון יענער זײט דאָרף.

— נו, ברודער־לעבן, האט איר שוין אמאל געזען אזא בילד?

דער שוואַרצער יאר ווײסט עס, ווי קען מען גאר אזוי פײַן אופּפאסן אײנס מיטן אַנדערן אט די אלע יאַרלעך, די קושטשיקלעך, די דעליאַנ־קעס, די וועלדלעך און די וועלדער!?

קוקט איר לינקס, האט איר אײך אַ יאַר! א גרויסן, גרויסן יאַר מיט גרינע האנטעכער ארומגעצוימט... און איבער די האַנטעכער זײנען אָנ־געזײט אין אַן אויסנײעכץ נידעריקע, נידעריקע קושטשיקלעך.

און אט אהין-אָ גלייך האט איר דעם גרויסן וואַלד... דאָרט געפינט זיך דער „וואַוקולאַק"... מיקאַלקאַ האט דאך אים אפילע אליין געזען... ס'איז אזא געלע ציאַצע און אז ס'האט דערזען מיקאַלקען, האט עס דערלאַנגט א מעקע און האַידאַ אין וואַלד אריין... ס'האט זיך נאר דערהערט אַ שורשעניש ארום...

לעם דעם-אָ וואַלד רעכטס איז דאָ א פרישער פליך, וואס שורשעט מיט דעמבענע ליגנדיקע צווייגן און סקריפּעט אונטער מיט יאסינקעס און סע שמעקט... דאָרט שמעקט שוין דאפקע איינמאָל! אי מיט סיניצעס, אי מיט ווילדע קלובניקעס, מיט שטשעברעץ און מיט מאַטערינקע*...

און דער שליאַך איז אראָפּגעפאַלן צווישן דעם-אָ וואַלד מיט דעם פליך, אַראָפּגעפאַלן און זיך אוועקגעשטופּט אראָפּ, אהין, אהין ווי די ניסן-בוימער שטייען אַ קאָפּ אף אַ קאָפּ ווי אף אַ מיטינג. און מיט די הענט די צווייגן „שטימען זיי"...

וואס וואָלט געווען, ווען מ'נעמט אף דעמזעלבן אָרט ווי איך שטיי און מ'שטעלט אוועק עפּעס א פּאָעט?! וואָלט ער עס אייך דאָ אנגעהויבליוועט אביסל בילדער, זשמורענדיק אביסל מיט איין אויג, זאָל שוין גאט שוימער-אומאצל זיין!

ווארום ס'דאָך טאקע שיין!

— נו, עס איז שוין בא אונדז פון יענער זייט דאָרף קונציק! — האט מיר נעכטן כריסטיא אַ זאג געטאן.

און ס'איז טאקע אינדערעמעסן „קונציק".

. . . .

— וואָס קוקט איר זיך דאָרט אַזוי שטאַרק צו?

— עפּשער ט'איר א ציג דערזען א ווילדע, זיי זיינען בא אונדז דאָ דאַפּקע פאַראַן! א גוטער אייך!

— ניין, ס'האב איך אַזוי זיך פאַרמאַכשאָוועט, א גוטער אייך אויך.

— קיין האמילשע?

— נו, יאָ!

— קומט איניינעם... וועט זיין פריילעכער...

---

* אזא הייל-גראז.

— קומט!

דאס איז אַ „כאָכאָל“ איינער, פון סווינאַרנע גייט ער... ס'דאַרף, ווייזט אויס, זיין דערזועלבער כאָכאָל, וועלכן ס'האט באַגעגנט ווס. וואָלסקי אינעם „פּראָלעטאַרי“ № 134 פאַרן 29/VI ה. י.... ער האט זיך מיט אים אָנגעטראָפן טאַקע אין די „וועג־עסקיזן“, מיטן איינעם כילעק נאָר, וואס באַ ווס. וואָלסקין איז ער איינגאַנצן אָן געגנדזנפּיסלעך... אַזעלכע זיינען זיי שוין, אט די „כאָכלעס“ די פאַרשאָלטענע, כאָטש צינד זיי און בראָט זיי, כאָטש הייליק זיי און קאָשער זיי, בלייבן זיי דיר פּאָרט דיזעלבע כאָכלעס... דוכט זיך, וואס וואלט שוין געווען שווער פאַר אזא ווי דער כאַוואָר לענין, איז אַפילע ער האט ניט געקענט אט דעם־אָ צייכן פון אים אָפּמעקן. כאָטש וולאַדימיר איליאיטש האט געשריבן, אַז באַ אונדז הייסט נאך אַדאַיעם דער אוקראַינער — „כאָכאָל“, דער טאָטער — „פּירשט“, דער קאַווקאַזער — „מיזרעך־מענטש“, אָבער וואס פאר אַ שאַיכעס האט צו ווס. וואָלסקין — לענין. ווי באַלד ער, וואָלסקי, שרייבט גאר „וועג־עסקיזן“ און ווי באַלד ס'איז אים באַשערט אַלע מאָל זיך אופטרעפן אַפן וועג מיט „כאָכלעס“...

דער באָכער פּאָרט דאָך אַרום איבער „מאַלאָראָסיע“... טאָ וואָס זשע איז ער נעבעך שולדיק?..

. . . .

דערגאנגען ביז די ניסן־בוימלעך... אַ געדיכטעניש אַזאַ, אז דו וועסט זי מיטן אויג ניט דורכשטעכן..., אן אַלייע אַ זייטאויסיקע און אַ גרינע!

— אַך, ס'אַ גוטסקייט דא איז! טוט אַ קוק אומיסטן — פּונקט ווי אַ וואַנט אַ גרינע און אַ לעבעדיקע.

— פאַרשטייט זיך, אַז ס'ניט שלעכט! עפּעס אַ קליינקייט אזא געדיכטעניש?! פאַראַיאָרן האט דא איינער אַ פויל די קינדער זיינע און די ווייב צעהאַקט מיט אַ האַק אַף שטיקלעך... אַ גאנץ קאַנטיק ערטל... אַ וואויל אָרט!.. דו קענסט דא זוכן יאָרן און אָפּזוכן וועסטו דעם נעכטיקן טאָג.

ווייטער גייט אַ וועלדל פון יונגע דעמבלעך. ניט קיין דורכגערייניקטס, מיט ניסן־בוימער פלעכט עס זיך איבער... סע רוישט, סע רוישט...

— אָך, איז עס אַ וועלדעלע! אין אַ יאר צוואנציק־דרייסיק ארום, וועלן זיך עס דאָ טאָן אַביסל ריזן! כאָטש נעם און בויע שיפן פון זיי.

יאָ, ס'איז דאַפקע נישקאָשע פון א וועלדל! צוריק מיט א כאדאשים צוויי האט מען דאָ געפונען א האמילשען פויער מיט א צעשניטענעם האַלדז! פארפאלן געווארן אי די פערד, אי דער וואָגן! אן אייזערנער וואָגן! ער האט געפירט מעל פון מיל אהיים... פאַר אזעלכע פערד דאַרף מען איצט באַצאָלן א פינף הונדערט מיליאַרד, גאָר אָן א רייד, ווייס איך אויך ניט צי איר וועט זיי קויפן! דאס וועלדל איז שוין איינמאָל א וועלדל! שוין איינמאל געהילך!

— און די קאָרנס, די קאָרנס! טו נאָר א קוק ס'א מין בויטען זיך... כאָטש נעם און שיק אַף אים ארויס א „בראָניענאָסעץ"... שוין גאר איינגיכן וועלן זיך די קאָסעס צעקלינגען! איר זיינט א מייוון ס'אַ שיינקייט ס'איז הינטער וואַלד דער קאָרן... א מין שאָטן! א מינע פאַרבן?!

וואס איז די רייד?! ס'נעמט טאַקע מאַמעש אָפּ אן אויג! דא איז שטענדיק גוטער קאָרן... די ערד איז ניט קיין אויסגעצערטע... דאָ זיינען אַמאָל גרויסע וועלדער געשטאַנען!.. די ערד איז דא געווען גוטע, וואָס מ'דאַרף ניט בעסער. היינטיקס יאר איז נאך בא אונדז א מאַנגל אין רעגנס. ווען איר זאָלט זיין דאָ אין א גוטן רעגנדיקן זומער, איז דערלאַנגט דאָ דער קאָרן די בוימער־קרוינען... און געדיכט איז ער געדיכט, ווי טשערעט... פאַרגייסטו אין אים אף צוויי שפּאַן, וועט שוין דיך קיינער ניט געפינען... פאַראַיארן, בעאייסן שניידן האט מען דא געפונען צוויי קערפערס צעהאַקטע... ס'דאָך אזא אָרט, אז ווען ניט די זשניווא, וואָלטן זיי דאָרטן קענען אייביקן... וואו וועסטו זיי ד'ערטאַפּן אין אזא געדיכטעניש... זייער גוטע ערד. זייער גוטע ערטער!.. שיינע ערטער!

ווייטער גייט אוף אן אויסגעהאקט א יונג וועלדל.

— וואָס ס'טוט זיך דאָרטן מיט „קלובניק" ווילדער!! טוט נאָר א קוק, פעטערל!.. אָן־אָ, אָן־אָ! אָן־אָ! מאַמעש פארכראסנעט מיט יאגעדעס... אט דא וועלן שוין די ווייבער האבן אביסל ארבעט!.. פארוואס זעט מען עפּעס אזוי קיינעם ניט?.. זיי ווילן ניט קלייבן, צי וואס?!

— נו, ווי דען?! יאַגעדעס, יאַגעדעס ווי זאַמד אין דער ערד! פאַרוואָס זאָלן זיי ניט קלייבן? מ'קלייבט! אט דא פאר יענער וואָך נאָך, איז מען אַוועק פון האַמילשע נאך יאַגעדעס, זיינען זיי פארנאכט געקומען צו פליען הוילינקע אַלע... ס'שוין געווען אַביסל וואָס צו לאַכן.

מ'האט אַפּילע די העמדער צעראַפּגעגומען!.. עפּעס טוט מען דאָרטן אויס איטלעכן, איינעם וועלדל... און אַזוי יאַגעדעס זיינען בא אונדז פאַראַן זייער אַסאַך... שוין דאַפּקע איינמאָל גוטע יאַגעדעס! אַי, ערטער בא אונדז שיינע, גוטע ערטער! געבענטשטע ערטער!

. . . .

און אט איז שוין האָמלישע!

א הויכער-הויכער באַרג און פון יענער זייט שטעקן די קלויסטערשע שפּיצן...

מיר גייען אַרויף...

און ס'קלערט זיך צו זיך אַליין:

— וועמעס הענט האבן עס אט דעם-אָ בארג צונויפגעטראגן? וויפל זייערע? וויפל זיינען דאָ געוועזן טרערן, קאַנטשעקעס, בלוט?! און איצט האבן מיר דאָ פרייע האָמילשער אף א פרייעם באַרג... און אפילע פון אזא הויכן באַרג וועסטו קיין איין פאַרעצל ניט דערזען אף קיין רעפּוע... וויפל דאס אויג כאַפּט נאר, איז עס אַלץ אונדזערס!..

. . . .

סאָף טאג שוין — אף צוריק!

וועלדער, וועלדלעך, קאָרן, ניס...

פאַראַן א קאמפּאניע קיין פּאַסיקע.

— וואס מאַכט איר עס, פעטער, אזעלכע גיכינקע שפּאַן? ס'איז דאָך דאָ אַזאַ שיינקייט!! טוט נאר א קוק, אָן-אָ אָ דער וועג איז אַזוי ווי צו א כאַיע אין טיפן שלינג ארייגעשפּרונגען... זעצט זיך צו, וועלן מיר אָפּרוען אַביסעלע!

— ניין, כאַוועדל, לאָמיר זיך שוין בעסער דערקלייבן וואס גיכער אַהיים... ס'זיינען דאַפּקע שיינע ערטער... געבענטשטע ערטער!..

טאָ לויפט זשע כאַטש ניט אזוי גיך?! איר האט דען דא מוירע אדער וואָס?!

— ווער זאגט דען מוירע, און פאר וועמען זאָל איך מוירע האבן!? איך אייל זיך נאָר! איך אייל זיך. מ'וואַרט אף מיר...

. . . .

מ'זאָל כאטש גיכער דאס ניסן-וועלדל איבערשפּרינגען?!

פארפאַלענע מענטשן

א מאַבל גיסט אף דעם דאָרפסראַט אף אונדזערן. א פאַפירענער מאַבל! פאַר דעם פאָרזיצער איז עס נאָך ווי צו דערליידן, ער שווימט נאָך אַבי ווי אזוי ביזן בויך אין דער טיף, אָבער דער סעקרעטאַר — יענער פאַרכלינעט שוין זיך גאָר...

אָט אָט טוקט ער זיך אונטער.

אָט אָט טוקט ער זיך אונטער.

ער טוקט זיך און וויינט... מיט ביטערע טרערן וויינט ער:

— ווען ווער זיך עס שוין, מאַזל מיינער טייערער, ענדיקן? אז ס'איז אַוועק דער „רעגן" אט דא פון דער רעוואָליוציע אָן, איז וואס ווייטער ווערט ער גרעסער, וואס ווייטער אָנזיניקער...

ניט אף קיין שיפל קאָן מען זיך ניט ראַטעווען, ניט אף קיין דאַמף־שיף וועסטו פון אים ניט אַנטרינען ווערן!

איר האט דאָך נאך ניט געזען אונדזער דאָרפסראַט. נו, איז ווען איר זאָלט אים אַפילע זען, וואָלט איר קיינמאל אין לעבן ניט געגלויבט, אז אין אזא קליינינק, ווייס, ריין שטיבעלע גייט אָן אזא ביטערער קאַמף מיט דער מוירעדיקער סטיכיע. ס'וואָלט אייך קיינמאָל אַפן געדאַנק ניט אַרוף, אז אין דער־אָ הייזקע טרינקען זיך צוויי מענטשן אין פאַפירן, אַז ס'שוין אָט־אָ באַלד דריי יאר ווי ס'גיסן זיך אזוי ווי פון אן אַרבל פון „ראַיאוּספירקאָם די כמאַרעס"...

163 הויפן פֿאַרמאָגט אונדזער דאָרף,
860 מאַן עסערס זײַנען דאָ בא אונדז אין דאָרף.
שטילע הויפן, שטילע עסערס... מ׳עסט זיך שטיל, כאָטש אַפּילע מיט גרויס פלײַס...

איז אט אף די אָ 163 הויפן און אף די אָ 860 עסערס זײַנען שוין ביזן ערשטן ליפּען (יולי) „אויסגעפּאַלן“ מער ווי פינעף הונדערט נומערן „ווכאָדיאַשטשע“ * און בא א 600 שטיק „איסכאָדיאַשטשע“ **.

איז דאָך נאָך ניט געווען אנגעקומען דער סאַמע הייסער ברען. ער דאַרף נאָך ערשט אָנקומען...

אט נעענטערט זיך דער אײנהייטלעכער ד. וו. שטייער. דאָ איז שוין פאַרן דאָרפסראַט גאָר „זשניוואַ“.

וואס, וואס וועט עס שוין איצטער זײַן?

ס׳וועט שוין זײַן „א מאַבל מיט א האָגל אינײנעם“.

ווי בא גאָט א טאָג איז:

„דער ראַיאויספּירקאָם באפוילט אומגעזאמט...“

און וואס א טאָג איז:

„דער דאָרפסראַט, אַלס ענטפער אף אייער באפויל, גיט אייך צו־וויסן...“

איז דאס קומט אויס אף יעדן טאָג אַמאָל־צען דעם ראַיאויספּירקאָם טאָן „באַפוילן“ און אַמאָל־צען דעם דאָרפסראַט טאָן „געבן צוּוויסן“...

וואָלט עס נאָך אַלץ גוט געווען, ווען ס׳זאָל כאָטש זײַן אַף וואס טאָן „געבן צוּוויסן“.

זײַנען גאָר דאָ פאַראַן די אַלטע „Дѣла“ פון דער „ראַספּראַווע“, קומט אויס טאָן „געבן צוּוויסן“ אף זיי, וואָרום ס׳ניטא ניט קיין פאַפּיר, ניט אַף־פאַפּיר...

איז דאס זײַנען נאָר די אזויגערופענע „לויפנדיקע איניאָנים“...

און די איבעריקע „ניט לויפנדיקע איניאָנים“, נאר פאַשעט אונטער־שפּרינגענדיקע“?

ווען דו האסט א: „אין מעשעך פון 24 שאָ, אין קעגענפאַל וועט איר ווערן אַרעסטירט“...

---

* אנגעקומענע פאַפּירן.

** אוועקגעשיקטע פאַפּירן.

אזוי טאַקע שיר ניט יעדן טאָג!

און דאס ווייסט איר כאטש, אז אונדזער דארפסראט פאַרמאָגט צען פאָרמעס פון כוידעשלעכע אָפּרעכענונגס־באַריכטן, וואס ער דאַרף זיי צושטעלן יעדן פינפטן?

כוידעש און כוידעש!

— אַוועלכע זיינען זיי, פרעגט איר?

— אט האט איר:

1) א באַריכט, וויפל זיינען פאַראַן אין דאָרף הויפן, עסערס (די לעצטע צעטיילן לויט מענער, פרויען א. אז"וו). דער באַריכט פאַרמאָגט 15 שפאַלטן;

2) א באַריכט וועגן דעם ערד־שעטעך. אף 17 שפאַלטן;

3) א באַריכט וועגן דער צאָל פי אָפן דאָרף. (19 שפאַלטן);

4) א באַריכט וועגן צאָל טויטן אינווענטאַר (26 שפאַלטן);

5) א באַריכט וועגן דער צאָל פּאָנדאָווע ערד־פלעצער (18 שפאַלטן);

6) א באריכט וועגן דער צאל פראָקאַט־פונקטן (14 שפאַלטן). אף דעם פונקט ענטפערט מען כוידעש און כוידעש: „קיין פראָקאַט־פונקטן זיינען ניטאָ". יעדער כוידעש שרייבט מען אזעלכס אָפּ!..

7) א באַריכט וועגן דעם פאַרזייאונגס־שעטעך (18 שפאַלטן);

8) א באריכט וועגן קאָלעקטיווע ווירטשאפטן (11 שפאַלטן);

9) אן אַנקעטע וועגן הידראָטעכנישער אויספאָרשונג (12 שפאַלטן). דערויף ווערט יעדן כוידעש געענטפערט אף איין שפאַלט, אז דאָס דאָרף פארמאָגט 15 געגראָבענע ברונעמס...

10) א באריכט וועגן צוגויפפאָר־פונקטן... (אף עלף שפאַלטן). אף איין שפאַלט ווערט יעדער כוידעש פייערלעך אריינגעשריבן: „2" („צוויי בוהאַיטשיקעס" און אָפן צווייטן „1" (א כאַזער א „ער").

אבער פארגעסט זשע ניט, בעט איך אייך, אז דאס זיינען די שטענדיקע כוידעשלעכע באריכטן, וועלכע האבן קיין שאַיכעס ניט צו די פאַרשיידענע פעריאָדישע דאָרף־קאַמפּאַניעס!

עפשער האט איר כיישעק וויסן וויפל און אוועלכע צעטלען האט צוגויפגעשטעלט אונדזער דאָרפראַט פאר די לעצטע צוויי־דריי כאדאשים, ניט קיין שטענדיקע, נאר אזוי צו זאגן „קאַמפּאַנייסקע"?

גאָט אייך:

1. רעשימעס אף „טרוד־גוזש״־שטייער; 2. סטראַכירונגס־רעשימעס אף געבייען. 3. רעשימעס אף ווינטער־זריע. 4. רעשימעס אף זומער־זריע. 5. סטראַכיר־רעשימעס אף פּי. 6. רעשימעס פאַר איינהייטלעכן ד. וו.־שטייער. 7. רעשימע פאר גיטער־שטייערן. 8. רעשימע פון הויפלעך...
9. א רעשימע אן אלגעמיינע בירג... 10. ערד־רעשימע...

אט דאס אלץ זיינען ניט קיין רעשימעס, נאר „רעשימעלעך״ אזוי אף בויגנס, בויגנס און בויגנס!..

און דאָס אלץ טוען בא אונדז אוף יאַקים פעאָדאָראָוויטש (דער פאָר־זיצער) און נאַזאַר גריגאָראָוויטש (דער סעקרעטאַר), וועלכע מוזן נאך אין די „פרייע שאָען, ווען מע „זאַנימאַיעט״ זיך ניט״, אַקערן, זייען, שניידן און דרעשן. וואָרום פונקט ווי די „פּראָסטע״ מענטשן, גליסט זיך זיי אויך עסן, און „אין קעגנפאַל קענען זיי ווערן אַרעסטירט״ . . .

. . . .

אין דאָרפסראַט, אין שאַפע, סאַמע פון אונטן, זיינען דא היפשע עט־לעכע ביכער מיטן אונטערשריפט „דער פאַסיקיער דאָרפישער סטאַראָסטע״...

דאָרט זיינען דאָ אי „וואָכאָדיאַשטשע״, אי „איסכאָדיאַשטשע״...

קומט אומיסטן ווען עס איז צופאָרן, וועט איר פארגלייכן אט די אָ „וואָכאָדיאַשטשע״ מיט די איצטיקע „וואָכאָדיאַשטשע״.

איך האָב פארגלייכט...

באַקומט זיך, אז דעמאָלט פלעג „ארייַנקומען״ אין „ראַזפּראַוועגע״ אריין 100־200 פאפירלעך א יאר און „אוועקגעשיקט״ ווערן פלעג דיזעלבע צאל...

און איצט, אויב איר וועט זיך אוועקשטעלן לעם דער טיר בא אונדז אין „סעלראַדע״, איז פאפירלעך ניט זיי „קומען אריין״ אדער „גייען ארויס״, נאר ס׳ווערן ארייַנגעפליגן גאנצע מאַכנעס מיט „פּעק״.

אזוי ווי די בינען פון פענצטערל ארויס!

מע שרייבט, און מע שרייבט, און מע שרייבט, און מע שרייבט...

מע האט זיך שוין אזוי ווייט דערשריבן, אז מע שרייבט שוין אויך:

„אין דאָרף האמילשע האט זיך אַפּן הערנער־פּיעך אראפגעוויזן די „סיבירסקע יאַזווע״, וואס איז באשטעטיקט געווארן דורכן וועטערינאַרן דאָקטער, וועלכער פייגערט פלינק און פלוצלינג...״

דא, בא אזעלכע געשעפטן איז שוין „פייגערן״ גרינגער ווי א ביסן ברויט אופעסן.

די מאָסקווער „פּראַוודאַ" האט דא ניט לאַנג זייער פּ'ל געשריבן וועגן דעם קאַמף מיטן פּאַפּירענעם מאַבל ביכלאַל און וועגן דעם סטאַטיסטישן ביפּראַט...

מע דאַרף קעמפן!

מע מוז, וואָרום ס'איז שוין נאָענט די שאָ, ווען אף פאסיקיער בייס־אוילעם וועלן אויסוואַקסן צוויי פרישע קוואָרים...

און די אָנשריפטן אף די דאזיקע קוואָרים וועלן זיין אַזעלכע:

דאָ רוט דער שטויב פון גאָטס קנעכט יאַקים פעאָדאָראָוויטש וולאַדימיראָוו, דעם פּאָרזיצער פון פאסיקיער דארפסראַט, וועלכער איז דערטרונקען געווארן אין די פּאַפּירן. אין גאַניידן זאָל ער רוען

דער צווייטער אָנשריפט וועט זיין אזא:

דאָ רוט דער סעקרעטאַר פונעם פאסיקיער דאָרפסראַט, גריגאָרי נאַזאַראָוויטש האָלאָוניאַ. מע האט אים געפונען א פארקילטן אונטערן „וכאָדיאַשטשע"

און סאַי יאַקים פעאָדאָראָוויטש, סאַי גריגאָרי נאַזאַראָוויטש, זיינען טייערע מענטשן און טייערע מוסטערהאפטע ארבעטער...

און דער דאָרפסראַט שיינט בא זיי ווי א לאַמטערנדל. און די שול רעמאָנטירט זיך בא זיי און אלץ טוט זיך בא זיי אוף אין דער צייט, און אלץ מיט אן אָרדענונג.

קורצט זיי ניט די יארן.

אין עק דאָרף

ס'באַקט!..

ס'באַקט שוין אזוי, אז אפילע דער אלטער פאַנאַס, וועלכער איז נאך זינט ער לעבט ניט ארויס פאַרן טויער אָן קיין היטל, אפילע ער שטייט שוין איצט פאַרן טויער מיט א האנט צו די אויגן צוגעשטעלט, אָן א היטל, און ער רופט:

— אַ ציא־ציא־ ציאַ־וויא־ציו!

די העגער זיינען הינטער די קעלערס... די געגנדז — אינעם שאָטנדל הינטער דער „פאָטרעביל־אָווקע" (וועלכע שטייט שוין דעם פערטן יאר פארשלאָסן!) און איוואַנס לאָשעק דער רויטער, דער, וואס פון אים:

— אוי, וועט דאס זיין א פערד! נו, וואס איז דען דער כידעש: ער האט זי אומגעפירט צום „זאַוואָדסקן" — איז טאַקע ארויס א לאָשעק שוין איינמאל א לאָשעק! —

איז אט דער לאָשעק שטייט איצט אַפּן וויהאָן א דורכגעשטאָכענער מיט זונען־שפּיזן און מיטן קעפעלע האלט ער נאר אין איין:

— יאָ־יאָ! יאָ־יאָ!

סע דאַכט זיך:

— מאַסקעם אף אלץ.

שפּרינגסטו ארויס פון שטוב, שפּרינגסט, פארשטייט זיך, ארויס אין אזא הוילעך, אין אוועלכן ס'איז נאר אין א דאָרף דערלאָזבאַר

ארויסצושפּרינגען און אפילע דאס, אין וועלכן דו ביסט ארויסגעשפּרונ־
גען, גליסט זיך דיר אויך פון זיך אראפּרייסן...

דו רייסט פון זיך די הויט און ביסט אינקאַעס, וואס די ברוסט איז בא דיר ניט געמאַכט אף קיין קנעפּלעך. ווען יאָ, וואָלסטו אַ שפּיליע אָפּגעטאָן און אַף אַלע מיטאַמאָל צערכראַסטעט, ס'זאָל אַ בלאָז־טאָן אהין, און אַרויסבלאָזן פון דיר אָט די פּערציק גראד רעאָמיור...

ס'איז שוין באַלד עלף...

אין לופט הערן זיך גאָלדענע קאַמערטאָנען:

דזזז! דזזז! דזזז!

האָניקדיקע קאַמערטאָנען, וועלכע וועלן אַף „ספּאַס" מאַכן זיס דער באבע מאַלאַשקען די קיכלעך און אַף „סטראַסטנאָע" וועלן זיי איר אַ ליכטעלע אופקלעפּן.

ס'וועט אונטערקנאַקען אָט דאס געלע ליכטעלע, און וויינען פאר אַלע פריידן, צוגעדריקט מיט דער באבע מאַלאַשקעס מאָגער פאַרהאָרעוועטער האנט און די באַבע מאַלאַשקע אַליין וועט זיך אַראָפּלאָזן אַף די קניע־לעך און פאלן אַלעמאָל קוירים:

„באשוץ אונדז, אונדזער היטערן, מיטן ערלעכן „סעמאַפאָר" מיט דיינעם...

און זי וועט וויינען, די באַבע מאלאַשקע, און בעטן באַ דער „באַשי־צערן" אַ „סעמאַפאָר" אף איר גרויעם קאָפּ דעם געבויגענעם, ווארום פונ־וואנען קומט זי וויסן, די באבע מאַלאַשקע, צי ס'איז בא דער באַשיצערן דער סעמאַפאָר און באם אייזנבאַן אַן אמאָפאר, צי דער „אמאָפאָר" איז גאָר בא דער „באַשיצערן" און באַם אייזנבאַן דער „סעמאַפאָר".

און די קאַמערטאָנען די האָניקדיקע מאַכט עס אויך ווינציק־וואָס אויס:

דזזז! דזזז! דזזז!

זיי אַרבעטן...

אין וואַלד אַריין! אונטער אַ באַרנבוים, אונטער אַ דעמב, אונטער א ניסן־בוים!.. אונטער אַ רועך, אונטער א טייוול!.. אונטער וואָס ס'ניט איז, ווארום ס'בראָט!.. וואָרום מיט אַן אנגעבאַקטן עגבער בויערט עס דיר דורך דעם קאָפּ דיינעם, אָט דאָס אויג דאס פייערדיקע, וואס

האט זיך אויסגעלייגט אַף דער בלויער פערינע צווישן צוויי פוקסע וואָלקן־קישעלעך!

. . . .

... אין וואַלד אריין... אוף! אזוי ווי מיט אַ פּאָכער אַ פּאָכע געטאָן...

דו ליגסט און ס׳מאַכט דיר שוין קיין זאַך ניט אויס...

צי פּילסודסקי וועט האַרגענען שעפּטיצקין אַפן דועל, צי שעפּטיצקי וועט פּילסודסקין לעכערן דעם שאַרבן... נאָר אַזוי זיך רוקט זיך דיר דורך אַ געדאַנק, אַזוי ווי אַ ציגל זאָל זיך אין קאָפּ אַ קערעווע טאָן: אַז דאָס בעסטע וואָלט מינאסטאַם געווען, ווען דער דעם און דער דעם... איינס דעם אַנדערן...

ס׳באַקט...

— טפּררו!.. וואוהין איז, ראַבע?!.. וואוהין איז עס שוין, וואוהין, ראַבע?.. זאָג, האַ?! טפּררר! אַ, פּייגערן זאָלסטו אים געווען אינדער־ערד! טפּררו!!!

אין וואַלד טוט זיך סדאָם... ס׳קנאַקן די ניסן־בוימער, ס׳פליען די טרוקענע צווייגן, עפּעס אַ מעטעורעפּדיקע לאַווע טראָגט זיך דורכן וואַלד צום פון־וואַלד־אַרויס...

און אין דעם אָ גערודער, אין דעם שטורעם, אינעם טראַסק מיטן הארמידער, זעצט אויס אַלע מאָל ווי פון אַ הארמאַט אַ צאָרנדיקער, דערשראָקענער און וויינענדיקער:

— וואוהין איז, מאנקא?

— וואוהין איז, מוראַ?!

— וואוהין איז, רויטע?!

— א, פּייגערן זאָל זי דיר?!

— טפּררו! טפּררררוו! טפּרהר!

און די לאַווע שפּאַרט...

אָט איז אַרויסגעשפּרונגען מורע צום ברעג וואַלד... די אויגן ווילדע, רויטע... זי ציטערט אינגאַנצן... געבליבן שטיין...

אָנשטאַט דעם ווידל — אַן אויטאָמאָביל־שינע...

— טפּררו, מוראַ! טפּררר!

... ליבער וואָלט מען זי שוין אָפּגעבריט מיט אַן אָנגעבערענטן אייזן!

זי גיט אַ טאַנץ אוף ווי אַ פּילקע, שפּרונגט אונטער ווי אַ יונגע סאַרנע, פאַרוואַרפט מעשוגענערווייז די אונטערשטע פיס, דער ווײדל איז אופגעדרייט נאָך שטייפער...

מ־מ־מע!

און פייל אויסן־בויגן אין יאַר אַריין!

זי נעמט דעם באַריער, ווי אַ פּרעמירטער, גוטער שפּרונג־פערד, און יאָגט דורכן קאָרן, דורכן פּראָסע און אוגערקעס צום ברונעם צו...

גלייך נאָך איר טראָגט זיך ווי אַ „וואורשטל" מיטרעס דריי־יאָריקער.

ער גייט עפּעס מיט אַ זייטל... דער קאָפּ איז באַ אים אויסגעבויגן; מיט די פעדערשטע פיס דיבעט ער אַזוי, ווי ער וואָלט וועלן מיט זיי אַריינכאַפּן עפּעס פונפּאָרנט אַזעלכס, עס צודריקן, צו טוליען און אַוועק־שפּאָרן ווייטער... באַ אים איז דער מ־מ־מע אַ מאַנסבלשער, אַ שטרענגער און אַ הערשנדיקער... דער ווײדל איז אין אַ רייף...

אף אַ רעגע בלייבט ער שטיין פאַרן פּלויט דעם באַריער... און מיט־אַמאָל אימפּעדיק אַ זעץ מיט דער לינקער הינטערשטער און זיין רייף שווינדלט שוין גאָר־גאָר ווייט צווישן די זאַנגען...

מורא איז שוין געבליבן הינטן.

נאָך אַ מינוט און אין אַ צעוויקלטער קאָלאָנע פלאַקערט שוין די גאַנצע טשערעדע...

דאָס יונגוואַרג גייט שפּילנדיק, „רינגעוווייז"...

די כאָשעווע שוואַרצע, וואָס „אָט אָ" שוין דעם אַכטן פרילינג, אַז זי קעלבט אַלץ ביקלעך און ביקלעך", גייט אין אַריעגאַרד, ווי אַ קאָמישע זקיינע נאָכן באַליעט אין אַ פריילעכער אָפּערעטע.

... קיין פּלויט איז ניטאָ, סע סטירטשן שוין נאָר פּלעקלעך...

און ס׳וויינט דער קאָרן, וואָס וויל אופשטיין, ס׳וויינט די פּראָסע, ס׳וויינען די אוגערקעס...

און פון וואַלד, זיך נעענטערנדיק צום אויסוואַלד, לויפט און שטרויכלט זיך אַ:

טפּררו! טפּררררו! טפּררר!!

— קענסט ניט איינהיטן, בופליאַק איינער?! קענסט ניט איינהיטן?!

— טאַ וואס זשע זאָל איך זיי טאָן, אז זיי זיינען אַלע פון זינען אַראָפּ ?!

A-7059

— פון זינען אַראָפּ ?! אין גאס אַרויס וועסטו אים אַפילע אַף קיין שטריק ניט אופהאלטן, און די כודאָבע איז אינגאַנצן אין קאָרן אַריין ?!

— טאַ פאַסעט אַליין !! אז זי פאַרדרייט דעם ווײדל און טשוואַלעט אַוועק! וואָס, איך וועל זיי האלטן פאַרן ווײדל די גאַנצע צייט ?

— אַוואַדע האלטן! דו זעסט, אַז זי פאַרייסט אים, טאַ „רייס איר אים אָפּ” !

פליוך! פליוך! פליוך!

— איך וועל שוין מער ניט! אַף מיין וואָרט, אז ניט!..

און אָניסקאַ :

— אָט אַ וויסטער וואָרעם! האַק אים אָפּ דעם ווײדל — וועט ער ניט האָבן מיט וואָס די פליגן אַרום צו טרייבן, לאָז אים איבער דעם ווײדל — געטשקעט ער זיך...

. . . .

א מיעסע לאַגע.

האָניק

— האָניק, מ׳הם ס׳איז א זיס שטיקל סכוירע. — אַזוי זאָגט אונדזוער עלטסטער בינען־אופציער, דער אַלטער הלושקאָ.

מיר זיצן זיך אַפן בינען־הויף, מיר פּיפּקען צו מיט די ליולקעס, און קליבן נאַכעס פון די בינען...

און זיי, די בינען, פאַלן מיט א גאָלדענעם רעגן אַנקעגן דער זון צום בינשטאָק־פענצטערל צו...

און זיי הודען, הודען, הודען...

— ס׳הודעט! דאס גייט האָניק!..

— אַ וואויל פליגעלע, זיידעניו! אַ? אַ קליינס אַזאַ, אַ רירעוודיקס... און נאָך אַביסל, נאָך אַביסל וועט שוין אַף ווינטער זיין מיט וואָס די שוליקעס צו פארזיסן.

— אַ באַשעפענישל איז עס טאַקע, ווירקלעך, אַ בראַוואָס!.. הערסט, הערסט ווי ס׳הודעט!.. יאָ־אָ־אָ! אנומלטן האב איך שוין אויך ניט שלעכט געהודעט! אַי, האב איך, ברודער־לעבן, געהודעט! איך האב שוין געמיינט, אַז פּיפּטער. אַ סאָף, קלער איך מיר, צום אַלטן הלושקאָ!

— צוליב וואָס־זשע האט זיך עס פלוצים אַזוי צעהודעט? אַף בינען־לאָשן, צי ווי אזוי?

— יאָ, אַף בינען־לאָשן, מיין טייערינקס... איך האב אַזאַ פליאַכע געטאָן, אַז איך האָב געמיינט: צי וועט די אַלטע מיינע כאטש נאָך

אופקלייבן די ביינדעלעך אַף א זייכער... און אַלץ איבערן מויל אונד־זערן דעם ווערימדיקן! קענסט זיך ניט איינהאַלטן, טוסטו אַ זאָג, פאַר־זינדיקסטו זיך, נו, טוט עס דיך אַ שליידער!.. אָרום בינען דאַרף מען מיט גוטנס... ס'איז גאָטס אַ ליב באַשעפעניש, האט עס ליב אַ ליי־טישע פירונג...

— טא וואס זשע איז געשען, זיידעניו!

— ס'איז געשען... ס'איז שוין אַזעלכס געשען, אַז איך קען זיך נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט אויסגלייכן, אַזוי האט עס מיך אופגעדרייט. דאס האָב אַזוי אַראָפגענומען אַ ראָי... מ'האט אָט־אָ נאָרוואָס אָפגע־געסן ווארמעס, בין איך עפעס אַרויס אין גערטל, ערשט איך זע: זיי יאגן... און איך — נאָכן קלעצל און צום לייטער... איך ווארט אויס, ווי ווען זיי זיך עס זעצן... ערשט ער זעצט זיך אָן־אָ, אויב איר זעט, אַף יענער אָ בערעזקע... ס'איז אַפילע הויכלעך אַביסל, נאָר מ'זאָל זאָגן, אַז ס'ניט צום דערלאנגען, איז ניט! דער לייטער דערלאַנגט און דאָס בינשטאָקל קען מען אַזוי אונטערשטעלן, אַז אויב דו וועסט אַ טרייסל טאָן, זאָל זיך עס ארײַנשיטן אַקוראַט!

באַשערט ס'זאָל מיר אַריינקומען — קלעער איך צו זיך אַליין! און שטעל אונטער דעם לייטער, קריך אַרוף... דאָס קלעצל צוגעפאסט צום סאמע האַק. דוכט זיך, שוין... האב איך זיך אָבער נאָר אָנגענומען אַ טרייסל טאָן, ערשט די וויסטע באַשעפעניש, זאָל גאָט ניט שטראָפן פאַר די רייד, טוט אַ:

— דזזז!

און אין סאמע נאָז אַריין צו אייך!

און מיט אַזאַ שטעכעניש ווי קיינמאָל ניט!

האב איך זיך אַבי ווי אַזוי ארומגעטריבן! און די טרערן שוין נאָר אַליין פון זיך קאַפּ־קאַפּ־קאַפּ! איך הער, די נאָז טראָגט מיר, סע שפּאַרט אַזוי ווי מיט אַ גוטן פערד!

טו איך פונדעסטוועגן ווייטער אַ טרייסל...

אַז ס'טוען זיך דיר ניט אַ זעץ אַ צענדליק שטיק אַפן נאָז און מיט אַלדע גלוסטעניש!..

— אָט אַ רועך אין אייערע!..

האָב איך אָבער נאָר באַוויזן אויסרעדן דעם „א רועך”, אקוראט בעשאַסן טרייסל.

(און דאָס קלעצל מיטן ראָי האַלט איך שוין)!

— טרוך! — און ס׳האט מיך אַ ריס געטאָן, וועט איר מיר גלויבן בענעמאָנעס, זאָל נאָר גאָט ניט שטראָפן פאַר די רייד, ווי פינף קלאפּ־טער, אָן אַ גרזמע זאָגנדיק, בין איך אָפּגעפלויגן ווי אַ קארשאק און דער־נאָך האט עס מיך אַ שמייס געטאָן, האב איך אַזש אַ פּישטשע געטאָן.

האָט עס מיך אַ זעץ געטאָן און דאס קלעצל אַפן קאָפּ אָנגעוואָרפן! און זיי, דערווף קוקנדיק, האָבן מיך אַ טשובע געטאָן פון אַלע זייטן, האָב איך זיך געגעבן אַ ציפּע פון קלעצל ארויס און זיך אריינגעקייקלט אין דער כאַזער־שטייג אריין, און דאָרט לעם כאַזער בין איך ערשט ליגן געבליבן...

— ליג איך און קרעכטשע!

— ביז די אַלטע האָט מיך ארויסגעשלעפּט פון שטעלעכל און איך האָב נאָך ניט געוואוסט אַף וואָסער וועלט איך בין.

— דערנאָך האָב איך שוין גערופן דעם גאַלעך און אָפּגעזאָגט מיט אים ווידע. אָט וואָס פאַר אַ האָניק זיי האָבן מיר געגעבן!

— טרעפט זיך אזעלכס אויך!

— וועסטו ווייטער וויסן האַלטן רוכעס אין מויל, בעשאָס דו גייסט ארום בינען — האָט זיך די אַלטע מיט מיר געריצט.

און ס׳איז אַ הייליקער עמעס, איך האב עס שוין אליין ארויסגעזען: קאָם האָסטו אפן בינען־הויף געבראַכט פאַרן מויל דעם ניטגוטן, טאָ אַנטלויף בעסער באצייטנס, באזונדערס אויב דו קריכסט נאָך אַ ראָי.

דער רועך, פארשטייט איר מיך, און נאָך באַ א פויגן לייטער זיערצי, וועט אייך שטענדיק אַזאַ שפּיצל אפּטאָן...

און האָניק... האָניק, — דאָס איז שוין אָפּגערעדט, אַז ס׳איז אַ זיס שטיקל סכוירע.

ווי אַזוי איך האָב געכאַפּט פיש

גאַנץ פרי. אַי! ס׳ניט קיין גאַנצפרי — ס׳איז אַן אַנטיק — אַ בילד...

פונויבן דער הימל, פונונטן די ערד און פונפאָרנט — די סאַזשעלקע...

איר ווייסט וואָס הייסט אַזעלכס אַ סאַזשעלקע? דאָס איז אַ גרויסער, גרויסער טיפע נידערענע טעלער און אין איר געפינט זיך ניט קיין „Supe a la peisonc“* (לויט נוסעך־רענעסאַנס), נאָר וואַסער.

און אינעווייניק אין דער וואַסער געפינען זיך פיש, ראַקעס...

מיין כוויו, ווי אַ פישער, איז צו כאַפּן אָט די־אָ פיש און פאַר אַ גויט, אויב ס׳טרעפט זיך, מאַכט ניט אויס אַ ראַק אויך.

דאָס איז איינס.

צווייטנס: דאַרף איך באַקומען פון דעם אַלעמען:

1) אַביסל פאַרגעניגן,

2) אביסל אפרו פאַר מיין געשאָמע דער צעכראַסטעטער. און

3) אַ פיש־קאַרטאָפליע פון פרישע פיש...

צוליב דעם אַלעמען האָב איך מיט זיך גענומען:

א) דעם צירקוליאַר № 118 פונעם כאַרקאָווער גובאויספירקאָם, (טאַקאָנעס וועגן פיש־פאַנג),

ב) אַ סאַנטימעטער,

ג) אַ צירקל,

---

* „פויערים - זופ“.

ד) אַ שירם (ס׳אַ זון אינדרויסן),

ה) אַ קוישיקל, וואו ס׳זאָל זיך באַהאלטן באַ אַ האלב צענדליק טאַראַן, אַ פלעשל „פערצאָווקע״ („דאָ וואיענאַהאַ־ורעמעני״), מיט צוויי פונט ברויט און אַז. וו.,

ו) אַ שיין,

ז) מיין מיליטער־בילעט,

ט) די ווענטקע,

י) דאָס ווייב.

אַלץ, הייסט עס, וואָס ס׳פאַר אַ מענטשן נויטיק...

און האָב פאַרוואָרפן...

— ווי כאַפּט זיך עס דאָרט, פעטערל?

— רוק זיך ווייטער ווי די רוקסט זיך! אַז ס׳וועט קומען די צייט, וועלן זיי זיך כאַפּן.

איז יענער טאַקע אוועק. נאָר שוין פונווייטן האָט ער זיך צעזונגען מיטן ניגן פון „הרעטשאַניקי״:

דער פעטער טראַכט און טראַכט.

פּיש כאַפּט ער גוט אין בעט באַנאַכט...

— לאַך, לאַך, — קלער איך צו זיך! — אַבי איך וועל גוט מאַכן.

די ערשטע צוויי מיט אַ האלבער שאָ האָב איך שטייענדיק געקוקט אין דער וואַסער און געקלערט צו זיך אליין:

ביזט כאָטש אַ מיליון אומיסטן: זויער־שטאָף מיט וואַסער־שטאָף — אַזאַ מין שטיקל H_2O, און ס׳פאַרמאָגט אזא אייגנס מיט פיש אין זיך.

און איך וואָס, איך בין שוין עפּעס אַ מענטש, אַ homa און ס׳זאָל דיר פאַרמאָגן כאָטשבי איין פאַרשיווע פלאָטקעלע.

ערשט אַף די רייד: ליאָפּ־ליאָפּ־ליאָפּ, דאָס קאָריקל!

— און צי!

— פאַראַן!! אַהאַ!! כאַפּ, מיין ווייב, כאַפּ, האַלט, כאַפּ! האַלט, האַלט! געכאַפּט?

— איך האָב עס!

— אַ קאָרעסל? דערלאַנג אהער דעם סאַנטימעטער. דערלאַנג דעם צירקל!

— דערלאַנג דעם צירקוליאַר פון גובאויספּירקאָם. ווי אַזוי שרייבט זיך עס דאָרט? — „אַ קאַראַס ניט ווינציקער פון דריי וואַרשאָק מעסטן פון מיט־אויג ביזן פליגעלע פונעם הינטערשטן דורכגאַנג".

— גוט! זוך אָפּ דאָס אויג!

— פאַראַן!

— טאָ זוך אָפּ דאָס מיט פונעם אויג!

— געפונען.

— שטעל צו דעם סאַנטימעטער... אָט אַזוי, — אַזוי, אַזוי!

— האַלט... זוך דאָס פליגעלע לעם הינטערשטן דורכגאַנג.

— איך ווייס ניט וואו!

— זוך פון הינטן. אויב דער הינטערשטער דורכגאַנג — מיינט מען עס פונהינטן! לעם דורכגאַנג!.. געפונען?!

— אַז ס'ניטאָ!

— דו האָסט, ווייזט אויס, פאַרגעסן זאָאָלאָגיע? אַבי מ'האָט אייך גע־האַלטן יאָרן אין די גימנאַזיעס! דערלאַנג אהער!

— אוי! שוין!

— וואָס שוין?

— זיך ארויסגעגליטשט אין וואַסער אַריין.

— אָן־אָן־אָ אַוועק געשווימען.

— אָט האָסטו דיר! און ס'נאָך דיר אויסגעוועזן אָפּ אלערליי קורסן! אין וואוקאָספּילקע געדינט! און ס'קען דיר קיין נישטיק פישעלע ניט איינהאַלטן!

. . . .

ליאָפּ, ליאָפּ, ליאָפּ! דאָס קאַריקל!

— „אַנדערע פיש"?! טו נאָר דאָרט אַ קוק וויפל איז עס אָפּגעשטעלט פאַר „אַנדערע" פיש.

— דריי וואַרשאָק!

— דערלאַנג אהער דעם סאַנטימעטער!

אַן אויג פאַראַן?.. קער זיך איבער, „אַנדערע". דו, וואו איז עס בא דיר דאָס פליגעלע, דאָס פון הינטער־דורכגאַנג? ניטאָ! טו נאָר א קוק! ניטאָ קיין פליגעלע? דאָס האט בא איר געוויס אַ העכט אָפּגעביסן! וואָס זשע טוט מען שוין איצט?

— דו פרעגסט מיך ?
איך שמיץ אים ארויס :
— גיי צוריק אין סאַזשעלקע אריין ! מ'שווימט דאָ ארום אָן הינ־טערשטע דורכגעגנג און דו גיי לאָד זיך פאַר זיי דערנאָך.
אָ אָ אָ ! אַ ראַקעלע ! קום אַהער. קום, קום !
— נו, טו נאָר אקאָרשט אַ קוק ווי אזוי זיינען דאָרטן ראַקעס ? וואו מעסט מען זיי...
— צוויי ווערשקעס ! פונעם עק קאָפּ ביזן עק ווידל.
— דערלאַנג אַהער דעם סאַנטימעטער ! לאָמיר אָנהויבן פונעם קאָפּ...
— הויבסטו דאָך גאָר אָן פונקט פונעם ווידל !
— ווער זאָגט פונעם ווידל, דאָס איז דאָך דאָס „העלדזועלע" און אויב ס'איז דאָ פאַראַן אַ העלדזועלע, איז דאָ פאַראַן אַ קאָפּ אויך !
— איז דאָך עס דער ווידל און ניט קיין האַלדז. אליין ווייסט ער גאָרניט און שרייט נאָך !
— טאָ וואָס זשע איז ניט אלציינס, צי איך וועל פונעם ווידל מעסטן, צי פונעם קאָפּ ? !
— נו ? !
— אַ ווערשאָק מיט $^{7}/_{8}$!
— גיי צו אַלדע רוכעס ! שווים ווייטער דאָרטן ! האָט ניט געקענט אויסוואַקסן אַף נאָך אַ פאַרשיוון אַכטל, און ס'קריכט אייך !
... קום אהיים !
און דער „פעטער" האָט זיך טאַקע באַנאַכט אריינגענומען אין קאָפּ אריין פיש און פאַרביסן מיט טאַראַנקעס.

דאָס, צו וואָס ס'איז גוויטיק זיך אויסקערן מיטן פּאָנעם

אַט אַזוי. די פֿאַרסט און פֿאַרסט צו פֿאָרן... „מיטן פּאָנעם צום דאָרף" — קומסטו צו פֿאָרן... דו גופֿע זיצסט נאָך אַף דער פֿור, נאָר דײַן פּאָנעם איז די גאַנצע צײַט אויסגעקערט צום דאָרף... די איבעריקע אָרגאַנען פֿון דײַן שטאָטישן לײַב זײַנען דערווײַל געווענדט צו אַנדערע זאַכן.

דײַן רוקן איז אויסגעקערט צום „וואָסעק" פֿון וואָגן. די הענט האָבן זיך אָנגעכאַפּט פֿאַר די שפּיצן פֿון די „אַטאַסעס". איין פֿוס טרײסלט זיך אַפֿן נאַלישניק און די צווייטע קלאַפּט זיך אָן אַן אויפֿהער אינעם „שוואָרען".

און דײַן גאַנצער גוף פּלאָגט זיך צעפֿאָרענערהייט אַף דעם שטרוי-געזעס, די לענדן זײַנען דײַנע רעסאָרן און דו אַליין ביסט זיך אַ קישן...

דאָס פּאָנעם איז אָבער צום דאָרף...

אָט דאָרט פֿאַרן וואָגן גייט צווישן די האָלאָבליעס א גרוי פֿערד. אַפֿן פֿערד איז דאָ אַ כאָמעט מיט „נאַריטניקע", איבערן פֿערד — אַ דוהע. דאָס פֿערד דרייט מיטן ווײדל, — „אַן עקיפּאַזש, הייסט עס, מיט איין-פֿערד-קראַפֿט".

אומיטלבאַר נאָכן פֿערדישן עק, עטוואָס העכער פֿון אים, זיצט אַ געל-בערדיקער קאָזעלשטשאַנער בירגער... אין דער לינקער האַנט געפֿינען זיך בײַ אים לייצעס, אין דער רעכטער — אַ בייטש-שטעקל.

דער בירגער צופּעט די לייצעס, פּאָכעט מיטן בייטש־שטעקל און:

— נ־נ־אָ! צ־צ־צ! נ־נ־אָ, גרויאינקער! אַ וועג היינט אַ שלעכ־טער. ס'איז, פאַרשטייט איר מיך, דורכגעגאַנגען אַ רעגן, איז עס אַביסל דאָסיקלעך... נ־נ־אָ!

אָט אַזוי־אָ פאָרסטו זיך...

אי פון דער רעכטער זייט ציען זיך טוואועס, אי פון דער לינקער זייט ציען זיך טוואועס און צווישן די טוואועס איז דער שליאַך.

אי פון רעכטס גייען דערפער, אי פון לינקס גייען דערפער...

דרייסטו זיך אויס צו איין דאָרף מיטן פּאָנעם, צום צווייטן דאָרף מיטן פּאָנעם...

און די פור קייקלט זיך, און דאָס גרויע פערד דרייט מיטן וויידל און דער „דיאַדקאָ" סמאָטשקעט אונטער צוביסלעך, און די טוואועס וואַקסן זיך און דו פאָרסט זיך...

אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז דער „דיאַדקאָ" טוט ניט אַ זאָג צו זיין גרויען:

— „טפּפררו!"

און ווי־באַלד ס'איז אפּגעזאָגט געוואָרן דעם גרויען „טפּפררו", הייסט עס אַף געוויס, אַז דו ביסט שוין אין דאָרף... אָט דאָס הייסט, אַז דו ביסט לעם דעמזעלבן אייסעק, צו וועלכן דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך איצט אומגעקערט מיטן פּאָנעם...

דאָס האָסטו דיר דעם דאָרף...

אַ דאָרף — דאָס איז זיך אַ מין סאָרט טעריטאָריע. און אַף דער אָ טעריטאָריע געפינען זיך הייזער, שטאַלן, קעלערס און אַ קלויסטער... צווישן דידאָזיקע הייזער גייען געסלעך... אין די הייזער און אַף די געסלעך געפינט זיך די באַפעלקערונג; אין די שטאַלן — די פי... אין די קעלערס איז ניטאָ גאָרניט, וואָרום מ'האָט שוין לאַנג אַלץ אופגעגעסן... אַפן קלויסטער איז דאָ א ציילעם און אַפן ציילעם אַ וואָראָנע... דער ציילעם איז אַ גאָלדענער און איבער דער באַגילדקייט זיינען אָנגעזייעט אַסאַך וויסינקע קופּקעלעך — דאָס פּירן די באַפליגלטע גאָטס־באַשעפע־נישן אַן אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע... פון יענער זייט קלויסטער שטייט אַ שטוב...

איבערן גאַניק הענגט דאָרט אַ רויטער שילד און אַפֿן שילד שטייט געשריבן:

> פֿראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער פֿאַראייניקט זיך
>
> מ...־ער דאָרפֿסראַט
>
> פֿון מ...־ער ראַיאָן.

און אַ טערפּ מיט אַ האַמער פֿלעכטן זיך אויך איבער אַף דעם שילד...

לעם קלויסטער הינטערן פּלויט האָבן זיך אויפֿגעקוטשקעט שאָף... זיי האָבן אַראָפּגעלאָזן די קעפּ און זיי זײַנען פֿאַרנומען מיט שאָפֿענע געדאַנקען, און דער באַראַן האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ איבער דער טשערעדע... ס׳קומט אויס אַזוי, ווי דער באַראַן האַלט אַ רעדע און די שאָף הערן זיך אײַן... און איבער די שאָף איז דער קלויסטער — אַ ווײַסער קלויסטער אַזאַ מיט צײַלעמער און מיט קופּאָלן... שטייט זיך אַ ווײַסער קלויסטער און הינטער אים — שאָף אַ טשערעדע.

און דאָס דאָרף האָט זיך פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿן... טוסטו אַ קוק אַהער, ציט עס זיך ביז די פֿעלדער און פֿאָכעט מיט ווינטמילן, טוסטו אַ קוק אַהין — איז דאָס דאָרף באַגרעמט מיט אַ וועלדעלע פֿון אָסיקע, בערעזע און דעמב, דאָרט העט טוט עס זיך אַ יאָג אַראָפּ פֿון באַרג און בלײַבט ניט. ס׳ווערט גאָר פֿון דעם אַ לאָנקע... אַ גרינע לאָנקע אַזאַ, וואָס שפּרייט זיך אַזש ביזן פּסיאָל... אינעם פּסיאָל באָדט זי זיך אָפּ, די לאָנקע, שווימט איבער אים אַריבער און פּוצט זיך צו פֿון יענער זײַט מיט אַלכע...

דאָס איז אַלץ, אויב גלײַך אָדער לינקס... און אויב רעכטס, פֿאַרקריכט זי, די לאָנקע, ווײַטער אין הויפֿן און שטאַלן און אין געסלעך... דאָס איז אַ דאָרף, דאָס איז די נידעריקערע מ...ע.

אָט דאָס האָסטו דיר אַ דאָרף...

הײַזער, שפּײַכלערס, שטאַלן, ברונעמס, קעלערס, אַ שול, קלייטן, אַ קאָאָפּעראַטיווע קראָם, מאַנסבלען, פֿרויען, ייִנגלעך, מיידלעך, קינדער... די פֿלאָרע און די פֿאַונע...

די הייזער — דאָס זיינען אַזעלכע פּירעקיקע ביניאָנים, געדעקט מיט שטרוי און פּונויבן אַ קוימען... באַ די זייטן פון אָט די הייזער גייען פענצטער.

דאָ (ניט אַף די פענצטער, נאָר אין די הייזער) קאַכט די באַפעלקערונג ווארמעס, שלאָפט, עסט און וויגט די קינדער.

די שפּייכלערס — דאָס זיינען אַזעלכע פּירעקיקע ביניאָנים געדעקט מיט שטרוי, נאָר פונויבן איז שוין ניטאָ קיין קוימען. אינמיטן אין די שפּייכלערס זיינען דאָ זאַסיקעס, אין די זאַסיקעס איז ניטאָ ניט קיין קאָרן, ניט קיין מעל... ס׳וועט אינגיכן זיין...

די קעלערס — די זיינען אין דער ערד, אין דער טיף.

פון יענער זייט הייזער איז די פלאָרע, און לעם די הייזער — די פאַאונע.

דער וויכטיקסטער פאָרשטייער פון דער דאָרפישער פאַאונע איז די „מאַנקע״.

דאס איז אַ באַשעפעניש אף פיר פיס מיט הערנער און מיט אַ קאַלב, זי קאָן אויך הייסן — בעהיימע אָדער קו.

די פויערים האַלטן זי באַ זיך דערפאַר, וואָס זיי זיינען איבערצייגט, אַז אַ מאַנקע גיט מילך. דאָס איז א אייביק איינרעדעניש. די „מאַנקע״ עסט אַסאַך, טרינקט אַסאַך, קעלבט קעלבער, דרייט מיטן וויידל, מוקעט און ליפּט אין העזעק... אַז מ׳ברענגט זי צוטרייבן אַהיים, האט די באַלעבאָסטע וואָס צו זאָגן:

— אָט וויפל איך האב קוים מיט צאָרעס אָנגעצירקעט.

אונטער דער בעהיימע איז דא אַ קאַלב, דאָס איז א קינפּטיקע בעהיימע... איצטער לעבט עס צוליב דעם, ס׳זאָל אויסזויגן די בעהיימע...

לעם דער בעהיימע שטייט די „רויטע״, דאָס איז אַ טעלעצע. אין די צעטלען רעכנט זי זיך פאַר איין שטיק הערנער־פי. פון איר וועט אויך אַרויסקומען, אַביסל פאַר דער צייט, א בעהיימע, וועלכע דער קאַלב וועט אויסזויגן און די באַפעלקערונג וועט וועגן איר זאָגן:

— מ׳קאָן זיך מיטן מילך אַ היפּש ביסל אָנעסן! ס׳גלאַט אַזוי האַלט מען זיך מיט איר. אָן אַ בעהיימע, פאַרשטייט איר מיך, קומט עס עפּעס אויס דאָסיק... ס׳פּאָרט פאַראן עמעצער אין הויף, וואָס זאָל אונטערקלייבן און אופעסן אלץ ביז א ברעקל... און מילך... מיר עסן זיך מיט איר ניט איבער... סאַידן אַמאָל אַ קינד...

צווישן דער פאַאונע קאָן מען נאָך רעכענען אָקסן... דאָס זיינען די־זעלבע בעהיימעס נאָר פון מענערישן געשלעכט. האַלטן האַלט זיי דער באַלעבאָס פון ליבשאַפט וועגן... דעם באַלעבאָס ליבלינג זיינען די אָקסן... זיי, די אָקסן דידאָזיקע, זיינען אַ מאָס פאַרן אַמאָל:

— אַמאָל זיינען געווען אָקסן! שוין איינמאָל אָקסן! און איצט וועסטו יי דען ערגעץ אָנטרעפן?

און ער גלעט זיי, דער באַלעבאָס, ער נעמט זיי אָן פאַר די הערנער און גלעט זיי די העלדזער...

אַ כאַיע איז עס אַ פאַרשייטע און אַ מאַלעגיירעדיקע... מאַלעגיירע זיין — דאָס דאַרף זיין געגליכן צו דעם, ווי עסן אייז־קרעם נאָך יעדן מיטאָג. די מענטשן האָבן זיך נאָך צו אַזעלכס ניט דערטראַכט, דאָס איז אַ ריין אָקסישע פריווילעגיע...

מיט אָקסן אַקערט מען דאָ די פעלדער... די אַרבעט ברענט אונטער די הענט.

די דריבנערע פאָרשטייער פון דער דאָרפישער פאַאונע זיינען: דער ראַבער, „ברישקי־ברישקי" און „גוואַלד־ראַטעוועט".

דער „ראַבער" — דאָס איז דאָך רעב כאַזער אַליין. רעב כאַזערן ווייסט יעדערער, וויל מ'באַגעגנט אים אַף יעדער טריט.

„ברישקי־ברישקי" — דאָס איז אַ כאַיע מיט לאַנגע וואָל. אַ שוואַרצע, אָדער אַ גרויע. זי מעקעט און איז זייער נאַריש. קורץ גערעדט, שאָף.

„גוואַלד־ראַטעוועט" — דאָס איז אַ פירפיסיקע באַשעפעניש, וואָס שפרינגט אַרויס פון הויף און בילט אַף יעדן דורכפאָרער...

פון פויגלען באַגעגענען מיר אין דאָרף: הינער, ענטלעך און געגנדז... דאָס מערסטע — הינער. זיי לייגן אייער, צעשאַרן אין גאָרטן די בייטן און דינען אַלס א קריגשטיין צווישן דער מאַנסבלשער און פרויאישער טייל באַפעלקערונג.

די פלאָרע איז פון יענער זייט הייזער. זי איז א פארשיידנאַרטיקע: בולבע, ציבעלעס, קירבעסן, כריין, ליוביסטיק, בוראַקעס, מיאַטע, קראָפ, קאַלופער, קראָפעווע, לאַבאָדע, וויינשלבוימער, עפלבוימער, קיסליצעס, ווילדע באַרנבוימלעך, אַזוי בוימלעך, דוב, יאַסען, בערעזע, אָסיקע און פיל אַנדערע.

פון אינזעקטן באַגעגנט מען דא מער פון אַלץ — פליגן.

געוועלטיקן געוועלטיקט איבער דעם אַלעמען די אַזויגערופענע באַפּעלקערונג.

די באַפעלקערונג, ווי איר האָט שוין דאָ אויבן געלייענט, טיילט זיך אף מאנסבלען, אַף פרויען, אף יינגלעך, אף מיידלעך, אַף קינדער און אַפן גאַלעך.

די מאנסבלען — דאס איז די טייל באַפעלקערונג, וואָס טראגט בערד, היטלען (אדער מיט קאשקעטן) און מיט ציגאַרן אין מויל, צי אין האַנט. דאָס איז א באַפעלקערונג א פעסטע. טראגט שטיוויליעטן „דזשימי״, לייבקאָלירענע אזולכע. הויזן און העמדער טראָגן זיי פון ווייסן שעוויאָט און די הענט זיינען באַ זיי „אָנגעמאניקיורט״. דעם מאניקיור מאכן זיי ניט אף די נעגל, נאר אף די שפיצן פונעם גרויסן און לעם גרויסן פינגער. און דער מאניקיור קומט אויס אזוי ווי טונקל־געל.

אָט די טייל באפעלקערונג געפינט זיך זעלטן־ווען אין שטוב. מערסטן געפינען זיי זיך אדער אין פעלד אָדער אין הויף, אָדער אין קאָאָפעראַטיוו. אין שטוב קומט זי אַריין נאָר קעדיי א פרעג צו געבן:

— שוין אָנגעקאָכט? דערלאַנג!

די מאנסבלען זיינען דאָ ערד־באַאַרבעטער. דאָס באַטייט, אַז זיי מאַכן ברויט... א מעלאָכע איז עס זייער א גרינגע און ניט קיין קוואַליפיצירטע... ס'ניט דאס, וואָס אין שטאט אין אבי וועלכער קאנטאר, צי אַ טרעסט, אדער אַ סינדיקאַט.

דארט (אין שטאָט) איז ביז דו שטייסט אוף, ביז דו קוקסט זיך אום, ביז דו קומסט, ביז דו זעצסט זיך אַנידער... און דערנאָך נאָך גאנצע אַכט שאָ דארפסטו זיצן און ארבעטן... און דערנאָך גיט מען צוויי וואָכן אורלויב. אבער נעם דעם פויער, איז ער א גאנץ יאר אין אורלויב... אַ גאַניידן און אַן עק... אַ גאַנצן טאָג ביסטו זיך אף דער פרייער לופט. ווי דו שטייסט נאר אוף, אַזוי ביסטו שוין אף א דאַטשע... פאָרסט זיך אַרויס אין פעלד. די זון לייכט, דאס ווינטעלע בלאָזט און דארפסט גאָרניט טאָן. די אָקסן שלעפּן דעם אקער, אדער די באָראָנע, דער אַקער אַקערט די ערד, די באָראָנע באָראָנעוועט, דער גראַב־אייזן גראָבט דעם גאָרטן, און דו גייסט זיך נאָר נאָך און פאָכעסט מיטן בייטשעלע... און אויבער אין גאָרטן, איז געַנוג זיך אָנבויגן און אָנקוועטשן מיט דעם פוס דעם גראַב־אייזן, קריכט ער אליין אין דער

ערד אריין... דערנאך וואַרפסטו אריין אַ קערנדל אין דער ערד אריין, וואַקסט עס זיך... אליין וואַקסט עס... דערנאָך טוסטו א פיר מיט דער קאָסע, א פיר אַהער, אַ פיר אַהין, פאלט עס אום... אַליין פּאַלט עס אום... דערנאָך טוסטו אַ פאָכע מיטן ציפּאָק ט׳אַהער, אַהין, שיט זיך עס אויס פון די זאנגען... נעמט די מיל און מאָלט אוף, די הענט פארקנעטן עס, און דיר בלייבט איין ארבעט: זיצן און עסן.

אין קאָנטאָר איז אי אין „ווכאָדיאַשטשע“ פארשרייב, אי אין „איסכאָ־דיאַשטשע“ פארשרייב, און נאָך אָרדערעס שרייב אויס. אבער דא וואַקסט דאָך אליין, און דו זיך נאָר און עס... און שטענדיק אף דער פרייער לופט, שטענדיק אין דאָרף... אף א דאַטשע... א מעכאַיע! אט דאס איז אייך דאס מאַנסבלשע טועכץ.

בא פרויען איז די ארבעט אויך דאסזעלבע... ניט קיין שווערע... פרויען — דאס זיינען אַזעלכע מענטשן אין קליידלעך און אין פאַטשיי־לעס... זיי קאָכן... ווי נאָר זי שטייט אוף, מעלקט זי אויס די בעהיי־מע, האָדעוועט אָן די כאַזיירים, האָדעוועט אָן די קינדער, צעגראָבט דעם גאָרטן, יעטעט אויס א בייט, צעוואַשט, גייט אָפּ, שטריקט אוף, שפּינט אָפּ, וועבט אָפּ, שמירט אַרום, קאָכט אָפּ, באַקט אָפּ, טוט א לויף אין פעלד אריין — און דאס איבעריקע פאַרברענגט זי זיך וויפל זי וויל... ס׳נאר וואס זיי שטייען דאָ אוף זייער פרי. ס׳איז, ווייזט אויס, אומיסטן, קעדיי צו באַגעגענען דעם זון־אופגאַנג, וואָרום ער איז טאַקע דאָ זייער א שיינער... ריינע לופט, א מעכאַיעדיקע קילקייט. דער טוי באשפּרענקלט מיט דריבנע טרערעלעך דעם זיידענעם גראָז... ווי אזוי זשע קען מען דא שלאָפן!? שטייען זיי טאַקע אוף... און אזוי יעדן טאג...

יינגלעך — דאס זיינען צוקונפטיקע מאַנסבלען.

מיידלעך — דאס זיינען צוקונפטיקע פרויען.

קינדער — דאס זיינען צוקונפטיקע יינגלעך און מיידלעך...

דער גאַלעך — דאס איז דער גייסטלעכער... דאס איז פון גאָט. ער לערנט ווי אזוי צו לעבן עמעסדיק אף גאָטס וועלט און פאַרבייסן מיט קנישעס. קעסט האט ער „גרינגע“, וואָרום אין די הייליקע שריפטן שרייבט זיך „ניט מיט ברויט אַליין קאָן א מענטש לעבן, נאר מע דאַרף נאָך צום ברויט אויך...“

דאס האסטו דיר דעם דאָרף.

אט דאס איז דער אייסעק, צו וועלכן מע דאַרף זיך אויסקערן מיטן פּאָנעם.

אין סאַמע מיטן דאָרף איז פאַראַן א גרויסער פּלאַץ... און אַפן פּלאַץ ליגן בעהיימישע קיזיקעס, אט די אָ סכוירע כאַפּט אן אָנבליק פון א קאָנדיטערײַ־טאָרט. ס'איז נאר, וואָס זי איז אסאַך נוצלעכער פונעם טאָרט. וואָרום ווען ניט קיזיקעס, וואָלטן געווען אַסאַך ווינציקער טאָרטן...

איז אט, ווען דו נעמסט און שטעלסט זיך אַוועק אינמיטן אט דעם אָ גרויסן פּלאַץ, באקומט זיך א ביז גאר מאָדנע מאַיסע... מיטן „פּאָנעם" מיט דיינעם באַקומט זיך זייער א מאָדנע מאַיסע... קערסטו אויס דעם „פּאָנעם" צום דאָרפסראַט, באַקומט זיך מיט די פּלייצעס צום קלויסטער. דרייסטו אויס דעם פּאָנעם צום קלויסטער, באַקומט זיך מיט די פּלייצעס צום דאָרפסראַט...

אָט א קונץ!..

אויב צו א גרויסער נאַכלע מיט שפּייכלערס, שייערס און שטאַלן דרייסטו זיך אויס, קומסטו אויס צו דער הייזקע מיט די פּלייצעס... דרייסטו זיך אויס צו דער הייזקע — האט זיך די פּלייצע אויסגעקערט צו דער גרויסער נאַכלע.

און אויב, צום ביישפּיל, דער דאָרף־מאַש־טרעסט פאַרקויפט אַקערס, פאר מעזומענע לייזט ער 40 רובל און טאָמער אף באָרג — איז פופציק גאָך מיט א זשאמזשיק. נו, פאַרקויפט ער דאָך, הייסט, ניט מיטן פּאָנעם, נאר מיטן פונקט־פאַרקערט...

אָדער בעשאַס די אַגענטן קויפן באַם „דיאַדקאָ" אָקסן און דערנאָך צאָלן זיי אויס פאַר די אָקסן צענערלעכווייז, קויפן זיי אויך ניט מיטן פּאָנעם, נאר מיט גאַנץ אַנדערע אָרגאַנען...

אַסאַך, אוי, ס'אַראַ אַסאַך גאַסן, געסלעך און הינטערגעסלעך דאס דאָרף פאַרמאָגט.

דאַרף מען, ווייזט אויס, האבן א גאַנץ בויגעוודיקן האַלדז, אז מע זאָל קענען דעם „פּאָנעם" אויסשטעלן ראַק צום דאָרף.

און באַ ווע‌מען דער האַלדז איז א גראָבער, זאָל ער בעסער אריינקוקן אין גראָסבוך אריין... וואָרום דאס דאָרף האט ליב א פּאנעם און איז נאך ווי אזוי גערן בעשאַס עס זעט א גוטן, א ליכטיקן פּאנעם...

דאס, צו וועלכן מע דאַרף אויסקערן דעם פּאָנעם מיט דער מאָרדע אײַנייגעם

איבערן וויהאָן פּאָרסטו זיך אזוי און דו פּאָרסט, דערנאך פּאַריקערע־וועסטו אף א ליקל און גייסט שוין דאס איבעריקע צופוס. מיידסטו אויס דעם עמעסן גאַלעך. באַם עמעסן גאַלעך דרייט דאָס פערד פריילעך מיטן ווידל, וואָרום עס ווערט באַ אים אופגעצויגן אף הוילע קנישעס.

באם אויסגעוואָרענעם גאָלעך דרייט די שקאַפּע אומעטיק מיטן ווידל, וואָרום קיין קנישעס עסט זי באַ אים ניט... גייסטו, און גייסט גאך, ביסטו שוין דאָרט, וואו די ווינטמילן פאָכען מיט די גרויסע פליגל, זיי דערמאָלן, די ווינטמילן, די לעצטע שיראַיעם פונעם אַוועקגעגאַנגענעם יאָר, און פון די ווינטמילן שטעקן זיך ארויס בערד און קוקן אַרויס אַפן קומענדיקן, אַפן האַיאָריקן.

און אט דאס אָ קומענדיקע, געפינט זיך אָט אָ גלייך פון יענער זייט מילן, איז ווען דו שטעלסט זיך אזוי אוועק אַפן מיטן שליאַך, און דו טוסט א קוק סאַי אַפן מיזרעך, סאַי אַפן מאַירעוו, סאַי אף דאָרעם, סאַי אף צאָפן, זעסטו מיט דיינע אויגן אט דאס קומענדיקע. ס׳גיסט זיך אָן, ס׳פּוצט זיך אויס, ס׳רעגט זיך, ס׳בליט, ס׳רוישט, ס׳שעפּטשעט, פרייט זיך...

און פרייט...

און די בערד קוועלן אָן, די בערד ווערטלען זיך, די בערד קלייבן טאַינעג.

וואָרום דאס קומענדיקע פרייט.

— איך בין זיך אזוי געשטאַנען, זיידעניו, אף דער מעזשע און זע מיט די אויגן מאַמעש, ווי אזוי די ווייץ קריכט פון דער ערד ארויס. איך קוק, און דאס שטענגעלע שפאַרט ארוף, שפאַרט און שפאַרט...

— וואָרום די רעגנס זיינען היינט אזעלכע געבענטשטע, אז ס'גייען היינט אוף זאַכן, וואס האבן גאר קיינמאל ניט געקלערט אופגיין. ס'טראָגט...

— מיין אַלטע זאל כאָטש פון דאָרט ניט אַרויסשפאַרן. ווארום אויב ס'וועט נאך זי אויך אָנהויבן שטופן מיטן שטענגל, טא זאָל שוין בעסער דער אויבערשטער אויסהיטן.

און די בערד פרייען זיך...

וואָרום ס'דאָ פון וואס זיך צו פרייען...

דו שטעלסט זיך אַוועק אף דער מעזשע און דער קאָרן גלייך צו דיר אין פאנעם אריין:

— פיטשק!

ער דערלאַנגט דיר, דער קאָרן, ביזן פאָנעם דיינעם, ביזן אָפּגעברענטן, טוט אים דער ווינט א שאָקל און ער:

— פיטשק...

און שיר וואס ער רעדט ניט אויס:

— קערעווע זיך, דו, היגטישער קאָטער, צום דאָרף אט מיט דעם אָזעלבן אָרט, וואוהין איך פיטשקע דיך. קערעווע זיך אויס! — פיטשק!

און ער רוישט, ער רוישט.

און ער בויגט זיך אָן, בויגט זיך אָן מיט זיין פולן זאַנג און פאַלט צו, פאַלט צו צו דער שוואַרצער ערד און דערנאך גלייכט ער זיך אויס, שטעלט זיך אוף און גיסט זיך אָן...

און דו קוקסט זיך צו צו זיין זאַנג דעם הונדערט-קערנעריקן און דו זעסט, ווי ס'שוואָלט דאס קערנדל, ווי די פאָלאָווע צענעמט זיך...

אט אָ האט ער זיך אָנגעגאָסן צוליב די שולן וועגן, אט אָ צוליב די שפיטאָלן, און אט אָ צוליב דער רויטער אַרמיי.

אט האט ער זיך צעבלאָזן פון דער אינדוסטריע וועגן.

אַזוי גיך, גיך גיסט ער זיך אָן.

— אַף וויפֿל זשע פּראַצענט, פֿרעג איך דיך, פּאָלאָווע גאָלדענע און שיינע, אַף וויפֿל פּראָצענט גיסטו זיך אָן פֿון דעם ספּעקוליאַנטס וועגן?

— איך, — זאָגט ער, — וואָלט זיך צוליב צוליב אים, צוליב אזא קעלעוו שעבי־קלאָווים, אַפּילע אַף קיין קאָפּ ניט אָנגעגאסן, אבער וואס קען מען העלפֿן, זיי זיינען נאָך ניט אויסגעוואָרצלט געוואָרן. צוליב דער קאָאָפּעראַציע וועגן, — זאָגט ער, — אַז איך גיס זיך אָן, איז אַזוי ווי איך זאָל זיך קוויקן מיט גוטן האָניק; דערפֿיל איך אבער, אַז איך צי די טיפֿן פֿון דער ערד צוליב דעם ספּעקוליאַנטס וועגן, אַזוי נעמט מיך גלייך אָפּ דער כיישעק, און דער זאַפֿט פֿון דער ערד ווערט מיר אי ביטער, אי זויער, פּונקט ווי ער וואָלט ניט קומען פֿונעם פֿריידיקן פֿאַרהאָרעוועטן פּויערשן שווייס, נאָר ס'וואָלט גאָר אין אים אריינגעפֿאַלן אַ גאַל־ביטערער טראָפּן, אַ ביטערער און אַ שווערער, וואס האָט פֿון פֿאַרקלעמטן הארצן פֿון פּוי־ערשן זיך אַראָפּגעקייקלט אַף דער שוואַרצער אַקער־ערד.

און דער קאָרן האָט זיך פֿאַרטראַכט.

דערנאָך האָט ער אַ שווערן זיפֿץ געטאָן און רופֿט זיך ווייטער אָן:

— מע דאַרף דאָך נאָך זיך אָנגיסן פֿונעם גאַלעכס וועגן אויך, און פֿונעם דיאַקס וועגן, און פֿונעם פּאַנאָמאַר וועגן, מיט די הייליקע, מיט די גאָטספאָרכטיקע און פֿאַר די אַפּאָסטאָל־געגליכענע, און פֿאַר אַלע הייליקע, אַט דאס איז דיר אַזאַ פֿאָלק, וואס לעבעדיקערהייט האָבן זיי געגעסן און אַז זיי זיינען געוואָרן הייליקע, פֿרעסן זיי נאָך מער!

און דער קאָרן האָט אומעטיק אַ וויג געטאָן די זאַנגען, און צו זיך אַליין:

— גיס זיך אָן, גיס זיך אָן, גיס זיך שוין אָן אַפֿן גאַלעכס כיילעק אויך, אויב ניט איך, איז טאָמער וועלן כאָטש מיינע אייניקלעך זיך פֿאַר־שפּאָרן אָנגיסן פֿון זייערטוועגן...

. . . .

ער גיסט זיך אָן, דער קאָרן...
אַף איטלעכנס כיילעק גיסט ער זיך אָן.
און די ווינטער־ווייץ גיסט זיך אויך אָן.
זי גיסט זיך אָן און קרעכצט...

זי גיט אַ קרעכטשע מיט גרינעם זאַנג און וואַלגערט זיך אום, די קני ברעכן זיך איר אונטער.

דאס האט זי א ווייס ווערעמל אומגעוואַלגערט.

פאַלט זי אום, די ווייך, שטופּט זיך אריין מיטן זאַנג אין דער פייכ-טער ערד און קלאָגט:

— די פּרינצעסע, — וויינט זי, — די העסענער, אַליסען מיטן מאַן מיט אירן ניקאָלאַי דעם צווייטן, מיט די קינדער, מיט די קאַמערהערן, מיט די פליגל־אַדיוטאַנטן, מיטן געגעראַליטעט, מיט רעגירנדיקן סענאַט — אַלעמען האט מען בייגעקומען און א קליין פליגעלע א העסענער קען מען ניט בייקומען.

באַלעבאַטים! ס'דיין גליק, — זאגט זי — באַלעבאָס מיינער טייערער, וואס מיין שטענגל איז ניט אזא ווי באם בודיאַק. ווען יא, וואלט איך דיר אונטערגעהויבן דאס העמדעלע און איבער יענעם אָרט, וואו דו טאַפּסט זיך איצט: קראַץ! קראַץ! — ניט פאַרמיסטיק מיר דאס פעלד! אַקער איבער די סטערנע טיף! ציכטיק אויס די סטערנע, טו אוף אַלץ צו דער צייט! טאָמער וויסטו אליין ניט וואס צוטאָן, טאָ טו א פרעג באַם אַגראָנאָם, דערוויס זיך אף דער פּרוואָו־סטאַנציע! און מיטן שטעכיקן שטענגל אים ארייגצייילן מיט די שטעכאַלקעס!

און זי וויינט נעבעך, די ווינטער־ווייך...

און די גריקע בליט און שמעקט און הודעט מיט בינעלעך:

אַף אַ הרעטשענער קאַשע וואַקסן מיר,
אַף אַ הרעטשענער קאַשע! בום בום!

און די זומער־ווייך מאַכט מיט כשיוועס:

— און איך אף קנישעס! און איך אַף קנישעס!

און דער גערשטן האט אראפּגעלאָזן די לאנגע וואָנסע, דעם קאָפּ אראפּגעבויגן און צו מיר:

— אנו, קום אהער, מעסט אָפּ... בין איך ניט איין מאָס מיטן קאָרן?

— טאַקע איין מאָס! אָבער פון דיר וועלן זיין בלויז „יאַטשניקעס“, טאָ וואוהין זשע קריכסטו.

און ער מיט די וואָנסעס —

— ש־ש־ש.

ס'טייטש, טראָג זיך אָפּ פונדאַנען, מיט יאַטשניקעס קאָן מען זיך אויך ניט סאַמען. אויב דו וועסט זי טונקען אין כאַזער, אדער אין סמעטענע.

און אַ דאַנק מיר איז אי דער כאַזער אַ כאַזער, אי די בעהיימע אַ בע־היימע.

— עמעס. וואָס ריכטיק, איז ריכטיק! וואַקס געזונט!

. . . .

איך האָב זיך אויסגעקערעוועט אַף אהיים, און זיי אַלע — אי דער קאָרן, אי די ווייץ, אי דער גערשטן, אי די גריקע, אי די פּראָסע — אז זיי טוען אַ הרוקע הינטער מיר:

— אָבער געראָטן! געראָטן! געראָטן!

— נו, האט איר טאַקע גוט געטאָן, זאָג איך, וואָס איר זיינט גע־ראָטן!..

— זיינען מיר, הייסט עס, אָנגעוואַקסן, — זאָגן זיי, — און איצט וועלן זיך אַ שלאַל מענטשן אַלערליי אויסדרייען מיטן פּאָנעם צום דאָרף. טאָ גיב איבער, זיי אזוי פול גוט, דאָרט וואו מ׳דאַרף, אַז פּענעמער זאָלן זיך אהער קערן אזעלכע ווי ס׳דאַרף צו זיין, מעג זיין דער „דאָרפּווירט״, דער „ברויט־פּראָדוקט״, דער „מעלוכע־באַנק״, דער „אוקראַינבאַנק״, אבי וואָס ווינציקער יענע כאַפּלאַפּן, וואָס שלעפּן אַף די יאַרידן און די מערק די נוזשקעס פון די וועגן אראָפּ. און, אַז ס׳וועלן קומען יענע, וועלכע דארפן קומען, טא זאלן זיי אַף די שיט־פּונקטן שלאָפן ביז צוועלף דעם זייגער, און דערנאָך זאלן זיי נאָך טרונקן טיי, דער באַלעבאָס אונד־זערער זאָל ביז האַלבן טאָג אומקריכן נאָך די אָרדערס, און מיר זאָלן ליגן אַפן וואָגן!..

— גוט. איך וועל אזוי איבערגעבן!

. . . .

און די זון וואַרעמט... דאָס ווינטעלע בלאָזט...

נאָר דאָס, וואס ס׳איז אַ מאַנגל אין קאָרן־בלימעלעך...

די, וואָס גייען אין ווייסינקע איידעלע מאַלבושים, וועלן פונעם פעלד היינטיקס מאָל קיין האנאָע ניט האָבן: הוילער קאָרן.

— טאָ זאָלן זיי אהער ניט פאָרן...

אי אַ „וואוּציק“, אי א „ראטפּאָלקאם“, אי א „מעלוכע - פּלאַן“, אי א אוער, אי... אי...

מיטן איינעם וואָרט, דער דאָרפסראַט, אָדער געוויינלעכער גערעדט, דער ספּאלקאָם.

איבער אים, איבער דעם־אָ אנשטאלט הענגט אַ רויטע שילד מיט אַ סערפּ און מיט אַ האַמער. און אַליין איז עס ניט קיין גרויסע, מיט בלעך־געדעקטע שטוב, און ארום־ארום — בוימער...

דאָס איז אַ פּאַרק, און ניט קיין פּראָסטער פּאַרק, נאָר אַ פּירשטלעכער און די שטוב איז אויך ניט קיין פּאָשעטע, נאר א פּירשטלעכע.

און איצט איז עס אַ דאָרפסראַט...

ס'טרעפט זיך אַזעלכס...

„פאַר דער ראַטנמאַכט, — ווי זאָגט ער דאָרט, — קען זיך אַלץ טרעפן“.

אָן־א אין יענעם כיידער, וואו דער פּאָרזיצער ארבעט, איז אַמאל עפּשער אַ „ווירקלעכער געהיימער“ געזעסן און איצט זיצט דאָ דער פּאָרזיצער, אַפילע אף קיין קאַפּ ניט „געהיים“, ווארום מ'זעט אים ארויס פון אלע זייטן.

און אט־אָ לינקס, וואו זייער האָכהייט, דערציילט מען, האט זיך אמאל געבּודוואַרעוועט — דארט לייענען איצטער פויערים ביכלעך און טרומקען אַפן פּירשטלעכן ראָיאַל, ווארום דאָרט איז איצט דאָס לייענשטיבל.

אמאל האבן זיך דאָ געפּרוכפּערט און געמערט פּירשטיקלעך און איצט פּרוכפּערט זיך און ס'מערט זיך דאָ בילדונג.

ס׳טרעפט זיך אזעלכס.

די פירשטן שירינסקע־שאַכמאַטאָוו האָבן אמאל געהאַט צו שאַפן איבער דעם־אָ דערפל... און איצט איז עס אונדזערס... דער פּאַרק איז אויך אונדזערער... און פון יענער זייט פּאַרק איז אונדזערס און פון דער זייט פּאַרק איז אונדזערס... און אהין ווייטער איז אונדזערס...

אמאל איז געווען:
— וועמעס ערד איז עס?
— דעם פירשטס.
און איצט איז:
— וועמעס ערד איז עס?
— אונדזערע...
טרעפט זיך אַזעלכס...

איז אָט: איבער דעם־אָ דארף, וואָס אַפן בערגל, מיטן פּאַרק, און איבערן פּאַרק אליין, און איבער די פעלדער, וואָס פון יענער זייט דאָרף צוימען זיך צו צום פּאַרק, איבער דעם־אָ גאַנצן דאָרפישן גוטס הערשט טאַקע אָט דער אייגענער דאָרפסראַט.

פיר טויזנט פינף הונדערט מאַן באַפעלקערונג ווערן אָנגעפירט פון דעם־אָ דאָרפסראַט...

זיצט אָט דאָ דער פּאָרזיצער, זיצט דא אויך דער סעקרעטאַר.

זיי זיצן שוין פון ווי נאָר די זון ווייזט זיך אַפן האָריזאָנט, און זיי זיצן נאָך בעשאַס די זון באַהאַלט זיך שוין פון יענער זייט האָריזאָנט.

זיי זיצן און שרייבן...
שרייבן און ריידן...

דאָ איז ניטאָ קיין „פון 10 ביז 4״, דא איז ביז צען. און נאָך פיר.

דא איז ניטאָ קיין: „אָן א פאָרמעלדונג ניט אריינקומען״. דא איז נאָר ריפ:

„א גוטער!״

— טו נאָר דאָרט אַ קוק וויפל האסטו עס מיר אָנגעקנאַקט „פּראָד־נאַלאָג״?

— טו אַ קוק...

— זאָג מיר נאָר, איך דאַרף וויסן, וואָס הערט זיך דאָרט מיט דער לאָנקע, וואָס אפן קלין לעם כאָמעס ווייץ.

זאָג...

— וואָלסט אונדז עפּשער היינט כאַסענע מאַכן, הא?

— מאַך אונדז כאַסענע...

— דער אַלטער אונדזערער האָט זיך היינט אָפּגעטראָגן.

באַגראָב אים.

— און מיר האָט נעכטן גאָט געשענקט אַ טעכטערל!

— וועסטו זי טויפן...

פאַרשפּאָרט מען שוין אַ גאַלעך, פאַרשפּאָרט מען שוין אַ דיאַקאָן.

און אָט דאָס אַלץ האָט איר אין דעם־אָ ניט היפּשן ביניען אונטערן בלעכענעם דאַך.

. . . .

וויפל האָט איר אין הויפּטשטאָט פאַלקאָמאַטן?

וויפל האָט איר אין הויפּטשטאָט קאָמיסיעס?

וויפל האָט איר אין הויפּטשטאָט קאָמיטעטן?

זיי אַלע, זאָל זיי גאָט געבן געזונט, רעגירן.

זיי אַלע שרייבן אַזוי:

— „צו אַלע גובּ...“

אין די גובּן צעגייען זיך אָט די פּאַפּירלעך איבער די געהעריקע אָפּ־טיילונגען... אָט די אַלע אָפּטיילונגען מאַכן טשירק־טשירק:

— „צו אַלע קרייז..“

אין די קרייזן צעגייען זיך אָט די־אָ פּאַפּירלעך איבער די געהעריקע אָפּטיילונגען... און די קרייזן מאַכן שוין:

— „צו אַלע ראַי...“

אין די ראַיען לויפן זיי אַלע דורך אין די געהעריקע אָפּטיילונגען...

אין די ראַיען:

— „צו אַלע דאָרפס...“

און אָט די כמאַרע פּאַפּירן פון אַלע אָפּטיילונגען שיט זיך אויס אין אַ הויפן אָט דאָ פאַרן פּאָרזיצער אָדער פאַרן סעקרעטאַר.

און דער פּאָרזיצער זיצט זיך אין אָט־דעם קליינעם שטיבל פאַר אַ קליינעם טישל און באַטראַכט אָט דעם באַרג אויסגעשריבענעם פּאַפּיר...

אַז ער איז אי דער פּאָלקאָמבילד, אי דער פּאַלקאָמגעזונט, אי דער פּאָלקאָמערד; ער איז דער פּאָלקאָמאינערן, ער איז דער פּאָלקאָמיוסט, ער איז אויך דער „אורער", און דער מעלוכע־פּלאַן און די „צסאו" און דער „טאַפּוק" און דער „דאָבראָכים" און דער „מאָפּר", און דער „דאבראָ־בוט"; ער איז אי דער טרעסט, אי דער סינדיקאַט, אי דער פּאָלקאָמפּין, אי דער „וואוציק".

דערצו דאַרף ער נאָך אַליין אי קאָסען, אי יעטן, אַליין אקערן אַף פּאַר און אקערן אַף ווינטער־ברויטן . . .

און אַלץ שיקט מען אים איבער אַף „אייגענעם אכראַיעס" און „ניט געזאמט".

אַף מיין וואָרט, אַז ניט ווינציקער פון פינף און דרייסיק פאַרשיידענע פּאַפּירלעך אַ טאָג באַקומט ער, דער דאָרפסראַט . . .

און דערווייל האָט מען נאָך ניט באַוויזן ליקווידירן בא אונדז אינ־גאַנצן די אמעראַצעס . . .

ווי אזוי וועלן מיר זיך עס צעשרייבן בעאייס מירן זי ליקווידירן?!

„שאָף-צוכט“

„שאָף-צוכט“ — דאָס הייסט אַז מ'האָדעוועט שאָף... און שאָף אַליין זיינען באַלעכאַיעס, ווי איר ווייסט, זייער נוצלעכע. ווארום זיי גיבן אונדז מילך, גיבן וואָל, גיבן אָנטשינקעס, גיבן שאָפּן-פלייש, גיבן לעמעלעך. און לעמעלעך גיבן אונדז שמויסלעך, געבראָטנס און שאַשליק.

נוץ ברענגען זיי, די שאָף, א היפש ביסל, און דיווירטשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט זיי, גייט ארויס מיט אסאך רעוואָכים.

האָדעווען טאַקע די באַלעבאַטים שאָף.

האַלטן שאָף איז ניט פון די שווערע זאַכן.

פיטערן זיי איז גרינג, שערן זיי איז אויך ניט קיין איבעריקע טירכע, און ווינטער זיי געבן עסן איז אויך ניט קיין גרויסער באַטרעף, ווארום אַ שאָף עסט דעם גרעבסטן עסן און זי פארדייעט אי בוריאַן, אי שטרוי.

לעם דער וואָל פארשפּאָרט מען אַסאַך קאָפּדרייעניש, שער זי אָפּ, וואַש זי אויס, קעם אויס, שפּין אויס, וועב אויס... און פּאָטער אַ אייסעק.

און מיט „שאָפּן-פלייש“ אָדער מיט „געבראָטנס“ איז שוין דאָך גאָר ניטאָ וואס צוטאָן, דאָס איז א ריינער פאַרגעניגן: לייג אין מויל און עס...

באַקומט זיך טאַקע ווייטער דאָס אייגענע, אַז „שאָף-צוכט“ איז זייער אַ גרינגער און גאָרניט קיין איבערגעשפּיצטער איניען...

איין שפּיצל איז אָבער נאָר פאַראַן ארום שאָף־צוכט, וואָס פאַר דרייט אזוי דעם קאָפּ, וואָס פאַרמאַטערט אזוי דעם שאָף־אופּציער, אז:

— אָדער קוילע אַוועק, אָדער איך שטאַרב א טויטער! זאל איך אזוי לעבן, אַז איך לייג זיך אָט דאָ אַוועק אפן אָרט און גיי אויס!..

אָט דאָס שפּיצל איז דער באַראַן אַליין.

גויטיקן גויטיקסטו זיך אין אים וועלכע צוויי דריי טעג איינגאנצן, צוליב דיין צענדליק שעפעלעך. און האלטן דאַרפסטו זיך מיט אים אַ גאנץ יאָר.

האלט אים ניט, וועסטו קיין לעמעלעך ניט האבן.

האלט אים יא, האסטו אַן ארבעט אים האָדעווען, דעם ניטגוטן, אַ גאנץ קיילעכיק יאָר.

וואלט עס נאָך אויך געווען ווי צו דערליידן, דאס האדעווען אים! טא כאפּט זשע ניט! דו האסט דאך נאָך אַן ארבעט אַף אים אַכטונג געבן, ער זאָל אומזיסט ניט שפּרינגען אַף קיין פרעמדע שאָף!

אָט וואו דער הונט איז באַגראָבן!

אז דו האלסט אַ באַראַן און די איבעריקע פופציק „באַלעבאַטים" האלטן שוין ניט, ווארום זיי פאַרלאָזן זיך אַף דיינעם... פאַרגייסטו צו זיי:

— א גוט העלף!

— אַ גוט יאָר!

— דערדאזיקער, דער באַראַן מיינער, גייט אום אין טשערעדע... דאַרף מען, הייסט עס, ס'זאָל קיינעמס ניט איבערגיין... לעמעלעך וועלן זיך דאך בא אייך אָפּציגלען און האָדעווען דארף איך אייגער אליין! אויב דרייסיק קאָפּיקעס פון א שאָף, איז ביטע, זאָל ער זיך פּאסען:

— אַזוי... טא פארוואס זשע פונדעסטוועגן נעמט זיך עס דאָרטן אָן צו דרייסיק קאָפּיקעס?

— וואס הייסט פאר וואס? פאר די לעמעלעך!

— לעמעלעך וועלן סאַיווי זיין!

— טא, זייט וויסן, אַז קיין לעמעלעך וועלן ניט זיין!

— מיילע...

און דאָ הויבט זיך דאָס אָן...

— „ניט דערלאָזן!.."

— ניי אוף, ווייב, דעם באַראַן אַ פּאַרטעך!
— זיי ווילן ניט צאָלן?! אַט מענטשן היינט אָנגעשטאנען...
און ס'גייט זיך פונעם באַראנט וועגן אַ פּאַרטעך... גייט דער באַראַן גאנצפרי אין טשערעדע אריין ווי „אַן עמעסע באָנע" מיט אַ פּאַרטעכל...
— אַ פייג אַ גוטע וועט איר שוין האבן, ניט קיין שעפּעלעך!

קומט צו גיין אַהיים דער באַראַן.
שווער אָטעמט ער, דער באַראַן, דער שטערן איז בא אים אַ נאַסער, די הערנער זיינען בא אים פּאַריסן, דער פּאַרטעך אין א זייט אַראָפּגע־רוקט, די פּיס שלעפּן זיך נאָך...
זיך אָפּגעגעבן קאָנטעט!
— בינד צו און לאָז אים ניט ארויס, לאז ניט ארויס, זאָל ער קרענ־קען אין שטאַל!
האט מען דעם באַראַן צוגעבונדן...
— גיי פּאַרלייג דעם באַראַן היי!
אַפן קלויסטער־פּלאץ האט ערגעץ פּונקט אַ מעקע געטאָן א שאָף.
און דער באַראַן „טיץ אין דער הויך"! מאַמעש אף צו פּלייסן! די יאסלעס האבן אַ פּאַר געטאָן איבערן שטאַל ווי די אוטאָס.
די באַלעבאָסטע — צו אים מיטן היי און ער זי:
— באַך!
פליט פון שטאַל די באַלעבאסטע, נאך דער באַלעבאסטע — דאס היי, נאכן היי — דער באראַן, נאכן באראַן — די דראבינע.
— קאראול! בינד גיכער אָפּ, ווארום ער ט'מיך מאזיקן!
צוק — מיט דער האַק איבער דעם שטריקל, און דער באראַן איז פייל אויסן־בויגן איבער די פּלויטן, איבער די גערטנער, גלייך צום קלויסטער־פּלאץ!
מ־מ־מע!
— אָדער קוילע אַוועק, אָדער איך שטארב א טויטער! זאל איך אַזוי לעבן, אַז איך לייג זיך און גיי אויס אַפן אָרט.

אזוי, אַז דאס שווערסטע אין שאָף־צוכט איז האלטן א באראַן און אים ניט לאזן צו קיין פרעמדע שאָף!
און דאס איבעריקע — איז א שפיי!

„מילך-ווירטשאַפט”

(אן אידיליע)

„א שטילער פארנאכט אף דער ערד האט געגידערט...”

אַזוי פירט זיך אלע טאָג...

ווייל אזא בארוף האבן זיי שוין, די שטילע פארנאכטן...

די בעהיימעלעך גייען אַהיים, זיי וויגן מיט די קעפ און פאָכען מיט די ווידלען.

די קעלבעלעך לויפן נאך נאך די בעהיימעלעך און מוקען אונ-טער...

די פאסטעכלעך גייען נאָך נאך די בעהיימעלעך און ווארפן אריין איידעלע ווערטער...

אין הויף שטילט איין מאַרינקא וואסילטשיקן אירן און זינגט אים צו:

— שא, שא וואסילטשיקל, שא, שאַ! די מאמע וועט אויסמעלקן דאס בעהיימעלע וועט זי דיר געבן מאגיאַ! שא, וואסילטשיקל, שא — ווער שוין אַנשטומט, א ביין דיר אין גאָרגל!

דער טאטע איז געקומען פון לאָנקע, זיצט ער אף דער פריזבע און וויקלט זיך פון „כאווער, בויע דעם לופט-פלאָט” א ציגאַיער...

די הינדעלעך אין גארטן שאַרן אויס די האַרבוזעס.

„א שטילער פארנאכט אף דער ערד האט געגידערט”...

די מאמעלע וועט באלד גיין מעלקן די בעהיימע...

— מין, מין! שטיי, ראַבע, שטיי! טפּררו! שטיי! שטיי זשע! „קאָלאָם״ זאלסטו שטיין! פּיליפּ, קום נאָר אַ הער, האלט זי צו ביז איך וועל אויסמעלקן!

— טפּפּררו! (דאס איז שוין פּיליפּ).

די מאמעלע האט זיך אונטערגעזעצט, א כאפּ געטאָן די מעלקלעך־ציפּ!

— ער האט שוין אויסגעזויגן! אוי, געוואלד, האט ראכמאָנעס! ער האט שוין ווייטער אויסגעזויגן; אַ, ניט דערלעבן זאָל ער, דער יירעשׂ דיינער; פּארטרייב זי, פּיליפּ, ער האט שוין אויסגעזויגן, פּארטרייב, ווארום דאס קעלבל וועט פּייגערן פון הונגער.

— זאל ער דיר פּייגערן ניט איין מאל נאר צען מאָל. טרייב אליין.

— טרייב ארויס, לאָז ארויס דאס קעלבל, און איך וועל אָט אַ אביטל אריינלייגן דעם קעלעוו שעביקלאָווים! ווי אַזוי האסטו עס אכטונג גע־געבן, די אויגן זאָלן דיר ארויס! זאג, האַ?

— אַף מיין וואָרט, אַז ער האט ניט אויסגעזויגן. איך האב דאָך אכטונג געגעבן. ס׳האט זיך אַליין אויסגעזויגן.

— פּישעלעך וועסטו מיר גיין כאפּן, הינטישער זון דו, איך וועל דיר א כאפּ טאן! וואוהין זשע אַנטלויפסטו עס, וואוהין?

— אַף מיין ווארט, אז ער האט ניט אויסגעזויגן.

— פּרואוו נאר קומען אין שטוב אריין! וועט שוין די הויט אַף דיר ניט זיין.

. . . .

„א שטילינקער אָווגט אַף דער ערד האט גענידערט״.

דער טאטע פירט דאס קעלבעלע פארן שטריקל:

איקי! בריקי! בריק!

— טרייב אהער, פּיליפּ, גיכער, געפּאטערט דעם קאלב.

— איך טרייב, איך טרייב!

. . . .

— פּיליפּ.

— האַ?

— די טרייבסט?

— איך טרייב!

— ער האט אויסגעזויגן.

— פייגערט ער אוועק.

— כאַטש דיר אַליין מ'זאָל אָנמעלקן אַ דריי קריגעלעך, זאָלסט אומזיסט ניט אומיאָגן!

— גיי צו אַלדע רוכעס.

. . . .

— האָב איך דיר ניט געהייסן? שמיר אויס די מעלקלעך מיט הנאָי— וואָלט ער ניט געווען אויסזויגן?!

— האָב איך דיר ניט געזאָגט: מאַך אים פון צוועכלעך א נאָזבאַנד— וואָלט ער ניט אויסגעזויגן...

און דער בושל שטייט איבערן שטוב אַף איין פוס, קוקט אַף די באַלעבאַטים, לאַכט צו און קלערט:

— אַט ווען מ'שמירט אויס דעם באַלעבאָס מיט קיזיאַק און דער באַלעבאָסטע ווען מ'טוט אָן א נאָזבאַנד מיט טשוואַכעס — וואָלט געווען מילך!

. . . .

„אַ שטילינקער אָוונט אַף דער ערד האָט געגנידערט".

. . . .

אויסגעזויגן, אויס-געזויי-גען.

. . . .

היי-שניט

אַז דאס גראָז הויבט אָן פארוועלקן... דעמאלט ווערט עס גרוי און ווערט געל, און דאס שטענגל ווערט אין קנייטשיקלעך צונויפגענומען, און ס'פעלט אינעם גראז—לעבן, אָט דאס לעבן, וואס קלינגט אין יעדער שטענגל, אין יעדער גרינעם בלאט.

דאַן בויגט אָן דאס גראָז דעם קאָפּ זיינעם און נעמט וואַרטן.

סע ווייסט, ווייזט אויס, אַז ס'וועלן קומען ווייסע הויזן און ווייסע העמדער; אַז ס'וועט קלינגען אפן שאַרפשטיין די קאָסע; אז פונעם לעכל, וואס אונטער דעם שטרויענעם קאפעליוש, וועט אַרויסשפרינגען אַ:

— אין א גוטער שאָ!

און די שארפע שטאָל וועט זיך איינבייסן אינעם שטענגל...

און דאס גראָז וועט זיך אוועקלייגן אף א זייט לעם אָפּשניט און פאַרטריקנט ווערן.

און ס'איז שוין ניט קיין גראָז, ס'שוין היי..

דעם היי מישט מען איבער מיט שטרוי, און מ'פארלייגט אים אין די דראבינעס...

און ס'וועלן רייבן דאס אַמאָליק שטורעמיש גרין געוועזן גראָז פערדישע אָדער אָקסישע ציינער..

דערנאָך וועט עס פאַלן קיזיקעסווייז אין **שטאַל**, וועט מען עס אופקלייבן אין א הויפן, באַגיסן מיט וואַסער, און מ'וועט אויסקנעטן פון איר „ציגל".

דערנאָך וועלן זיי ברענען, אַט די אָ ציגל, און אַוועק מיט דעם רויך, אָדער בלייבן אין אַש אַפן גאָרטן, זיך וואַלגערן ביז ס'וועלן ניט נעמען שאַלן די אַרכאַנגעלן אין זייערע פייפלען, ביזוואַן דער „פּאָטער אין הימל" וועט זיך ניט זעצן אַף זיין קרוינשטול און זיך אָנרופן:

— כאַווער איוואַן קאָנדראַטאָוויטש נעדאָדערימאַטניאַ! וואָס פאַר אַ שוואַרציאַר וואָלט אייך אוועקגענומען, ווען איר וואלט באַגוטיקט מיט „פּאָפּעל" די פעלדער אייערע. צי האָט איר דען ניט געוואוסט, אַז פּאָ־פּעל" איז אַף באַגוטונג אַ גוטע סכוירע? אין די צייטונגען האָט זיך דאָך וועגן דעם וויפל און וויפל מאָל געשריבן?!

— פּאָטער אין הימל, — וועט זיך אָנרופן איוואַן קאָנדראַטאָוויטש נע־דאָדערימאַטניאַ, — צו וואס קיניגסטו איבער אונדז אַלעמען... איך זאָל עס געוועזן וויסן.

וועט זיך אָנרופן דער „טאַטע אין הימל":

— אופכאַפּן איוואַן קאָנדראַטאָוויטש נעדאָדערימאַטניאַן און איבער־ענטפערן אים אינעם פייערדיקן אויוון אַריין... פאַרייסן אים די „מאַט־ניאַ"* זיינע פון גאַרטל ביז גאַרטל און ארופזעצן אים אַף זיין אייגע־נער סטערנע! זאָל זי אים שטעכן, די סטערנע, שטענדיק, אי איצט, אי שפּעטער, און פון אייביק ביז אייביק.

און די מאַלאָכים מיט די סראָפים וועלן זיך צעשאַלן אין זייערע פייפ־לען מיט די זילבערנע קוילעס מיט זייערע:

אָ־אָ־אָ־מיין!

. . . .

די גראָזישע קאַריער...

סע ווערט פאַרגרייט דאָס מאָל גרין געוועזן גראָז, ווערט פאַרטריקנט, פאַרגעלט, בויגט אָן דעם קאָפּ און וואַרט אפן טויט...

אַז ס'הויבט אָן וועלקן דאָס גרינע גראָז, דאַן הויבט מען אָן קלעפּען די קאָסעס, דאַן פּרואווט מען די קאָסעס אַפן פינגער, מ'שאַרפט די קאָ־סעס מיטן שארפשטיין און מ'ציט אָפּ מיט דער לאָפּאַטקע.

אַף די יאַרידים און אין די קאָאָפּעראַטיווע קלייטן קלייבט מען דאַן קאָסעס מיט לאַנגן יישעוו‎האַדאַעס. מ'נעמט זיי פאַרן אויער און מ'קלאַפּט

* דער אויבערשטער טייל בא אוקראַינישע ברייטע שאַראָוואַרן.

מיטן שפיץ אין דער ערד אָדער אין באַנק און מע הערט זיך לאַנג צו, וואָס פאַר אַ קלינג זי האָט.

די קאָסע קלאַפּט זיך מיט איר קלינג אין דעם פויערשן אויער און זאָגט אויס איר צוקונפטיקן באַלעבאָס, צי זי איז א האַרטע, צי זי איז אַ ווייכע אָדער אַ ברעקלדיקע.

די ווייכע קאָסע קלינגט דאַן מיט אַ לאַנג שוואַכינקן קלאַנג:

אַ ווײַ־כ־כא־ע!

מיט אַ קלאַנג אַ האַרטן און אַ קורצן קלינגט אַ האַרטע קאָסע:

— איך בין אַזאַ!

לייגט מען אָפּ די ווייכע קאָסע און מ'נעמט די האַרטע. מ'קלעפּעט זי אויס און מ'טוט זי אָן אַפּן שטעקן...

און דענסטמאָל גייט אַוועק איבער אַלע לאָנקעס אַ:

— דזען־דזען־דזען!

מ'קאָסעט דאָס גראָז...

און אַז א מאַכנע פון וואָסערע פופציק מאַן שטעלן זיך אויס אַף דער לאָנקע. מ'שניידט „אָפּשעסטוענע"!* — איז ווי שרייבט זיך עס אין דער ליד:

(די שניטערס קומען צו דעם פעלד,
ווי נאר ס'האט זיך דער פרי
צעהעלט.
היי, איר, שניטערס, פלינקער! —
זעט:
אָנגעהויבן האָט איר שפעט!)

Вийшли в поле косарі
косить ранком на зарі.
Гей, ну-те косарі,
що не рано почали.

דאַן שארפן זיי!

אָך, שאַרפן זיי דאַן.

דאַן שאַרפן זיי אַזוי, אַז ס'ניט קיין היי־שניט, נאָר אַ שאַרף־שניט.

— דו קלעפּעסט, איוואַן?

— זעסט ניט, אַז זי האָט זיך אויסגעטעמפּט!

---

* געמיינדע־טוואָרע.

— דעם ווײַפּלטן מאָל?
דזען־דזען־דזען!

. . . .

אַף שוטפּעשן הײַ־שניט איז די לאָפּאַטקע דער בעסטער געצײַג!
אָן איר קאָן מען זיך גאָרניט באַגיין!
ס'איז וואַסער! ס'איז לופט!
און דער מאָגן אויך.

— וואָס איז עס מיט דיר, מיטראָ, געוואָרן! — דו האָסט דרײַ וואַרמעסן הײַנט געגעסן, צי מאַלאַשקע האָט דיך עפּשער אָנגעהאָדעוועט מיט ניט־דערקאָכטע פּיש?

— וואָס איז דען? מ'טאָר שוין אַפֿן גאַס אויך ניט גיין?

— און מיר האָבן דאָ געמיינט, אַז דו ביסט שוין דאָרט לאַנג אַוועק־געפּײַגערט...

און דער אַלטינקער אָסטאַפּ זאָגט:

— קעדײַ גיין אַף קאָלעקטיוונער אַרבעט, וועל איך אײַך זאָגן, וואָלט דאָס פֿאָלק דאַרפֿן זײַן מער „אוסאָזנאַטעלנע”, אויב ניט, האָט ער נאָר איין אַרבעט: אָדער די קאָסע שאַרפֿן, אָדער זיצן מיט אַראָפּגעלאָזענע הויזן אונטער א קאָרטש.

. . . .

בעשאַס דאָס גראָז פאַרוועלקט,
בעשאַס דאָס גראָז ווערט פאַרטריקנט...

מאשינעס!!!

איז אייך ווען ס'ניט איז אויסגעקומען זיצן לעם דער „ברוסניצע" אַף דער איבערגעקערטער קאָסע, נאכדעם ווי איר האט דורכגעמאַכט איבערן קאָרן איין שורע?

איז אייך אמאָל אויסגעקומען האַלטן די קאָסע פארן הענטל און שאַרפן מיטן נאַסן שאַרפשטיין איבער דעם קלינגעדיקן שטאָל.

קרייצאַרטיק, אָט אַזוי!

שאַרף־שאַרף! שארף־שאַרף!

ניט אויסגעקומען?

קאָן איך אייך זאָגן, אַז ס'איז א אינטערעסאַנט געפיל. באַזונדערס, ווען דאָס איז נאָך ניט די ערשטע שורע, נאָר אַזוי די פינפטע, אדער די זעקסטע נאָכאַנאַנד... און דער קאָרן איז ווי דראָט, און די שורע איז אָן־ביז יענער מעזשע, און איר האָט פאַר זיך אַ שניטער אַ גוטן, ניט קיין טאָג־אַרבעטער, נאָר אַ שניטער אַ „באַלעבאָס", באַ וועלכן די „מאטניא" אַפילע פונהינטן קוקט אף אייך מיט סקעפּסיס.

איז ווייסט איר, וואו ס'טוט אייך דאַן וויי?

נאָר ניין, מ'דאַרף ניט כאפּן די פיש פאַר דער נעץ.

איז אָט ווי: בעשאס איר זיצט נאך דער פינפטער שורע לעם דער „ברוסניצע" (איר ווייסט וואָס דאס איז פאַר אזעלכס ברוסניצע? דאס איז אזא „וואזע", אין וועלכער מ'האַלט וואסער פארן שארפשטיין און

זאַמד פאַר דער לאָפּאַטקע) און מיטן שאַרפשטיין טוט איר מאַכן „שאַרף־שארף", איז דער קאָפּ אייערער האַלט אין איין נאָכשאָקלען, ווי אף א פּעדעמל, אין „אוניסאָן":

— יאָק, יאָק!

בלויז דער קאָפּ... פּריווילליק.

עטעמען עטעמט איר אַזוי:

— כי כי! כי כי! כי כי!

און דערנאָך:

— כהע־ע־ע־ע.

און ווידעראמאָל:

— כי־כי־כי־כי! כי־כי!

— כהע־ע־ע־ע־ע־ע־ע־ע־ע.

דער קאָפּ איז באַ אייך א נאַסער.

דער האַלדז א נאַסער... פון שטערן רינט אף דער נאז. פון נאָז רינט אונטער דער נאָז... פון קאָפּ קייקלען זיך שטרעמעלעך צום האַלדז אונטערן קאָלנער ארונטער, דארטן גיסן זיי זיך צונויף מיט דיזעלבע „קוואַלן" אַף דער פּלייצע, אַף דער ברוסט, אַף די לענדן, אַפן בויך, און רינען שוין אין גרויסע ריטשקעס ווייטער אראָפּ, אַראָפּ איבער אייערע אייגענע פיס און שווימען אַוועק צו דער נאסער מוטער־ערד...

הויבט איר אונטער פונפאַרנט א שטיק העמד און פּירט מיט איר דורך איבערן פּאָנעם און איבערן האַלדז, דערנאָך שטייט איר אוף און מאַכט אזוי:

— אופ־פ־פוה!

און איר טרינקט פון טיקווע וואַסער.

איר ווייסט וואָס הייסט אַ טיקווע?

דאָס איז אזעלכס ווי אַ קריגל אַן ערעך, אַליין איז זי אַ ברייטע און דאס העלדזעלע איז בא דער א שמאָלינקס; זי איז א נידרעגע און אין איר איז דאָ וואַסער, און שטיין שטייט זי הינטערן סטויג.

אייך איז אַמאָל אויסגעקומען טרינקען וואַסער פון א טיקווע נאך דער פינפטער שורע?

ניט אויסגעקומען?

אויב אַזוי, טא גייט זיך דורך און טרינקט אויס, אויב ס'דאַרשט אייך, אַ גלאָז „מאַזאַהראַן" (דוכט זיך אַזוי).

געשמאַק דער „מאַזאַהראַן״?

איז די וואַסער פון טיקווע הונדערט מאָל געשמאַקער. איר טרינקט זי ניט פון קיין בעכערס, נאר אָנגעבויגענערהייט, גלייך פון העלדזועלע, אָבער ס׳מאכט ניט אויס...

ס׳מאַכט אויך ניט אויס דאס, וואס די וואַסער פאַרינט אייך אין בוזעם אריין, איר האט זיך פאר אזעלכס קיין מוירע ניט, קיין פלעקן וועלן בא אייך ניט ווערן. אין הייסן בוזעם אַריין גיסט זיך באַ אייך אָן די וואַסער, און אַן איינדרוק באקומט איר פון דעם אזא, פונקט ווי בא אייך אין כארקאָוו „די שענסטע און געליבטסטע״ רירט זיך צו מיט אירע אָנגעמאַניקיורטע הענטעלעך צו אייער נאַקעטער ברוסט...

אַזאַ טאַם האט זי, די וואסער פון טיקווע, נאָך דער פינפטער שורע.

אָבער ניט נאָר נאָך דער פינפטער, דאסזעלבע איז אויך נאָך דער ערשטער און אויך נאָך דער צווייטער.

נאָך יעדער איינער.

מיט אייך האט זיך קיינמאל אַזעלכס ניט געטראָפן?

אַ שאָד!

איר וואָלט דענסטמאָל אליין געוואוסט וואָס הייסט אזעלכס שניט, און פארשפאָרט פרעגן בא מיר.

וואו זשע טוט אייך ווי נאָך דער פינפטער שורע?

ס׳טוט ווי איינצייטיק: אָט דאָ אין רעכטן אַקסל... און אָט דאָ אין לינקן אַקסל...

ס׳צופּעט אין לינקן עלנבויגן דערפאַר וואָס:

דעם שטעקן, דעם שטעקן האַלט איר צו זיך, מ׳דארף אַפן אויערל, אַפן אויערל מער! נעמט מיטן אויער.

איצט, אויב איר האלט נאך דער זעקסטער שורע און איר שטייט אופגעשטעלט גלייך, וועט איר זיך שוין ניט אַזוי גיך קאנען אויסבויגן, די לענדן אייערע זיינען געוואָרן ניט בויגעוודיק, ווי א ברעט א האלצערנע.

אויב אבער איר האַלט נאָך דער אָ זעלבער זעקסטער שורע און איר זיצט אָנגעבויגן, וועט איר זיך שוין ניט קאָנען אויסגלייכן, די לענדן זיינען ווי אַן ארקע באַ אייך, ס׳איז פון די לענדן געווארן אַ דוהע.

ס׳ציטערן באַ אייך די הענט, ס׳ציטערן באַ אייך די פיס, ס׳ציטערן באַ אייך די געדערים, אַפילע די נעגל ציטערן...

דאָס האַרץ איז באַ אייך ווי א גלעקל און דער לעבער ווי אַ טשאַ־וואון... ס׳הודעט...

— די שניט...

— נאַרישקייטן, זאָגט איר?

— ווער ס׳האָט קיינמאָל קיין קאָסע אין האנט ניט געהאַלטן, מאַכט ער דורך דריי שורעס און קאַכיקעט שוין הינטערן סטויג...

ניין, הויכגעשעצטער...

באָריס סטעפּאַניטש! (און וועגן באָריס סטעפּאַניטשן זאָגט מען דאָ: דאָס איז שוין איינמאָל אַ שניטער) באָריס סטעפּאַניטש האָט אזוי געזאָגט:

— אָט דאָ האב איך פאַר האלבן טאג זיך אַביסל צו שטאַרק א נעם געטאָן — בין איך קוים אַ לעבעדיקער אהיים פאַרגאנגען... ניט אויסבויגן זיך און ניט אויסגלייכן זיך, אָט דאָ־אָ צופּעט עס מיך...

באַקומט זיך, אַז ס׳ניט קיין נאַרישקייטן...

באַזונדערס אויב ס׳טרעפט זיך נאָך, אַז דער קאָרן איז ארומגעפלאָכטן מיט שיינער גרינער פּאָוויליקע און אויב איר וועט זיך צעוויגן מיט דער פולער האַנט און זי אַרויסשלעפּן אַפן לאַן... איר שלעפּט זי אַפן לאַן... איז ווייסט איר, וואָס אָט די פּאַוויליקע ציט באַ אייך?

זי ציט באַ אייך די האַנט, די האַנט שלעפּט דאָס הארץ, דאָס האַרץ שלעפּט דעם לעבער, און דער לעבער שלעפּט די צוועלפינגערדיקע קישקע... און דאָס אלץ לייגט זיך איינענעם מיט דער גרינער שיי־נער פּאוויליקע און מיטן צייטיקן קאָרן אַפן לאַן.

און דערנאָך, אַז איר האָט שוין דאָס אַלץ ארויסגעשלעפּט אַפן לאַן, טוט איר ערשט אַ טיפן זיפץ און מיט דעם זיפץ שלעפּט איר אריין אייערע אויגן אין די לעכער אַריין, וועלכע קריכן אייך אַפן שטערן.

אַן, ווי ס׳ליגט זיך גוט הינטערן סטויג נאָך דער פינפטער אָדער זעקסטער שורע!..

דוכט זיך סטערנע, אָבער ס׳בעסער ווי אַף אַ פּערינע.

און אַנדריי וואַסיליעוויטש:

— מיט דריי מאָך מיט דער האַנט וואָלט איר אויסגעקאָסעט אַזאַ שטיק, מ׳זאָל זיך קענען דאָרט פריי לייגן און זיך אויסציען?

— כ'האָב ניט געפּרוּאווט. עפּשער וועל איך אויסקאָסען, אָבער איך וועל זיך נאָך דאָרט אַליין אויסציִען...

— און איך וועל אויסקאָסען?

— שווערלעך!

— אַ טאָג וועסטו אַזוי „אָפּמאַכאיען", דערנאָך וועסטו זיך אוועקזעצן עסן האַלושקעס. נעמסט די לעפל, כאַפּסט ארויס אַ האַלושקע און צום מויל...

אָבער די האַנט ווייסט נאָר: ליאָפּ אַראָפּ!

און פון דער האַנט פאַלט די האַלושקע אַראָפּ, ליאָפּעט אַראָפּ אַפן לאַן. זאָל זי שוין אַליין, די האַלושקע, טרייבן די שורע.

. . . .

דערלאַנג שוין בעסער אהער די מאַשין.
זאָל איך אַזוי לעבן, גיב אַ מאַשין.
און אויב ניט, איז נאָר:
ליאָפּ! ליאָפּ!

. . . .

ווען דאָס שווארץ קלייד פון דער נאַכט הילט די לאָנקע איין די פּאָלטאַווער

(עלעגיע)

שטייט אַ באַרג אַ הויכער
הינטער דעם באַרג — אַ וואַלד,
אַ גרינער, אַ געדיכטינקער,
וואונדערלעך צעשטראַלט...

Стоїть гора високая,
по - під горою гай,
зелений гай густесенький,
неначе справді рай...

אָט דאָס מיינט מען העכער דעם פּסיאָל.

(הינטער דעם וואַלד רינט אַ טייכל,
דאָס וואַסער גלאַנצט ווי גלאָז.
אין ברייטן טאָל האָט זיך דאָס טייכל
ערגעץ לויפן געלאָזט...)

По - під гаем тече річка,
як шкло вода блищить,
Долиною широкою
кудись вона біжить.

אָט דאָס איז דער פּסיאָל אליין...

(דורך לאָנקע כ׳שפּאַן מיט פערד מיט
מיינס,
צעגיס, צעפלוס, זיך לאָנקע!)

Лугом іду, Коня веду,
Розливайся, Луже —

אָט דאָס איז אי פון יענער זייט פּסיאָל, אי פון דער זייט פּסיאָל...

Ой, у Лузі трава росла,
Трава росла високая,
шовковая.

(אוי, אַף לאָנקע איז געוואַקסן גראָז,
הויך געוואַקסן, זיידנס...)

דאָס איז אַף דער לאָנקע אַרום פּסיאָל.

ווען דאָס שוואַרץ קלייד פון פּאָלטאַווער נאַכט הילט איין די גרינע לאָנקע, דאַן שלאָפן איין אין גרינעם גראָז די שפּרינגערלעך, דאַן שמעקט שטאַרק פון די קאָרנבלימעלעך, דאַן דרימלט דאָס האָבער־פויגעלע און צוויטשערט ניט. און דער וואַכטל, ווען ער דערהערט זיין וואַכטלעכעס זיסן „כאַ־וואוו! כא־וואוו", רעדט ער איבער די אַלטע וואַכטלען מיט זיין וואוילויונגערשן „געלעבט"־„זאָל־זיין"...

אין אַזאַ שאָ, אַז אַ „פּאַראָבאָק" גייט פון פינצטערן שפּייכלער, הערט ער זיך אומעטיק איין אינעם וואַכטלס קלינגלען און קראַצט זיין פּאַראבאָקישע פּאַטיליצע און מאַכט מיט די ליפּן:

— איך וואָלט אויך אָ „געלעבט אביסנקילע"... ווען ניט די אלימענטן, אַ פּעגירע אַף זיי אַ גרויסע.

דאַן איז די גראָז פייכט און גרינג, דאַן גייט די קאָסע אין גראָז שטיל, שטיל, און שטיל־שטיל פאַלט דאָס גראָז אונטער דער שאַרפער קאָסע און לייגט זיך אין אַ גרינער שורע אַף דער פייכטער מוטער־ערד.

דאַן איז אַ נאַכט... אַ שטילע נאַכט... אַ שטערנדיקע נאַכט.

אָך, אין אזא נאכט, אַז ס'יאָגן ניט די שפּרינגערלעך, אַז סע שמעקט אַזוי שטאַרק פון די קאָרנבלימעלעך, ציט צו זיך אזוי דאָס זיידענע גראָז...

דאס פרעמדע גראָז...

אך, אין אַזאַ נאַכט נעמען אין האַנט א שארפע קאָסע, זיך דורכגיין איבער דער לאָנקע און איינעטעמען דעם שיקערן רייעך פון די לאָנקע־בלומען, אויסקלייבן ניט קיין היפּש טאָלעכל, וואו דאָס גראז איז ביזן גארטל, און זיך א לאָז טאָן און דורכגיין דריי־פיר שורעס.

ווארום אין אזא נאכט איז דער באלעבאָס פון דעם אָ טאָלעכן ניטאָ דאָ, ער שלאָפט מיד פון דער טאָג־אַרבעט...

און נאָכן קאָסן שארט מען גיכינקערהייט צונויף דאָס גראָז אין אַ רעדנע אריין, און גיכינקערהייט אריינעטעמדיק דעם רייעך פון די לאָנקע־

בלומען און כאפנדיק אַ קוק אף אַלע פיר זייטן, איבערלויפן דורך גערט־נער און שטעגעלעך גלייך צו זיך אהיים...

אָך, אין אַזאַ נאַכט!..

אין אַזאַ נאַכט, ווען סע שפרינגען ניט די שפרינגעלעך, ווען די קאָרנבלימעלעך שמעקן שאַרף, ווען דאס זיידן גראָז איז פייכט, ווען די קאָסע גייט שטיל־שטיל און ווען דאָס גראָז פאלט שטיל־שטיל אין א גרינער שורע אף דער פייכטער מוטער־ערד — אין אזאַ נאכט נידערט אַ שטילע רו אין דער נעשאָמע אריין, טרוימען פארנעפלען די אויגן און אַ רואיקע מאכשאָווע וויגט איין דיין פאָרזיכטיקייט...

דאן ציען די אַקסלען אומבאַוואוסטזיניק די קאָסע, ווארום די נאכט פארקישעפט אין אַזאַ שאָ...

. . . .

— דו שניידסט, הונטישער זון?

— איך שנייד...

— וועמעס גראָז שניידסטו עס, שיינער באָכער דו?

— ס'איך...

. . . .

דאן שפרינגען ניט די שפרינגערלעך, דאן שמעקן ניט שאַרף די קאָרנבלימעלעך, דאס זיידן גראז רוישט ניט, דער וואַכטל קלינגלט ניט זיין געזאנג... דאן ברעכן די לענדן, דאן שמאַרצט די בייל אַפן שטערן און רויט בלוט טריפט צו דער נאַסער מוטער־ערד...

דאן הערט זיך אינמיטן דער שיקערער נאַכט אַ טערפקער און קלאָגידיקער:

— אָך! אָך! אף מיין וואָרט, אז איך וועל שוין מער ניט!

אָך! אין אַזאַ נאַכט איז דערלויבט זיך שווערן אַפילע אנקעגן דעם צעטראָשטשעטן קאָסע־שטעקן...

און דער גאָלדענער מוילעד שווימט אַרויס איבער דער הילע פון דער נאַכט פאָלטאווער.

(מוילעד מיטן בלייכן פאָנעם,	Місяченьку блідноликий
באהאלט זיך בעסער אונטער דער	За хмару краще-б ти
כמאַרע,	сховався,

לױכט ניט, װײל ס'איז שױן נישטאָ
דער, װאָס האט מיר דאָ אַזױ
אָנגענעריקט...)

Не світи, бо вже немає
Того, хто так мене тут
одлатав.

און דאָס זײדן גראָז רױשט:
שנײדסטו פרעמד גראָז, טאָ פאַרטיף זיך ניט...
טו א שנײד און קוק זיך אום.
טו אַ שנײד און קוק זיך אום...

. . . .

װען דאס שװארץ קלײד פון דער נאַכט דער פאָלטאַװער הילט די לאָנקע אײן.

„צום קאָלעכטיוו"

אויב ס'גלוסט זיך אייך באַקוקן דעם „קאָלעכטיוו", טאָ קריגט ערגעץ אַן אַכצניאָריקע שקאַפּע, מיט אַ לאָשיקל און מיט א האַרבע. די שקאַפּע שפּאַנט מען איין אין האַרבע, דעם לאָשיקל לאָזט מען זיך פּלאָנטען פונהינטן. אַף דער האַרבע זעצן זיך אוף דרייען אונדזערע און מ'נעמט סמיקען די שקאַפּע פאַר די לייצעס מיט א אימפּעט:

— נ־נ־נאָ!

אָט אזוי זיינען מיר אַוועקגעפאָרן צום „קאָלעכטיוו"...

איידער עפּעס, טוט מען זיך נאָך אָנפרעגן בא וולאַדימיר פּאַנאַסאָוויטשן:

— אָבער איר ווייסט דעם וועג?

— איך ווייס!

— איז נ־נ־נ־אָ!

דער „קאָלעכטיוו" איז אוש פון יענער זייט פּסיאָל. דאָרט, וואו דער הויכער באַרג שטייט. ס'איז אַזא הויכער באַרג, אַז די הניאַדע שקאַפּע שטעלט זיך אָפּ א מאל זיבן, ביז זי שלעפּט אַרוף א ליידיקן וואַגן אַף דעמדאָזיקן באַרג. און דערנאָך איז שוין דער וועג מיטן סטעפּ אַ גלייכער... אַזוי דאַרף מען מיט דעם אָ גלייכן וועג פאָרן אוש ביז קופּיעוואַטע. דאָס מיינט מען טאַקע אוש ביזן „קאָלעכטיוו".

רעכטס האָט איר זיך בראַוואַרקי, א דאָרף אזא באַם פּסיאָל, אָבער איר פאָרט ניט אַהין, וואָרום יענץ קומט אויס אין א זייט.

איר פאָרט בעסער גלייך. און אז איר וועט שוין האבן דערפאָרן צום שליאַך, וואס גייט פון מאנזשעלי קיין פעדעריווקע, איז דארט וועט שוין וולאַדימיר פאנאסאָוויטש אייך זאָגן:

— אָט א דאָ ווייס איך שוין ניט: צי מ׳דאַרף אזוי פאָרן, צי גאָר אַזוי? נעמט זיך לינקס.— דאכט זיך, אז ס׳אהין.

נעמט איר זיך „צאָב” און איר פאָרט אַזוי לאנג, ביז אַן אלטע פויערטע טוט זיך ניט אַ וויז פון קאָרן אַרויס.

— באבענקע, ווי אזוי לאזט מען זיך דאָ קיין קופיעוואטע?

— צו וואָס זשע פאָרט איר גאר אהער? אייער וועג איז דאָך אָן וואו, וואלט איר אהין געפאָרן. ס׳הייסט, אז מע וויל, קען מען דאָ ־]ארום אויך דורכפאָרן, אָבער דאָ וועט איר דארפן אָנלייגן בא א צוואנציק ווערסט. איר קערט זיך בעסער אום און לאָזט זיך מיט יענעם שליאך, וועט איר אביסל אָנפאָרן אהין און אָט אהין, און אַז איר זיינט שוין געקומען אהין, זאלט איר דאָרט פאַרקערעווען אהין און דערנאָך אָט אהין, און פונדאָרטן שוין אָט אהין... אַזוי ביזקעלע סאמע קופיעוואטע. פונוואנען זיינט איר עס אליין, וואס איר ווייסט ניט דעם וועג?

— מיר זיינען דאָך ניט קיין היגע!

— טא פאָרט, הייסט עס, אָט אַהין, וועט דאָרט טאקע זיין קופיע־וואטע... און ווען ניט, קען מען דורכדאנעט אויך — אָבער דורכדאנעט איז טאקע זייער ווייט...

האבן מיר זיך אומגעקערט „אָט אהין”, דערנאָך — ט׳אהין און אָט אהין... און איבערן גאנצן שליאַך — אומעטום:

— ווי אַזוי קיין קופיעוואטע?

— טפפררו!

— קיין קופיעוואטע, זאגט איר? דראַסטויטע! קיין קופיעוואטע, דארפט איר, הייסט עס, ט׳אהין און דערנאָך ט׳אהין און פונדארטן אָט אַהין. און דארטן וועט איר פאַרקערעווען ט׳אהין און איר וועט זיך נעמען אָט אהין!.. קיין פייער ניטא?

... און זיך טאַקע „דעראַטהינקעוועט”, געקומען צו א גרויסן סאָד א באזעצטן מיט טאפאָליעס... פון יענער זייט סאָד — א סאזשעלקע און אין סאזשעלקע — וואוקסיקער טשערעט... און אז איר וועט איבערפאָרן די הרעבליע, שטייט דארט א דאַמף־מיל, פון יענער זייט מיל איז רעכטס

אַ כוטאָר, וואס אמאָל האט אף אים געהאט צו שאַפן דער גוטבאַזיצער וועזמעטינאָוו, און איצט האט אף אים צו שאַפן „די צווייטע פיאדאראָ-ווער ארבעט־ארטעל אין נאָמען פון לענינען"...

אָט דאָ פּאָרט איר אָן צו דער בערעזע און איר טוט אַ מאַך צו דער הניאדער שקאַפּע:

— טפּפררו!

און איר קריכט אַרויס פון דער האַרבע, איר פאַרלייגט דער שקאַפּע אַ בערעמעק היי און איר לאָזט זיך גיין אפן גרויסן הויף ארוף...

אין הויף גייען ארום מענטשן, גייען ארום אינדיקעס, אָקסן קייען זשויקע, אַ טראַקטער שטייט, סע שטייט אַ פּאַראָוויק און ס'שטייט אַ דרעשמאַשין...

— עפּשער קען מען דעם פּאָרזיצער אדער דעם פּאַרטרעטער אהער.

— מ'קען. דער פּאָרזיצער איז אַוועקגעפאָרן קיין קרעמענטשוק און דער פּאַרטרעטער אָט־אָ איז ער.

— אַ גוטער אייך! דאס זיינען מיר געקומען כאַפּן אַ קוק אפן „שוט־פּעס איז גוט מיט דער ווייב"...

— ביטע זייער... קומט אין קאַנצעלאַריע אריין, מירן אייך אי דער־ציילן, אי באַווייזן...

און מ'האט אי דערציילט, אי באַוויזן.

15 יאַנוואַר 1922־טן יאָר געגרינדעט געוואָרן.

אַכצן מישפּאָכעס.

הונדערט מאַן עסערס...

140 דעסיאַטין מיט אַ הויפּל...

115 דעסיאַטין אַקער־ערד.

אַ זעקספעלדער־סיסטעם.

און ס'האט זיך גענומען אויסלייגן אַ דערציילונג, ווי אַזוי ס'געווען שווער, ווי ס'געוואָרן גרינגער, ווי ס'וועט זיין גאר וואויל, ווארום מ'האט זיך שוין געשטעלט אף די פיס, ווארום מ'וועט זיך נאך ערשט שטעלן, ווארום די ווייץ איז ווי אַ יאַם, ווארום דער קאָרן איז ווי אַ וואַלד, ווארום די קוקורוזע איז ווי אַ כאַיעל, ווארום מ'אַרענדירט די מיל, ווארום מ'האט געבראַכט אין ארדענונג צוויי שיינע סעדער, ווארום

מ׳פירט פאנאנדער האָלענדישע פּי, ווארום, ווארום מ׳האט א טראַקטער „פארדזאָן״ אף 20 פערדקראפט, ווארום ס׳כריוקן שוין 30 שטיק יאָרק־שירן, ווארום מע עפנט שוין היינטיקס ווינטער א שול, ווארום מ׳האט אנגעלאזן אין סאזשעלקע פיש, ווארום... ווארום... ווארום...

די ביניאָנים זיינען כאָרעווע. אט דאס איז א צאָרע... מיר שטעלן אוף, זעט איר, ליימענע הייזלעך, ווארום די וואוינונגס־באדינגונגען זיינען ניט קיין פויגלדיקע. מיר ווילן דעם פּאָרעצס שטוב אָפּרעמאנטירן, איז די מעניע אין דעם, וואס איר ווייסט אליין, סע סטאַיעט ניט... ס׳וועט זיך אָבער אופטאָן... כאטשבי נאך א יאָר דריי אזעלכע ווי דאס אָ יאר, וועט זיין די שטוב אויך, וועט זיין אַ שיט־פונקט, ס׳וועט אלץ זיין! מיר זיינען בא זיך ניט אַראפּגעפאלן...

— . . מירן נאך איבערגיין אף קאָמונע, זאלן נאר ווערן דירעס — איז קאָמונע. און דערווייל, ביז עפּעס, איז מען נאר ארטעלשטשיקעס...

— און איר קריגט זיך ניט?

— ניין.

— און איר שלאגט זיך ניט?

— ניין.

— כידושים!

. . . .

צייטונגען זיינען פאראן. א ביבליאָטעק איז דאָ. א שעף איז דאָ. — די ערשטע מאכאָרקע־פאבריק.

קומט, איך וועל אייך ווייזן אונדזער פעלד. מיר האבן איצט זעקס־און דרייסיק דעסיאטין פּאַר, אכצן דעסיאַטין זומער־ווייץ, 33 דעסיאטין ווינטער־ברויט (קארן און ווייץ), 5 דעסיאטין רעפּראדוקציע־קולטורן (אף זריע) — האבער, גערשטן, פּראָסע, סודאנקע א.״א; 5 דעסיאטין גערשטן... מיר קלערן, אז א 7 טויזנט פוד זאל זיין קערנער־קול־טורן...

גייען מיר... מיר גייען דורך דער זומער־ווייץ... אַף מיין ווארט, א וואלד! קריכט אריין מיטן קאָפּ, דער זאנג איז אזוי ווי די אווטאָמאַטישע פּען די אמעריקאַנער, וואס איר האלט. אָט אָ... שטייט עס און ס׳גיסט זיך קאלעקטיוו אָן...

און דער כאַווער רובאַן (דער פּאָרטרעטער פונעם קאָלעקטיוו־פּאָרזיצער) גייט, און מיט דער האַנט גלעט ער איבער די זאַנגעלעך, גלעט און שמייכלט:

— זי האָט בא אונדז אָט־דאָ געשלאָגן אַ רעקאָרד אפן גאַנצן ארום.

. . . .

לעם דער ווייך איז דאָ ניט קיין היפּשער וויהאָן, שפּאַצירן זיך דאָרטן אום די בעהיימעס...

אָט־דאָ צווישן די בעהיימעס קערט אַ וועלט „מישקאַ", אַ האָלענדישער „מישקאַ"... ער איז אינגאַנצן צוויי יאָר אַלט, אָבער רעוועט ער פאַר דריי־יאָריקע.

און ניט געקוקט אַף דעם, וואָס ער פּראָדוצירט קאָלעקטיווע קעלבלעך, איז ער אָבער לויטן כאַראַקטער אַ אינדיווידואַליסט. וואָרום ער אַנערקענט נאָר דעם פּאַסטעך. דעם, מיט וועמען ער איז ניט באַקאַנט, קען ער מעכילע אַ זעץ טאָן... ער גיט אַ זעץ פּאַמעלעכן, אָבער פליען פליט מען פון דעם־אָ זעץ ווייט און מ'פאַלט שווער... און מ'קען אים ניט איינהאַלטן. דערזעט ער ערגעץ אַ פרעמדע בעהיימע, לאָזט ער זיך אוועק מיט אַ זינגענדיקן באַסקאָל, וואַרפט אום אַפן וועג אַ פּאָר שאָק היי און קומט אהין, וואוהין זיין האַרץ האָט געגלוסט... דאָרט „גיט ער אַ פיר מיטן פיסל" אנקעגן די „דאַמען", אַז ווי אַ באָמבע וואָלט דא אופגעריסן נאָענט, און בלייבט שטיין מיט אַ געלעכטער.

כויץ דער „קאָלעקטיווער" אַרבעט זיינער, בעסערט נאָך „מישקא" גערן אויס אויך די קעלבער אַף דער געגנט.

און „מישקעס" אַרבעט איז טאַקע בעפיירעש אַ „קאָלעקטיווע", וואָרום די בעהיימעס געהערן נאָך איצטער אַלס אייגנטום צו יעדער אַרטעלמיטגליד (מילך נעמען זיי יעדער פון „זיין אייגענער" בעהיימע).

אָבער די קעלבער זיינען שוין אַרטעלסקע...

אין הויף איז נאָך פאַראַן איין אַרטעל־צירונג, דאָס איז „וואַנקאָ"... דער כאַזער... אַ געראָטענער יאָרקשיר אין דער כאַווערוסע פון צוויי דאַמען: „קאַטערינען" און „H" (איך האָב פאַרגעסן ווי די צווייטע הייסט). „וואַנקאָ" איז אַ טאַטע בא אַ גליקלעכער מישפּאָכע פון 30 קעפּ. „קאַטערינע" און איר כאַווערטע זיינען אָט דאָ ניט לאַנג אַ דאַנק זיין

ליבן נאָמען „איבערגעקומען" און האָבן געשענקט דעם קאָלעקטיוו צו פֿינף „יינגעלעך" און צו פֿינף „מיידעלעך" יעדערע און סאַי די „עלטערן", סאַי די „נייגעבוירענע" פֿילן זיך אָנאַנהאָרע זייער גוט.

דער „פּאַפּאַשע וואַנקאָ" רוען אין אַ באַזונדער קאַבינעט און כריוקען זיך אונטער מיט פֿיל האַנאָע...

„וואַנקאָ" זאָגט זיך אויך קיינמאָל ניט אָפּ (אויב דער אַרטעל האָט גאָרניט קעגן) צו יארקשירעווען די היגע פויערשע כאַזיירימלעך.

צוויי סעדער. איינער אַן ארטעלסקער און דעם צווייטן ארענדירט מען באַם מעלוכע־פאָנד. די סעדער זיינען איבערגעגראבן און אויסגעציכטיקט. קיין פרוכטן איז האַיאר ניטאָ (ס'דא אביסל באַרן), אסאך וויינשל און וועלאָכשע ניס...

די וויינשל (שפּאנקע), ניט געקוקט דערויף, וואָס זיי זיינען קאָלעקטיוונע, זיינען זיי אָבער אַפֿן טאַם גאַנץ געשמאַקע. ס'איז אויסגעקומען זיך צע־גאַרטלען.

אַ שטאַל מיט אויפֿעס: געגדו, קאַטשקעס... האלט יעדער ארטעל־מיטגליד באַזונדער...

מיט איין וואָרט:

> אוי, אין טייכל קאַטשקעס שווימען
> קאַטשקעלעך שיינע,
> די קאָלעקטיוון לעבן גוט
> און די דאָרפֿס־לייט וויינען...

. . . .

איז דאָס נאָך אַלץ גאָרניט.

אָבער זייט אַ בעריע און שטעלט זיך פֿאָר, אַז באַ די פּרויען אין קאָלעקטיוו זיינען אי די קובאַלקעס אפֿן ארט, אי די האָר גאַנצע...

ווי אזוי זשע קען אזעלכס געשען, בעשאַס דו הערסט גאָר אומעטום:

— איך וואָלט שוין אָט דאָסדאָזיקע, איז אָבער די ווייב באַ דאָסדאָזיקע.

באַ וועמען ס'דאָ אַ מאַרך אין קאָפּ

אַט דאַס איז שוין דאַן, ווען די הניאַדע שקאַפּע האָט אונדז געפֿירט צוריק פֿון „קאָלעקטיוו" אהיים צו.

— מירן נאָר נאָך פֿאַרפֿאָרן צו דעם־אָ „דיאַדקאַ", באַטראַכטן זיין ווירטשאַפֿט... דאָס איז דער פֿויער רודי... אַ קולטורעלער באַלעבאָס. און אפֿילע אַ היפּש־קולטורעלער. ווארום די מילכאָמע האָט אנומלטן פֿאַרוואָרפֿן זיין זון קיין פֿראַנקרייך און דער לעצטער איז אַ כעוורעמאַן, ניט קיין פּריץ, האָט ער געענדיקט דאָרט אין פֿראַנקרייך אַן אגראַנאַמישע שול...

— טפּררו! לאָמיר פֿאַרפֿאָרן!

אַגעוו איז פֿאַר אונדזער שקאַפּע ניטאָ קיין בעסערער קלאַנג ווי „טפּררו", זי האָט שרעקלעך ליב דעם „טפּררו".

— אַ גאָט העלף אייך. מ'קען?

— ביטע...

באַוויזן די ווירטשאַפֿט האָט אונדז דער יונגער באַלעבאָס, דערזעלבער, וואָס איז געווען אין פֿראַנקרייך... קיין אימפּעריאַליסטישעס באַמערקט זיך אַף אים גאָרניט,— אַזוי זיך וואוילע צוויי קלוגע, בלויע אויגן, אַן אויסגעניייטע לייוונטענע העמד, אַן אָפּגעבּרענט פּאָנעם און אַ פּאָר אָנגעהאָרעוועטע בראָנזענע הענט...

דער בינען־הויף... דער בינען־הויף איז זיך ווי אַ בינען־הויף... אַ היפּשלעכער... ס'טרעפן זיך ווירטשאַפטן בעסערע אויך... וואָרום דאָ באַלעבאַטיסקעוועט דער טאַטע און:

— מיטן טאַטן, פאַרשטייט איר מיך, זיך דינגען, אַז געזעגענע זיינען בעסער, בעשאַס יענער האָט זיך אָפּגעמאַטערט זיין גאַנץ לעבן מיט „דופּליאַנקעס"... מיר וועלן אים שוין ניט איבערשפּאַרן.

זאָל ער... אָט־אָ ווי איר זעט, פירן מיר שוין אויך איין צוביסלעך... דאָס געהער שוין צו אונדז, די יונגע... און דער טאַטע — ער האָט ניט קיין גוסט צו קיין געזעגענע... זאָל ער...

דער מענטש איז שוין אַ שטיק מומכע אין בינען־צוכט, אויב ער רעדט מיך אייך וועגן „דאַדאַנען", „וועגן לעוויצקין", וועגן „רוטן". ער האָט זיך איבערצייגט אַף זיין אייגענער דערפאַרונג אי אין דעם „פּאַר", אי אין דעם „קעגן" פון יעדער סיסטעם. און איז שוין אַליין דערגאַנגען צו דעם, אַז אַ קאָמבינאַציע פון „רוטן" מיט „לעוויצקין" גייט אים, לויט די היגע באַדינגונגען, אונטער אַמבעסטן.

האָניק עסט מען אינדערהיים וויפל מ'וויל, און נאָך אַ האַלבן פּוד און מ'פאַרקויפט נאָך אַף „וויפל דאַרפט איר"...

אָבער די בינען־צוכט איז דאָ ניט דעריקער.

אַסאַך אינטערעסאַנטער איז די ערד־באַאַרבעטונג...

די ווירטשאַפט פאַרמאָגט באַ אַ צוואַנציק דעסיאַטין ערד, אַזוי נעמט זיך זיי אָן, וואָרום סאַי די אויסגעגעבענע, סאַי די ניט־אויסגעגעבענע זין וואוינען מיטן פאָטער איינינעם. מ'טיילט זיך ניט. אַ מישפּאָכע פון 15 מענטשן מיט אַ צושפּיל. אַכטן זייערע אַרבעטן.

אַ פול־פעלדער סיסטעם. „פּראָפּאַשנע" געוויקסן. דעם גרעסטן אָרט פאַרנעמט קוקורוזע, די גערעטעניש איז קעסיידער אַ גוטע, וואָרום מ'האָרעוועט לעם דער ערד, ניט ווי גאָט האָט געבאָטן, נאָר ווי אין די ביכער שטייט געשריבן.

איז דאָס נאָך אויך ניט אינגאַנצן...
דער מענטש פּאַסעט ניט קיין פּי! — געהערט?

קענט איר זיך דען פאָרשטעלן אַף פאַלטאַוושטשינע אַזאַ העפּקיירעס: ניט פּאַסען קיין פּי!

ס׳נאָך א גרויסער כידעש, וואס די פּראַוואָסלאַווּנע האבן אים ניט אויסגעטאָן און ניט באַטראַכט אים, עפשער איז ער גאָר באַוואַקסן פון קאָפּ ביז די פיס מיט וואָל.

טאָ וואס זשע טוט ער?

זיבן כאַדאָשים אין יאר האָדעוועט ער זיין פּי מיט א קאַרגער דע־סיאַטינע ערד. און פּי פּאַרמאָגט ער: א פּאָר אָקסן, „ווי די וועלט״! צוויי בעהיימעס מיט קעלבער און א טעליצע. נאָך דריי גרויסע פערד און איינס א לאָשיקל...

אָט א מאַכער!

וואס זשע טוט ער אַזעלכס?

טוט ער אָט־וואס:

ער פּאַרזייט פּאַרפּרי א פּאָר הונדערט קלאַפטער קאָרן — אַף גראָז. וואַקסט עס בא אים אָן ביז אַפּריל־כוידעש. שניידט ער עס צוביסלעך און האָדעוועט די פּי. אף דעמזעלבן אָרט זייט ער אָן אף פּיטער־גראָז — קוקורוזע...

ער פּאַרזייט אַף פּיטער־גראָז — אַן אַכטל קוקורוזע, און אַכטל סאַרגאָ און בא א האַלב דעסיאַטין לוצערן (פון די פערדס וועגן).

ווי מ׳עסט אוף דעם קאָרן, וואַקסט אונטער די סאַרגאָ; עסט מען אוף די סאַרגאָ, וואַקסט אונטער די קוקורוזע.

אָפּגעשניטן די קוקורוזע (יעדער טאָג קאָסעט ער אויס וויפל ער דאַרף), האט זיך שוין אופגעהויבן די קוקורוזע, וואס ער פאַרזייט אַפן קאָרן.

אָפּגעקאָסעט אט די, איז שוין אויסגעוואַקסן די צווייטע סאַרגאָ...

און אזוי א קיילעכדיקן זומער...

די בעהיימעס זיינען אַזעלכע, אז אין מילך קען מען זיך באָדן.

א קאָרע „מאַמאַשע״ שטייט אין „סטאַניע״, אַזאַ, אז דו וועסט ניט דערלאַנגען די גריווע אירע.

און דעם אָגער דעם גרויען, אין געשלאָגענע טאָלער, אז מ׳האט אים אונדז אַרויסגעפּירט און ער האט א הירזשע געטאן איבערן גאַנצן הויף, האט אונדזער 18־יאריקע הניאדע זיך א גאנץ וועג דערנאך געהאלטן אין איין אומקוקן, האט ניט אופגעהערט ציטערן, און שווער געאָטעמט...

און אף דעם אַלעמען גייט בא אים אוועק, ווי איך האב שוין געזאגט, ווינציקער פון איין דעסיאַטין.

און טויזנטער „באַלעבאַטים" אַנדערע דינגען אָפּ צוליב דריי נישטיקע שטיקלעך כודאָבע צו דעסיאַטין און אַמאָל מער, און אַף יענער דעסיאַטין ליגן איצט גאַנצענע קיזיקלעך אויסגעטריקנטע, זייער וואוילע אַף פיטער.

און די קועלעך מוקען, און דער „מאַנקאַ" מעלקן אויס די „מעכאַ־שייפעס".

אט אַזוי פירט זיך עס.

דריי מיט א האַלבע דעסיאַטין האַלט רודי... אונטער קוקורוזע אַף קערנער. א וואַלד...

א 800 פוד וועט דא זיין.

— וואס זשע טוט איר מיט דעם, איר פאַרקויפט?

— ניין, מיר האָדעווען די כאַזיירים, און ווינטער־צייט — די פי.

— וויפל קאָן מען אויסהאָדעווען כאַזיירים?

— א שטיק 15.

— אַנדערהאַלבן טויזנטער?

— נו, יאָ.

און מיטן ברויט האָדעוועט איר די פי?

— מעשוגע זיינען מיר, צי וואָס?

אט דאָ ערשט ניט לאַנג האבן מיר פארקויפט 200 פוד ווייץ און 400 פוד קאָרן.

איר האט געהערט פון רודין? ווייסט איר ווי ער באַלעבאַיסקעוועט?

— אַוואַדע ווייסן מיר...

— נו?

— איז ער דאָך א קולטורנער...

— און איר?

— נו, מיר... מיר... וואָס זשע קענען מיר? ער איז א קולטור־נער...

— און איר?

— נו, מיר... וואס קענען מיר?

א גוטע זאַך אָט דער מאַרך. נאָר מיט איין טנאַי, פאַרשטייט זיך, ווען ער זיצט אין קאָפּ. אָבער אויב ער זיצט ערגעץ אַנדערש, איז ער ניט ווערט קיין הונט... ס'נאָר ווייך צו זיצן. און האסט נאָר אַן אַרבעט נייען די הויזן בררייטער...

ווי אזוי זאל מען זיך פאַר־בעסערן די ווירטשאפט?

(אויסגעפּרואווט דורך אָסאַך זייערע)

מ׳זאגט, אַז דאס בעסטע מיטל אַף פאַרבעסערן די ווירטשאַפט איז האָרעוואַניע.

און באַזונדערס קאָלעקטיווע.

קאָן זיין, אז די דייטשן עפּשער זיינען זיך טאַקע אזוי נויהעג. און באַ אונדז איז אף דערוף:

— „גערעדט, געבעבעט... שוטפּעס איז גוט מאַכן מיט דער ווייב!" זאָל מען ריידן ווער וואָס ס׳וויל און מיר וועלן זיך פירן ווי די על־טערן אונדזערע האבן זיך געפירט.

איז קיין ברויט עס איך ניט, אָבער דערפאַר קרעכטשע איך איינער אַליין און באַ מיר אַליין זיינען די פּיס געשוואָלן פון האָרעוואַניע און אַליין קען איך דעם רוקן ניט אויסגלייכן, באַ מיר אַליין קריכן די אויגן פון קאָפּ.

און אין קאָלעקטיוו איז ווי?

אין קאָלעקטיוו איז סאַי ארבעט ווינציקער, סאַי צום לעבן בעסער. נו, איז דאָך עס אין קאָלעקטיוו... טויג עס סאַיווי אַף קאַפּאָרעס...

אָבער ניט וועגן די אָ מיטלען פון פאַרבעסערן די ווירטשאַפט וויל איך איצט ריידן.— דאָס איז סאַי אַליין, סאַי אין קאָלעקטיוו. אָבער האָ־רעווען דאַרף מען.

ס׳זיינען אָבער פאַראַן גרינגערע מיטלען, און אַסאַך, אַסאַך מער נוציקע...

געזעלשאַפטלעכע מיטלען.

אויסלערנען אייך?

גוט. מ׳האט מיר וועגן זיי זייער פיל דערציילט און איך האב אויך א גענוג ביסל געלייענט וועגן זיי.

אט וואָס איר דאַרפט טאָן, מיינע טייערע... שאַפט איבער די דערפער קאָאָפּעראַטיוון. דאס איז זייער א נוציקע זאַך... וועגן דעם רעדט אי די מעלוכע, אי אַלע...

דאַרפט איר אָפּן סכאָד אופגעבן:

— א קאָאָפּעראַטיוו דאַרף מען, אַ אייגענעם קאָאָפּעראַטיוו!

וועלן אַלע:

— מאַסקעם!

— מע דאַרף:

— טאָ קלויבט אויס א פאַרוואַלטונג!

קלייבט מען אויס.

איז אָט דאָ זאָלט איר זיך זען אַרויסווייזן פאַרן בעסטן ראַטנבירגער און באַמיט זיך, זיך דורכקריכן אין קאָאָפּעראַטיוו אַריין, אָדער, נאך בעסער, גלייך אין פאַרוואַלטונג.

זיינט איר דורכגעקראָכן, טאָ אַרבעט. קלייבט פאַיען, עפנט א קראָם, לייזט געלט.

האַנדלט גוט. טוט אינעם געשעפט, וואס איר האט אונטער דער האַנט בא זיך, געוויסנהאַפטיק און פינקטלעך.

און אַז מ׳וועט אייך קומען רעווידירן, און מע וועט באַ אייך א פרעג טאָן: וואו זיינען דעם קאָאָפּעראַטיווס געלט, טא זאגט זיי:

— ניטאָ!

— וואו זשע זיינען זיי?

— ניטאָ,

— געפּאַטערט?

דאָ שווייגט און זאגט גארניט... און אויב איר זיינט זייער א מוטיקער און א דרייסטער, מעגט איר זיי זאגן:

— געפּאַטערט! נו, טאָ וואָס ווילט איר?

דענסטמאָל מאַכט מען אַ פּראָטאָקאָל, מ'קלייבט אויף אַן אַסיפּע פון אַלע פּאַיען־געבער און די רעווידיר־קאָמיסיע איז אַלץ מודיע דער אַסיפּע.

זאָגט די אַסיפּע:

— אָט אַ קעלעוו! מיר האָבן אָבער באַלד געוואוסט! מ'האָט דען געמעגט אַזאַ ניטדאָגעדאַכט פּאַרטרויען קאָהעלשע געלטער?

אָט דאָ דאַרפט איר אַרויסגיין און זאָגן:

— איך בעט אַ וואָרט!

— רעדט!

— געערטע,— רופט זיך אָן,— כאַווײרים! דאָ הער איך רעדן, אַז איך האָב קלוימערשט איבערגעפירט קאָהעלשע געלטער... וואָס עמעס איז עמעס, די געלט זיינען געווען קאָאָפּעראַטיוונע. און זיי מוזן זיין. אָבער איך זאָל זיי איבערפירן, קען עס אינדערוועלט ניט זיין. זייט מיר מויכל, בירגער, איך וועל שוין מער ניט. מאַכט מיך ניט אומגליקלעך, און איך וועל זיי ווי עס איז אויסצאָלן...

אַלע שווייגן.

דעמאָלט דערהערט זיך פון אַ ווינקל שטילערהייט:

— אייסיך!..

— זאָגט, אויב איר ווילט עפּעס זאָגן!..

— אייסיך!.. איך האָב ניט גאָרניט וואָס צו זאָגן.

אַלע שווייגן.

דעמאָלט דערהערט זיך פון אַ צווייטן ווינקל:

— אייסיך!..

און אַלע שווייגן.

דערנאָך קאָנט איר שוין קיין עק ניט דערגיין, פון וועלכן ווינקל ס'דערהערט זיך שטיל:

— אייסיך וואָס... שענקט אים! וואָסטו באַ אים נעמען?

דערנאָך ווייטער:

— שענקען.

דערנאָך מערער...

— אייסיך וואָס, שענקט אים און אַן עק!

פרעגט דער פּאָרזיצער בא דער פאַרזאַמלונג:

— וואָס זשע בלייבט? שענקען?

— שענקען!

— טאָ פארשרייבט אַזעלכס אין פּראָטאָקאָל.

פאַרשרייבט מען.

דעמאלט נעמט און פארנויגט זיך „דאס לעצטע מאָל“:

— אַדאַנק, געערטע כאַוויירים!

און פאַרטיק.

און אַזוי, אַן ערעך, אין א פּאָר וואָכן אַרום נאָך דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, בויט איר זיך א שטאַל, קויפט איר זיך א פערדל. און דאָרטן נאָך קלייניקייטן...

די געלט, א קלאָרע זאַך, אז איר פאַרשיקערט ניט, וואָרום דעמאָלט וועט אייער ווירטשאַפט זיך ניט פאַריכטן.

כויץ פאַרבעסערן די ווירטשאַפט דורך קאָאָפּעראַציע, איז נאך ניט שלעכט עס אונטערהויבן דורך ערד־איינאָרדענונג.

מ'קלייבט אייך אויס פאַר א באפולמעכטיקטן אף דער ערד־איינאָרדע־נונג. קלייבט איר אוף געלט אף א „זעמלעמער“, אף אָרגאַניזאַציאָנעלע הויצאָעס און דערנאָך:

— שענקט!..

עפשער האט איר נאָך אַרום אייער דאָרף יאַרן.

איז דאַן קומט גוט צונוץ מעלעראַציע...

גרינדעט א מעלעראַטיוו־געזעלשאַפט, קלייבט אוף מיטגליד־אָפּצאָל און דערנאָך:

— שענקט!..

צי איר זאָלט נעמען אַפילע אזא אָרגאניזאציע ווי „מאָפּר“.

זאגט, וואס איז פאר אַן אלגעמיינס צווישן העלפן די אויסלענדישע רעוואָליוציאנערע קעמפער און צווישן דאָרפסווירטשאַפט איבער אונדזערע דערפער?

לאָזט זיך אויס. אז ס'איז דאָ.

קלייבט אוף געלט אף מאָפּר און דערנאך:

— שענקט.

דאס פול־געדולדיקע און פול־באַרעמהערציקע אַרבעטנדיקע פויער־טום אונדזערס דאַרף מער ניט ווי:

— שענקט!

— אייסיך... זאָל ער...

און דערנאָך וועט ער נאָר א קוק טאָן אַפן נייעם שטאָל אָדער אַפן נייעם שפּאַן און:

— אט א קעלעוו — די „קאָאָפּעראַציע״?!

און ער גייט זיך אַוועק זיין וועג מיטן שטעקנדל צוקלאַפּנדיק...

. . . .

— שענקט!

גינעקאלאגיע

קיין סאַך מעדפּערסאָנאַל איז אַפן דאָרף ניט צו זען...

נעמט אַפילע דאָ... א היפּש דאָרף, באַוואַקסן אַרום און אַרום מיט כוטאָרעס, און דער שפּיטאָל איז פאַר 8 ווערסט.

פונדעסטוועגן איז גארניט צו פארזינדיקן, ווי אזוי ס'ליקווידירט זיך צווישן דער באַפעלקערונג די טאַנאַמאַראַצעס...

מיר פאַרמאָגן ניט ווינציק „ספּעצן" צו אַלערליי כאַלאַסן — אָנהויבנדיק פון א „גוטאויג" און ענדיקן מיט א „גילגל". אָבער נאך אין קיין איין צווייג האט דאס פּראַוואָסלאַוונע פאָלק אזוי זיך ניט ארויסגעוויזן ווי אין דער גינעקאָלאָגיע. א וויסנשאַפט זייער א איידעלע און פאַרן דאָרף א גאנץ נויטיקע.

ס'וועט ניט זיין קיין טאָעס, אויב מירן זאָגן, אז קימאַט יעדע פּערזאָן פון פרויען-געשלעכט איז ניט קיין סאַך, אָבער עפּעס וואס ווייסט זי וואס מ'דאַרף טאָן בעשאַס דער בושל דרייט זיך איבערן דאַך, קעדיי ברענגען צו מאַזל א יינגעלע אָדער א מיידעלע אין שטוב אריין...

ס'זיינען אָבער אויך פאַראַן געננוג עמעסע ספּעציאַליסטן גינעקאָלאָגן, וואס האבן די גרויסע פּראַקטיק און פאַרדינען אייער שאָקנווייז, און לייוונט — קלעצלעך גאַנצע, און זיי לייזן גאַנץ קאָמפּליצירטע גינעקאָלאָגישע פּראַגן אַסאַך פלינקער פונעם כאַרקאָווער פּראָפעסער כאַזשענסקי...

מאַמעש איינס און צוויי!

קיין קליניקעס אָדער אָפּעראַציע־צימערן זיינען נאָך ניטאָ. די אָפּע־ראַציעס מאַכן זיך אין שטוב אָדער אין שפּיטאָלער, אויב ניט — איז אין שייער.

אַמערסטן פּראָפעסאָרעווען — אין דעם פאַך — פּרויען. אָבער ס׳מאַכן זיך אויך מענער־גינעקאָלאָגן...

ס׳איז אַפילו פאַראַן, ווי מיר איז אויסגעקומען צו הערן, פּראָסט און פּאָשעט א דיאַקעלע, וואס קאן אייך מאַכן אן אָפּעראַציע גרינגער ווי א ביסן ברויט אופעסן.

מיר ווילט זיך באַקאַנען די שטאָט־לייט מיט דער דאָרפישער דער־פאַרונג אין דעם פאַך... וואָרום אָפּט קומט אונדז אויס זיך אָנטרעפן מיט אזא מין סאָרט בילד, ווי עפּעס א שיינע פרוי, וואס זיצט באַם קאָנ־טאָר־טיש אָדער באַם „אונדערוואוד״, אדער גלאַט אזוי אין גאס גייענדיק, נעמט און פאַרטראַכט זיך פלוצים, די אויגן ווערן בא איר פאַרצויגן און אף איר שיינעם פּאָנעם לייגט זיך אַוועק א שאָטן...

וואס זשע קען מען דאָ, פון דער זייט שטייענדיק, טרעפן. קען זיין, אז ס׳ווילט זיך א מענטשן פּראָסט און פּאָשעט כאַסענע האָבן. קאָן זיין. אבער אָפּטער, מערער נעמט זיך פונדעסטוועגן אט די שטימונג פון דעם, וואס איר ווייסט אליין...

טא הערט, וואס ס׳טוען אין אַזעלכע פאַלן די אופגעקלערטע דאָרפס־טעכטער אונדזערע.

אויב גאַנצפרי, פון שלאָף אופשטייענדיק, דערפילט זי, כאַוועס טאָכטער, אז אט דאָ־אָ נעמט זי עפּעס ניודען און ס׳ציט זי עפּעס זייער שטאַרק נאָך א געזאַלצענער אוגערקע, הויבט זי אָן פון: שפּרונגען אף איין אָרט... שטייט, שטייט אביסל, דערנאָך בויגט זי זיך פלוצים אוף און גיט א העץ, ווי אייגער וואס איז פון די געדאַנקען:

הופּ! הופּ!..

און זי הערט זיך צו...

מ׳הערט ניט גאָרניט...

גיט זי אומעטיק א שאָקל מיטן קאָפּ און גייט אַוועק יעטן די קאַר־טאָפל.

אף מאָרגן, אַז דער כּיישעק צו דער זויערער אוגערקע ווערט נאָך שטאַרקער, נאָך איינגעגעסענער, כאַפּט זי זיך שוין הויבן דעם קאַסטן.

קריכט אונטער אונטער אים, נעמט אים מיט ביידע הענט און הויבט אים אינדערהויך...

— וואס טוסטו עס, מעלאַסיע? — פרעגט דא איר די מאַמע.

— עפּעס שטייט ער, דער קאַסטן, דוכט זיך מיר, מיט א זייט... איך קלער, אז מ׳דאַרף אים אויסגלייכן...

— טאָ לאָז, וועל איך דיר העלפן.

— ניין, איך וועל אליין...

— ער איז ניט אזא שווערער... אָט קענסטו זען...

— הי... הי...

— דו וועסט זיך אונטערייסן, מעשוגע דער קאָפּ דיינער...

— ע!..

זיך אָנגעשלעפּט מיטן קאַסטן, שטעלט זי זיך אַוועק, די פרוי אָדער דאס מיידל, און הערט זיך צו.

מ׳הערט ניט גארניט...

גייט זי אייך אַזוי אַוועק הינטערן שאָפּע און האט דאָרט לאַנג וואס צוטאן מיט עפּעס...

קומט צוגיין דער טאַטע און רופט זיך אָן:

— עפּעס א ניט-אין-שטוב-געדאַכט האט מיר דאָרט איבערגעקערט די ווייעלקע?..

... העלפט אבער די ווייעלקע אויך ניט...

זיינען נאָך דאָ אסאך פארשיידענע מיטלען פון „איבונגען מיט געוויכטן”.

אָפּט קאָן מען זען, ווי א יונג מיידל פליט ווי א פויגל איבער די יאַרן צום טייך מיט א זשלוקטע נאַסן גרעט, א פולינקן ווי אן אויג...

אָדער אין שטאַל נעמט זי הויבן פאַר זיך א לעבעדיקע בעהיימע און שטעלט זי איבער פון איין אָרט אַפן צווייטן...

אַזעלכע מיטלען זיינען דאָ אָן א צאָל...

און נאָך יעדעס מאָל בלייבט זי אומעטיק שטיין און הערט זיך איין.

און מ׳הערט ניט גארניט.

דאַן באַקומט זי נאָך אן אומעטיקערן פּאָנעם און די אויגן לויפן אום אומרואיק איבערן שטוב.

און ס'הויבט זיך אָן די „כינע־איינעמעניש"...

א „כינע־איינעמעניש" אַזאַ, אז אין קאָפּ נעמט קלינגען, ווי פּייסעך דעם ערשטן טאג אין אלע גלעקער.

ס'רירט ניט...

דאַן נעמט מען זיך צום אזויגערופענעם אַרטילערישן מעטאָד...

מ'שטאָפּט זיך אָן מיט פולווער.

סע שיסט ניט...

דענסטמאָל איז אין קאָרן אַריין נאָך „ראָזשאָק".

דעם „ראָזשאָק" עסט זי פולע לעפל.

ס'בורעט ניט.

דענסטמאל ערשט שלעפּט זי צו פון קאַמער א צענדליק אייער און — צום „ספּעץ".

— טייערינקע מיינע.

און די זעלבסטעטיקייט אין דעם גינעקאלאגיע־פאַך ווערט אָפּגעשטעלט...

ווייטער ווערט די ארבעט איבערגעגעבן צום ספּעציאַליסט.

די ספּעצן...

נו, דאס איז שוין א קלאָרע זאַך, אז קיין איינצלהייטן זיינען דא ניט שאַיעך: יעדערער האט זיך זיינע אייגענע מיטלען.

מערסטן נוצט מען, אַלס א גינעקאלאגישן געצייג, א האָרנאָדל פאַר־בויגן באַם עק ווי א האַטשיק.

אזא אָפּעראַציע הייסט:

— אַרויסקאַלופּען.

זייער אָפט שטייט דא אייך אין די גויטן א פאַרשניצט שפּינדל *.

אט דאס הייסט:

— דורכשטעכן...

בלוט נאך אזא אָפּעראַציע גיסט זיך אַכט ווערסט — ביזקעלע דעם נאָענטסטן שפּיטאָל.

און שוין.

דערנאך גייט די פרוי אום א כאדאשים זעקס איינגעבויגן אין פיר פאָהיבעלים.

---

* Веретено

עפּעס דרייט מיר דאָרט אינעווייניק.

אייניקע זאָגן, אַז ס'איז אַ גריזשע, אַ צווייטער זאָגט, אַז ס'זיינען ספּאַזמעס...

און דער היילונגס-קורס איז פאַרענדיקט...

דיזעלבע מיטלען קען מען זייער גרינג נוצן אויך אין שטאָט, מיט קליינע וואַריאַציעס, פאַרשטייט זיך...

אנשטאָט דער „זשלוקטע", קען מען זיך יאָגן איבער די טרעפּ מיט אַן „אונדערוואוד" אין די הענט. אנשטאט דעם קאַסטן, קען מען אונטער־קריכן אונטערן שרייבטיש אדער זיך פּרואוון איבערוקן די פייערקאַסע—אויב דאָס קומט פאַר אין בוכהאַלטעריע—אדער, פּאָשעט, די שאַפע מיט די ביכער...

און וועגן די שטאָטישע „ספּעצן" וועל איך זיך ניט נעמען שרייבן, זיי זיינען דאָ אויף יעדער טריט...

די „דאָרפס-יוסטיץ"

דער אַוטאָריטעט פונעם „פאָלקס-געריכט אַפן דאָרף איז גרויס... ס'ווענדן זיך צו אים אי אַלטע, אי יונגע, אי מיטעלע...

און זיי ווענדן זיך אַזוי, אַז די צווייען זייערע, וואס זיצן קעסיידער אין געריכט—דער ריכטער און דער סעקרעטאַר—באָדן זיך אין „אָנקלאָגעס", אין ביטעס", אין „זאַיאַוועס" ,אין „מעלדונגען", אין „פּראָכאַניעס" און אין „פּראָשעניעס".

זייערע אויגן יאָגן אום שיר ניט איבער אַלע ארטיקלען סאַי פון קרימינעלן, סאַי פון פאַמיליען, סאַי פון פּראָצעסועלן קאָדעקסן. און זיי לאָדן דעם אוילעם טאג און טאג, פון פרי ביז נאכט, און בעשאַס א האַפּסאָקע זאגן זיי:

— כאָטש כאַפּן ערגעץ א בייס אדער וואס? מיטאָגן וועלן מיר שוין, ווייזט אויס, אינאָוונט!

אט דאס איז דאס ראַטנגעריכט, וואס איז איינגעשטעלט געזעצלעך און ווירקט אַפן גרונט פון די רעוואָליוציע-קאָדעקסן.

אָבער אין דאָרף זיינען נאך פאַראַן אזעלכע „קאָדעקסן", וואס עקזיסטירן ביז היינטיקן טאג, און זייער מאָקער ציען זיי נאך פון יענע צייטן, ווען מ'האט צעריסן אף צווייען פון אונטן ביז אַרויף דעם הייליקן וואוויל-גלויביקן און גרויסן פירשט איגאָר.

וואס דאַרף מען דא אַסאַך ריידן, דידאזיקע „קאָדעקסן" זיינען זייער אַלט. אבער אין די דערפער גייען זיי נאך אָן, און אויב אַפילע ניט

זייער אָפּט, אבער אַן אָרט פאַרנעמען זיי א פיינעם אין דער דאָרפס־יוסטיץ.

„פאַמיליען־רעכט"

פארן וויכטיקסטן אַרטיקל אין „פאַמיליען־רעכט" דאַרף מען פארע־כענען די „הרעטשקע"־איניאָנים... איניאָנים וועגן דעם, וואס ווערט אָנגערופן: „שפּרינגען אין הרעטשקע ארייַן". איר דאַרפט עס, פאַרשטייט זיך, ניט אויסטייטשן בוכשטעבלעך... דאָס מיינט דאך ניט, אַז אַ מענטש גייט און גייט און ווען ער דערזעט פאַר זיך אַ פעלד מיט הרעטשקע, צעיאָגט ער זיך און —

— שפּרינג!..

ס'הויבט זיך גאָרניט אָן.

דאָ איז „הרעטשקע" נאָר אַ סימוואָל...

אָט האט איר אַ ביישפּיל וועגן „הרעטשקע":

— איך גיי אַוועקפירן דעם פערד אַף נאַכט.

— וואָלסט עפּשער בעסער גאָר געבליבן אינדערהיים?..

— ניין, איך וועל אים אַוועקפירן. מ'דאַרף אים אָנפּאַסען!..

— אוי, איוואַן!.. גענוג שוין דיר אומפירן דעם פערד דעמדאָזיקן! אַ „שקאַפּע" פאַסעסטו! אַזאַ מאַקע זאָל זיך דיר זעצן מיט דער „שקאַ־פּע" מיט דיינער אינייינעם!..

— אָט האָסטו דיר!..

אָט דא, זעט איר, שמעקט שוין מיט „הרעטשקע"...

אָט דא גאַנוועט זיך שוין נאָך די פאַרינטערעסירטע העלפּט הינטער איוואַנען ווי אַ שאָטן, וואָרום זי האָט שוין ערגעץ אונטערגעהערט, אַז דאס פערד פּאַסעט זיך גאָר אין וואַלד און איוואַן איז שוין אין „הרעטשקע".

פאַקן זיי איז, פאַרשטייט זיך, גאָרניט פון די שווערע זאַכן.

„הרעטשקע" פונעם מאַנס צאַד ווערט באַשטראָפט: איוואַנען — מאַקעס אין אַלע זיינע ארגאַנען און פארשיידענע ווערטער מיט אַ ספּעציפישער באַדייטונג...— זשעגעכץ אַף דעם טויער און די פענצטער אַף פּיץ־פּיצלעך... אויב אַזעלכס העלפט ניט, קומט מען אָן צום „וואָלאָסנאָי*"־

---

* וואָלאָס — האָר. אַ שפּיל פון ווערטער: וואָלאָס — וואָלאָסט.

איבערזעצער.

טוד", ס'ווערן צעפּאַלן באַ דער „הרעטשקע" די האָר, אין דידאָזיקע האָר פּלאָנטערט זיך אריין אַ רעכטע האַנט און ס'ווערט אַ „וויכער" מיט אַ געשריי:

— אַ־אַ־אַ־אַ!!!

„הרעטשקע" מיצאַד דעם ווייב ווערט באַשטראָפט מיט נעריגן ביזן טויט.

די לעצטע צייט ווערן אַזעלכע מילכאָמעס איינגעשטילט, ווייל:

— אין „זשענאַטדעל" וועל איך גיין, שוואַרציאָר מיט אויגן, דו...

קרימינעלער קאָדעקס

די וויכטיקסטע אַרטיקלען פונעם קרימינעלען קאָדעקס זיינען: פערד־געניייוועס, שאָקן־געניייוועס, פיש־געניייוועס, שאָף־געניייוועס, הינער־געניייוועס, באַקאַליי־געניייוועס, גאָרטן־געניייוועס, סאָד־געניייוועס און ביכלאַל געניייוועס...

פ ע ר ד ־ ג ע נ יי וו ע ס ווערן באַשטראָפט מיט נעריגן אַף טויט... באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז די שטראָף דערמיט, וואָס זי ווערט אויסגעפירט קאָלעקטיוו, אין קיבעץ, אין קאַמפּאַניע.

— שלאָג דו אויך!

— איך וויל ניט!

— שלאָג, וואָרום דו וועסט לייזן דאָסזעלביקע, וואָס דער גאַנעוו... אויב „אפקומען" — איז זאָלן אַלע...

טאָ שלאָג, הייסט עס...

ענדיקן ענדיקט זיך די שטראָף מיט „דער העכסטער מאָס פון סאָציאַלער פאַרטיידיקונג":

— אַף קאָטליעטן...

אַלס שטערונג צום אויספּילן דעמדאָזיקן אַרטיקל דינט די מיליציע, זי לאָזט ניט שלאָגן...

ש אָ ק ן ־ ג ע נ יי וו ע ס (געניייוועס פון שאָקן טוואָוע)... שטייט דער באַשולדיקטער:

— איך האָב דאָך... איך האב...

— לייג, נעווייל!

— איך האָב... איך האָב...

— לייג, הייסט מען דיר, די שאָקן אַף דער פור.

לייגט דער באַשולדיקטער די שאָקן אַף דער פור.

— אָנגעלייגט?.. דערלאַנג אַהער דעם „רובעל״״! לייג זיך אַפן וואָגן פונאויבן!

און מ׳טשאַוועט־צו דעם באַשולדיקטן מיט „רובעל״... הערט מען נאָר ווי די ביינדלעך קנאַקן...

— העי!.. פאָר, נעוויילע!

פיש־געניוועס (אויסלייזיקן די נעצן)...

שטייט דער באַשולדיקטער.

— טו זיך אויס!

— איך האב דאך...

— טו זיך אויס!

— טיק זיך אונטער צען מאָל נאָכאַנאַנד.

טיקט ער זיך...

— טו זיך אָן! אַהיים!

אָט די אָ שטראף ווענדט מען אָן אין פרי אין פרילינג, נאָרוואס די קריע רירט זיך. אין אַ וואַרעמע צייט פון יאָר זיינען דאָ אַנדערע מיטלען: מ׳ציילט אים אריין מיט די רודערס אָדער מיט די נעצן.

באַ שאָף־געניוועס — טוט מען אָן דעם באַשולדיקטן רויע שאָף־פענע־פעלכענס און מיט אַן אָרקעסטער פון קעסעלעך, טשאַוואונעס און אַנדערע קלייזעמער פירט מען אים דורך איבערן גאַנצן דאָרף.

באַ קאַליי־געניוועס, — דיזעלבע שטראָף, וואָס דעם פריערדיקן, נאָר אָנשטאָט שאָפנפעל באַהענגט מען אים מיט טאָרבעלעך, מיט זעק און שקאַרמיצן. מע שמירט אים אָפ מיט זשעגעכץ, מע באַשיט אים מיט צוקער, זאַלץ, קרייד.

און איבערן דאָרף.

און די קעסעלעך מיט די טשאַוואונעס האָבן נאר איין אַרבעט:

טראַם! טראַם! טראַם!

באַ הינער־געניוועס — קומט אום ניט דער באַשולדיקטער, נאָר די הון, וואס ווערט צעזעצט אַף פיץ־פיצלעך באַם באַשולדיקטן אַפן קאָפּ.

פאַר גאָרטן־געניווּעס.— קאַוועגעס־געניווועס, דיניעס־געניווועס— צאָלט מען מיט אַ שטעקן אָדער מיט אַ היי־גאָפּל... און אַלט מיטל, וועגן וועלכן דער ציגיינער האָט נאָך אַמאָל דערציילט:

— וואָס איז עס,— זאָגט ער,— פאַר אַ גאַטס אָנשיקעניש: איין מאָל אַ בליץ געטאַן און אַף דער פּלייצע האָבן זיך אָפּגעשטעלט דריי סיניאַקעס מיטאַמאָל...

דאָס האָט אים אַ בליץ געטאָן דער „דיאַדקאָ" מיטן דרייצייגערדיקן גאָפּל פּונקט אין דער רעגע, בעשאַס ס'האָט אַ בליץ געטאַן אינדרויסן...

באַ סאָד־געניווּעס— איז די שטראָף אַ „געזאַלצענע"... די ביקס פילט מען אָן מיט זאַלץ און מע שיסט „אַף צוקלוימערשט", שמאַרצט עס גאַנץ לאַנג, און ס'שמאַרצט טאַקע ניט אַף קאַטאָוועס. נאָך דעם קומען אויס סאַי באַרן, סאַי עפּל זייער געזאַלצן...

און ביכלאַל געניווּעס, ווערן מערסטנטייל באַשטראָפט מיט מע־טאָדן פון פיזישן „איינפלוס".

ציווילער קאָדעקס

אַלס אָביעקט פון ציווילע סיכסוכים, ווייזן זיך מערסטנטייל אַרויס „מעזשעס" אין פעלדער... די באַשולדיקונג שרייבט זיך דאָס מערסטע מיטן מיסט־גאָפּל אָדער מיט דער האָלאָבלע באַם באַשולדיקטן אַף די ריפּן...

אָט די קאָדעקסן הויבן שוין אָן פאַרגעסן ווערן, זיי זיינען שוין אויס מאָדע... ניט אַזוי אָפט קען מען שוין זיי באַאָבאַכטן...

פונדעסטוועגן עקזיסטירן זיי נאָך ביז היינטיקן טאָג...

און זייער אָפט פלעכטן זיי זיך איבער טאַקע מיט עמעסע ראַטן־געריכטס־קאָדעקסן...

אָבער דאַן טרעט שוין אַרויס דער „באַשולדיקטער" אַלס דער מאָנער, און דער געוועזענער „ריכטער" אַלס באַשולדיקטער...

זיצן זיצט מערסטנטייל דער געוועזענער „ריכטער".

קימאַט וואס אומזיסט...

ס׳וואָלט אַפילע עפּשער געווען אַזוי נישקאָשעדיק, אָבער ס׳טאַקע ווידעראַמאל זייער שאָפל, ווארום די ערד איז צעשטיקעוועט...

— וויפל זשע ערד האט איר?

— אַ דעסיאַטינעס אכט וועט זיין...

— ווי אַזוי זשע איז זי באַ אייך צעשטיקעוועט?

— ווייזט אויס, אַז אַף 15 שטיקער, אויב ניט מערער נאָך...

— קען דאס זיין?

נו, יאָ, איך בין אייך אומיסטן אַ באַלן אויסציילן, אויב איר ווילט. מיר האָבן אַזוי: אַף די „פלאַוונייעס"—אַ האלב דעסיאַטין, אַף „די זאַמדן" לעם פסיאל—אַ פערטל, אַף די כוטאָרעס—אנדערהאַלבן דעסיאַטין, אַף „דעם זיידנס"—אַ דעסיאַטין. הינטערן באַרג... פון יענער זייט בארג... באַם וועג פון יענער זייט וועג... הינטערן־וואַלד... פון יענער זייט וואַלד...

לעם... פון יענער זייט... הינטערן... אַף...

לעם... פון יענער זייט... הינטערן... אַף...

— נו, טאָ איז וואָס?

— נו, איז דאָס... אַף אן אכטל פון יענער זייט „באָלשאַק" פאָר־סטר אַוועק—איז געפּאַטערט אַ טאָג... ביז דו פאַרפאָרסט און ביז דו

קומסט צוריק... און ס'אַ וועֶרסט אַכט גוטע... און ס'מיט אָקסן. ביז דו פאַרפאָרסט, גייט אַוועק אַ האַלבער טאָג; ביז דו קומסט צוריק — דער טאָג... באַראַנעווען — אַ טאָג... קאָסען — אַ טאָג... פירן — אַ טאָג... און ס'איז דיר דאָך אַרום און אַרום מער ניט ווי איין אַכטל... און אַפן צווייטן אָרט... און אַפן דריטן אָרט. און איך פאַרמאָג זיי וואָסערע 15, אָט אָ די ערטער אַזעלכע.

— פאַרוואָס זשע זאָלט איר ניט דורכפירן די ערדאייננאָרדענונג?

— מ'האָט שוין געקלערט!

— נו?

— ס'האָבן זיך פאַרשריבן אַ דריטהאַלבן הונדערט מאַן.

— נו?

— און די איבעריקע ווילן ניט.

— פאַר וואָס עפּעס ווילן זיי ניט?

— וואָרום די ערד איז ניט קיין אַלצייגנע... דאָרט איז שוואַרץ־ערד, דאָ איז זאַמדיקע, דא איז ליימיקע, דאָ איז זאַלץ־ערד.

— טאָ איז וואָס?

— נו, איז ווען די ערד זאָל כאָטש זיין איינייגעם...

— באַ ערדאייננאָרדענונג...

— איז דאָך די ערד ניט קיין אַלצייגנע.

— און איר ווייסט דען ניט פון דעם נייס, אַז ס'איז ניטאָ קיין שלעכטע ערד? ס'זיינען נאר דא שלעכטע באַלעבאַטים?!

— ווי אַזוי זשע מיינט איר עס?

— אַזוי פּאָשעט... אַ ריכטיקע פעלדער־סיסטעם... באַגיטיקונג, פאַר...

— איז ווען די ערד וואָלט כאָטש זיין אַלצייגנע.

— קולטורעלע ווירטשאַפט.

— איז זיך די ערד ניט איינייגעם.

— ערדאייננאָרדענונג...

— איז דאָך די ערד ניט קיין אַלצייגנע...

— קולטורעלע ווירטשאַפט...

— איז דאָך ווען די ערד זאָל זיין איינייגעם...

— ערדאייננאָרדענונג...

— איז דאָך...

. . . .

און דעמיאַן פּיאָדאָראָוויטש זיצט דערבײַ און וויקלט זיך אַ ציגאַר טוטין:

— און נאָך־מיר־נאָך, — זאָגט ער, — איז קימאַט וואָס אומזיסט פֿלוי־דערט עס דאָ! מ׳וואָלט באַדאַרפֿט טאָן און אַ סאָף! און דאָס־אָ ווייס אַליין ניט וואָס ס׳איז פֿאַר אים בעסער, וואָס ערגער און ס׳רעדט...

און ער האָט אויסגעשפּיגן.

אין דער פינצטערער פעטער-נאַכט

בו, הילכן זיי עס אַביסל אין די פינצטערע נעכט, באַזונדערס אין די פעטער-נעכט.

אָט אַזוי אָ:

— טיו-או-או-או.

איז אט דער-אָ „טיו-או-או" רייסט אוף אַזוי ווי מיט אַ פיסטויל דאָס שוואַרצע קלייד פון דער נאַכט דער פאָלטאַוועך. און פליט ווי אַ לענטע צווישן די קושטשעס, צווישן די בוימלעך פונעם געגרייזלטן וועלדל, יאָגט דורך די לאָנקעס, דורכן פסיאָל, שפרינגט אים אַריבער, זעצט זיך אָפּ אין דעם העכערן ברעג אין זיינעם און אין אָנמאַכט פונעם זעך קערט זיך עס צוריק אום צום וועלדל און בלייבט ליגן אינעם „פאָ-דאָראָזשניק" אזוי מיד און אַזוי אָפּגעשוואַכט:

— טיו-או-או-או.

אַזוי איז עס אין די פינצטערע פעטער-נעכט.

דאָס איז דאַן, ווען אין לייענשטיבל זיינען פארהאַקט אלע לאָדן, ווען אין לייענשטיבל „לייענען" מייז אין די ביכער און באַם טיש אויבנאָן זיצט דער „דאָמאָוויק" און פירט דורך דעם פאָליט-אופקלער...

דאַן איז א מוירע צו זיין אין לייענשטיבל.

דאַן זאָל דיך גאָט היטן אַהין צו פאַרקוקן. וואָרום דארטן זיצט דער „סיקא-ליאַליאָ-וואָוואַ-כאָ" אַזאַ מוירעדיקער, אַזאַ באַוואַקסענער, אַזאַ

שוואַרצער, אַזאַ סוידעסדיקער, אַז ער פֿאַריאָגט סײַ די מוידן, סײַ די באָכערים פֿונעם לײַענשטיבל אַרויס. ער יאָגט זיי אַרויס אי פֿון שטוב, אי פֿון אַלקער, אַהין צו די קלעצער, וואָס לעם קלויסטער.

און דאָרט אױף די קלעצער שפּילט אַ האַרמאָניקע, דאָרט נעמט מען זיך פֿאַר די הענט און מ׳טופּקעט שפּאַרעוודיק מיט די פּיס, וואָרום מ׳קאָן ניט ניט־טופּקען, וואָרום מ׳קאָן ניט אײַנשטיין, ווען פֿון דער צווייזײַטיקער האַרמאָניקע שיט זיך אַזאַ לעבעדיקס:

פֿאָלקעס, פֿאָלקעס
און קאַדרעלן...

דאַן איז אין לײַענשטיבל און אין „סעלבוד" דער „דאָמאָוויק" אַ גאַנצער באַלעבאָס. ער זיצט אויסגעלייגט איבערן אויבנאָן, כיכעט־אונטער מיט שלענגלעך און לויבט דאָס פּינצטערע פּעטער־נעכטעלע דערפֿאַר, וואָס סע האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ הערשער איבער אַזאַ פּאָליט־אופקלער־אונטערנעמונג.

ער, דער „דאָמאָוויק", האָט שוין אין אַזאַ שאָ פֿאַר קיינעם ניט קיין מוירע. צו גאָרניט הערט ער זיך ניט צו, וואָרום ער ווייסט, אַז קיינער וועט ניט פֿאַרקוקן ניט אינעם לײַענשטיבל, ניט אין „סעלבוד", סײַ באַטאָג, סײַ באַנאַכט. וואָרום סײַ באַטאָג, סאַי באַנאַכט זײַנען דאָ די לאָדן שטײף פֿאַרמאַכט.

און דאָס פּינצטער פּעטער־נעכטעלע נעמט אָרום שטײף דאָס דאָרף, הערט זיך צו צו דער האַרמאָניקע, וואונקט אונטער מיט די שטערנדלעך און רעגיסטרירט איבער די פֿאָלקסגעריכטן היפּשע „אַלימענטן־איניאָנים"...

און ווען דו לייגסט זיך אַזוי אַוועק אין אַזאַ נאַכט אונטער אַ קוסטל אַפֿן וואָכקן גראָז און דו הערסט ערגעץ אַ גליקלעכן געלעכטער, און אַ האַרמאָניע הערסטו און „טיו־או־או!" און לידער, און זיפֿצן, און צוזאָגעכצן און שוואוּעס...

— און דערנאָך איז וואָס? — פֿרעגסטו זיך בײַ דער נאַכט.

— און דערנאָך איז אַ שפּייכלער — ענטפֿערט די נאַכט.

— און דערנאכדעם?

— און דערנאָכדעם גיט גאָט אַ קינד.

— און דערנאָכדעם?

— און דערנאָכדעם לאָדט מען זיך.

— און דערנאָכדעם?
— און דערנאָכדעם גיי און הער!
— וועל איך טאַקע גיין און איך וועל טאַקע הערן.

ווען דאָס פּינצטערע נעכטעלע פון פּעטריוקעלע איז שוין פון יענער זייט פּסיאָל, פון יענער זייט פּעלזן, ווען זי איז שוין אַנטלאָפן אריבער די יאַמען, אַריבער די וועלדער, אַריבער די בערג און אריבער די טאָלן, אַ דורכגעפּיטשקעטע פון דער זון, דאן לויפט איבערן דאָרף דער פאָלקס־ריכטער פונעם צענטן צירקל אין קרעמענטשוגער קרייז. עס איז אַזאַ קליינס, אַזאַ נידעריקס, אַ שוואַרצינקס, א שטילינקס און ס׳שמייכלט.

און נאָך אים, מיט אַזאַ אָ פּאַפּקע, לויפט נאָך דער סעקרעטאַר פון פאָלקסגעריכט פון צענטן צירקל אין קרעמענטשוגער קרייז...

דאַן שטייען לעם דער שטוב, וואו דאָס געריכט מישפּעט, אַסאַך פורן און ס׳זיצן אסאך מענטשן און ס׳שרייען אַסאך קינדער.

אָט אַזוי אָ שרייען זיי:

— או־אַ־או־אַ־או־אַ־או־אַ־או־אַ־או־אַ.

דאַן הוידען־אונטער די יונגע מוטערס זייערע פּיצלעך קינדער און זיי זינגען־צו.

זיי זינגען־צו ניט אַזעלכס ווי:

אַ זשוק איז געפלויגן
איבער מאַרינישטעס אויגן
און בא מאַרינען אין בויך
מאַכט ער
פּו־או־ך.
טיו־או־או־או!

אַזעלכס זינגען גאָר אף די קלעצער די צוקונפטיקע מאַמעס.
און לעם געריכט אפן גאניק זינגען זיי אַנדערש:

אוי, קעצעלע, קעצעלע,
קריך ניט אַפן קלעצעלע,
דו וועסט דאָס קעפּעלע צעשלאגן,

וועט ניט זיין ווער ס'זאָל פאַרטראָגן,
וועט ניט זיין מיט וואס מ'זאָל היילן
דאָס קינדעלע דאס וואוילע,
אַ־אַ־אַ. אַ־אַ־אַ.

און ס'גייען ארויס דער ריכטער מיט די פּאָלקס־ביזיצער און זיי זעצן זיך צום רויטן טיש...

דאַן הערט אונטער דער ווינט די טאַינעס אי דעם טאַטנס, אי דער מאַמעס און שפּרינגט ארויס דורכן פענצטער און פליט דורך די וועלדער, דורך די פעלדער, דורך די טייכן, דורך די יאַמען, דורך די בערג און די טאָלן, און דערציילט אויס דעם פינצטער פּעטער־נעכטעלע נאָך דער פּעטריווקעלע און זי קייכט פאר געלעכטער. טאַנצן ארויס אַף דעם טשומאצקן וועג די שטערן און טאַנצנדיק זינגען זיי צו:

— אָט דאס וועט איר וויסן פאַרמאַכן די לאָדן אין לייענשטיבל. אָט דאס וועט איר וויסן.

און דער ווינט גיט איבער דעם פינצטער פּעטער־נעכטעלע:

האט זיך דער ריכטער אָנגערופן:

— מארינא פּאלאווענקאָ און הריצקאָ הנידענקאָ! גייט צו אַהער נענטער צום טיש. איידעס גייט אויך אַהער... דערציילט, מארינע, ווי איז עס פאָרגעקומען... ווען ט'איר זיך צונויפגעטראָפן, וואו, ווי אזוי און צוליב וואָס... אין געריכט דאַרף מען זאָגן עמעס. פאַר ליגן וועט איר באשטראָפט ווערן לויטן געזעץ. געדענקט זשע עס אלע: אי די איידעס, אי די, וואס לאָדן זיך. מ'דארף זאָגן נאר דעם עמעס. דערויף ווערן באַ אייך גענומען אַפילע כסימעס... נו, מאַרינע, דערציילט...

און מאַרינע,—די פּאטשיילקע האט זיך שוין באַ איר אַראָפּגערוקט אַריבער די אויגן און אין די הענט דרייט זי אַ ברעג פארטעך...

— וואָס זשע איז דא פאראן וואָס צו דערציילן... מ'האָט פארבראכט. אַף די קלעצער, אפן גאַס ט'מען פארבראכט... ער האָט זיך געשאַדכנט... איז אומגעגאנגען אין קאַמער אריין שלאָפן... אינאָנהויב איז ער געשלאָפן „לייטיש” און דערנאָך האט ער גענומען איינריידן, און ער זאגט: איך וועל דיך נעמען... דערנאָך, אַז ס'איז געקומען די „לאַגע”, האט ער אופגעהערט גיין... ער קוקט ניט אינעם ווינקל... און

דערנאָך איז געבאָרן געוואָרן דאָס קינד... דער טאַטע מיט דער מאַמען טרייבן פון שטוב... ארבעטן מיט אַ קינד אַף די הענט איז ניטאָ קיין שום מעגלעכקייט... איך בעט צו־מישפּעטן, ער זאָל זיך לאָזן קאָסטן אפן קינד.

— איז אַלץ, וואָס איר זאָגט, עמעס?

— עמעס...

— און איצט דערציילט, הריצקאָ, איר.

— ס'אַלץ אַ ליגן... גיין בין איך געגאַנגען... דאָס איז עמעס. נאָר ס'זאָל עפּעס זיין אַזעלכס, איז ניט... דאָס רעדט זי נאָר אַף מיר אָן. צו איר זיינען אַסאַך אומגעגאַנגען, זי איז געשלאָפן מיט אַסאַך און דערנאָך האָט זי גענומען און אַלץ אַף מיר אַרופגעלייגט... איך בין ניט שולדיק... איך האָב פאַרבראָכט, ווי אַלע ייִנגלעך פאַרברענגען מיט מיידלעך. זי האָט זיך ערגעץ אָנגעפּרעגט אַ ציאַצקע, איצט שלעפּט זי מיך אום אין די געריכטן.

דער ווינט דערציילט דאָס דעם פינצטער פּעטער־נעכטעלע און דאָס נעכטעלע קוועלט און די שטערנדלעך טאַנצן:

— וועט איר ווייטער וויסן פאַרמאַכן דאָס לייענשטיבל, פאַרהאַקן די לאָדן, וועט איר ווייטער וויסן...

און דער ווינט דערציילט:

— דערנאָך זאָגן־איידעס די איידעס...

איינע גיסן מיעסקייט אַף מאַרינעס קאָפּ און די אַנדערע — אַף הריצקעס קאָפּ...

איינע כאַפּן די ערד, אַז מאַרינע איז „ציאַציע" און הריצקאָ „קאַקע" און אַנדערע — אַז הריצקאָ איז אַ מאַלעך און מאַרינע — אַ טייוול... קוקט מאַרינע צו דער ערד און פינטלט מיט דער ברעם, און הריצקאָ קוקט אָן אַ זייט און שמאָרעט מיט דער נאָז. מאַרינע איז אַלט 18, הריצקע — 20... און די טאַטעס זיצן אַף די בענק און הערן זיך גוט צו...

און שטאַרק קוקט זיך צו צו איטלעכן דער ריכטער און ס'כאַפּן אויך אַ קוק די פאָלקס־בייזיצער:

— ווער פון אייך פּוצט דאָ ליגנס און ווער זאָגט דעם עמעס?

— געגאַנגען?

— געגאנגען!
— געשלאָפן אין שייער?
— געשלאָפן, ס'איז אָבער גאָרניט געווען. וואס איז? ס'דען נאָר איך איינער בין אַהין געגאנגען? אַסאך זיינען געגאנגען.
— ווער איז געגאנגען?
— איך קען זיך דען אָנגעדענקען ווער ס'איז געגאנגען? מ'איז געגאנגען.
— ווען איז דאס קינד געבארן געוואָרן?..
— פאר פייסעך.
— ווען ביסטו געגאנגען?..
— נו, איך ווייס? זומער בין איך געגאנגען...
— ביזוואנען איז ער צו דיר געגאנגען?
— ער איז געגאנגען, אפילע העט נאָך פּאָקראָווע איז ער נאָך געגאנגען... און דערנאָך, אַז ער האט זיך דערוואוסט, האט ער געכאפּט און אופגעהערט...

. . . .

„... זיבן קאַרבן אַ כוידעש ביז 18 יאָר"
— איר זייט פריי.

. . . .

און ס'לאַכט דאס פינצטער נעכטעלע דאס טאמוזדיקע און סע שפּרינגען אונטער די גאָלדענע שטערן...

. . . .

און אין לייענשטיבל לייענען מייז אין די ביכער און דער „דאָמאָוויק" אליין קנאקט אַ לעקציע אַף דער טעמע:
„געשלעכט-לעבן"... „געשלעכט ניט אַף קאַטאָוועס, נאָר לויטן טאָך".

דער וועג צום סאָציאַליזם

איר מעגט זיך דאַפקע לאַכן וויפל דאָס האַרץ אייערס גלוסט, אָבער אונדז מאַכט עס ניט אויס. ווארום ס'איז פונדעסטוועגן אַ „וועג".

און דאַפקע „צום סאָציאַליזם"

און דאַפקע מיר, מאַנוילאָווקער, גייען דורך אים.

עפּשער גייען מיר זייער פּאַוואָליע, אַמאָל פאַרטשעפּען מיר זיך און ווערן געשטרויכלט, אָבער מיר גייען פונדעסטוועגן ... און מיר פאַרגייען ...

אַף דעם אָ וועג אפן „סאָציאַליסטישן", שטייט אַ שטוב מיט שטרוי געדעקט. אַן אַלטינקע שטוב שוין... און איבער דער אָ שטוב איז מיט רויטע אויסיעס אָנגעשריבן:

> דורך קאָאָפּעראַציע און
> בילדונג צום סאָציאַליזם
> ערשטע קלייט פון מ־ער גע־
> ברויכס־געזעלשאַפט, קרעמענ־
> טשוגער ראיסאָיוז

אָט אין דער אָ שטוב טאַקע, וואו מאַרינע שטייט פאַר דער „סטאָי־קע, וואו ס'ליגן אַף די פּאָליצעס קנעפּלעך, לעדער, קאַפּקעס, קאָסעס, טעפּ, ציץ, קאָנפעטן, אייער, עמערס, נאָדלען, צוויעבעס „קרעם־מאַקעדאָן"

לעקעכלעך, הירזש, גרויפּן, און אונטער די פּאָליצעס — הערינג, זשע־גבעכן, גאזע, אָכנאליעס. און אַף די ווענט „טשרעסידעלניקעס", נאריט־ניקעס, שלייעס, סופּאָניעס, כאָמוטעס. אָט אין דעם אָ, זאָג איך, שטיבל בויען מיר דעם סאָציאַליזם...

מיר קאָאָפּערירן זיך דאָרט.

אַף דעם אָ וועג קלייבן מיר זיך, מיר פּארויכערן צו ביסלעך, מיר פּארברענגען און מיר פירן שמועסן:

— פאר וואָס קומט עס בא אונדז ארויס טייערלעך אזוי?

— און ווען מ'זאָל אזוי אָ מאַכן, וואָלט עס עפּשער געווען בעסער?

און אַן אַנדערש מאל טרייבן מיר דאָרט גלאַט קאַטאָוועס...

— אָט אָ לייג איך אנידער דעם בייגל אַפן דיל און דו עס אים אוף, נאָר מיט הענט זיך אין אים ניט אָנרירן! ווערסטו אופעסן?

— איך וועל אופעסן!

— ביטע! שענקט מען דיר דעם בייגל. און טאָמער ניט, קויפסטו מיר אָפּ דערפאר אַ צווייטן בייגל...

— איך נעם זיך אונטער!

און מ'לייגט אַוועק אַפן דיל אַ בייגל און א מענטש ציט זיך אויס איבער אים אין זיין גאַנצער לענג און הויבט אָן כאַפּן דעם בייגל מיט די ליפּן און פּלייסט זיך אופעסן, ער זאָל זיך מיט די הענט צו אים ניט צורירן.

עסט ער אוף — איז דער בייגל זיינער.

עלע ניט — קויף אָפּ, זיי מויכל, אַ בייגל.

און ארום שטייען מיר אַלע און קוקן, און קלייבן פארגעניגן.

און אויב ניט, קענען מיר נאָך אַרויסקלאַפּן צוקערקעס.

אָט אָ שטעלט איין. לייגט אַוועק אַ צוקערקע אַף דער באַנק און אַף דער צוקערקע נאָך איינע.

און גיט אַ פּיק די ערשטע, אַז די צווייטע זאָל בלייבן ליגן אפן אָרט, — כאַפּט איר א „פּערטעלע".

און אויב איר וועט עס ניט מאַכן, איז מיר א „פּערטעלע".

מיר פארנעמען זיך מיט אַזעלכס פרילינגצייט, בעשאַס ס'איז שוין אַלץ פאַרזייט און קאָסען איז נאָך פרי, אָדער אין האַרבסט, ווען מיר האָבן זיך שוין אַביסל ארומגעדראשן, איז כאָטש דער טאָג איז אפילע א

קורצער, אָבער ס'איז אומעטיק... דאַן פּראַווען מיר קאַטאָוועס אַפן „וועג"...

דער „וועג" אונדזערער איז ניט פון די גרינגינקע, ווייל מיר האָבן זיך נאָך צו אים ניט צוגעוואוינט.

נאָר אַ קליינער טייל פון אונדז האט זיך שוין איבערצייגט, אַז אָן אים איז שווער צו לעבן, אַז אָן אים וועט דער דאַלעס אַריינקריכן אין די ביינער אַריין, האָבן זיי זיך צו אים אַ נעם געטאָן... און מ'גייט: און נאָך אָט דעם קליינעם טיילכל וועלן מיר שוין אַלע גיין.

וואַרט נאָך אויס אַ ווײַלע, מירן גיין, מירן אומבאַדינגט גיין!

און אפילו איצט האָבן מיר שוין מיט וואָס זיך צו באַרימען.

קיין פּריוואַטע קרעמער זיינען שוין באַ אונדז אין דאָרף ניטאָ, ניטאָ אַפילו אַף קיין רעפּוע. קויפן, קויפן מיר אַלץ נאָר אינעם „וועג"... און מיר אַליין ווענדן זיך ניט צו קיינע שום פּריוואַטע און נאָר אין דער „ראַיספּילקע" אין אונדזערער.

וואָרום מיר ווייסן:

„אין איינינקייט איז די קראַפט".

וועלן מיר שוין פון „וועג" ניט אָפּקערן, און מיר קלערן אַפילו ניט אָפּקערן...

וואָס עמעס איז עמעס, אַף קיין אַווטאָס פאָרן מיר ניט, קיין קאַבינעטן האָבן מיר נאָך ניט. אַזוי פאַרגייט צו אונדז יעדערער, ווער ס'דאַרף נאָר, אָן אַ „דאָקלאַד" און קיינע „דאָקלאַדן" נעמען מיר ניט צו.

באַ אונדז איז פּאָשעט:

— דו, דעמיד, אַז וועסט שיקן קיין קרעמענטשוג, טאָ זע פאַרגעס ניט די צאַפּנס.

— פאַרשריבן.

— און א דוהע זאָלן זיי דאָרטן אָנקוקן, וואָרום איך האָב מוירע, עפּעס מיינע קען נאָך מיר אינמיטנדרינען אָפּזאָגן די עטלעכע גילן.

— מירן פאַרשרייבן א דוהע אויך.

דעמיד מיכאַילאָוויטש—דאָס איז דער פּאָרזיצער פון פאַרוואַלטונג. ניט אין קיין קאַבינעט זיצט ער, נאָר אַף דער באַנק זיך אָנגעבויגן און רויכערט אַ ציגאַר. און אַ קאַפּעליוש טראָגט ער א ברייטן, אין ווייסע הויזן און באָרוועס גייט ער...

נאָר ס'מאַכט ניט אויס:

— צוויי טויזנטער אומזאַץ נאָך מיט א שמיטשיק האָבן מיר היינטיקן כוידעש דורכגעמאַכט... מיר וואַקסן צו קאַפּיטשקעלעך!

און דעניס אנטאָנאָוויטש איז דער קאַזנאַטשיי. אין די ציין האַלט ער א זינקיוועד פּיפּקע און די געלט זיינען אין בייטל...

קיין אייזערנע פייערקאַסע האט ער ניט, נאָר אַ בייטל איז בא אים אַזאַ, אַז דו וועסט מיט קיינע געהאַרטעוועטע עגבויערס אים ניט דורכ־בויערן... דער בייטל פאַרבינדט זיך פעסט...

— אַן אָרדער!

איז טאַקע נאָר דער אָרדער דערדאָזיקער קאָן זיך צו אים דערקלייבן, צום בייטל.

אויב ניט...

— קוים דערלעבט?!

אַנדריי וואַסיליעוויטש „פאַרוואַלטעט מיטן טראַנספּאָרט־אָפּעראַטיוון אָפּטייל".

ער שאַפט זיך ניט מיט קיין מאסע־אַוטאָמאָבילן, נאָר מיטן הניאַדן... און קיין טעלעפאָן איז לעם אים ניטאָ און קיינע שום אַגענטן, נאָר ער אַליין זיצט לעם קאַסטן און לייגט צונויף די אייער.

— מאָרגן פאָרט מען אין שטאָט!

אָט אָ זע, דידאָזיקע פירן אונדז אָן אַפן „וועג".

און מאַרינאַ גיט אונטער כיישעק...

זי שטייט פאַר דער „סטאָיקע" אַ נידעריטשקע אַזאַ, אַ ווייסינקע, אין אַ פאַטשיילקעלע.

— איר וואָלט אָט־דאָס אָ אָנגענומען, — זאָגט זי, — אף אַ קליידל. ס'פאַסט אייך זייער. און פאַר שטאַרקייט איז שוין אָפּגערעדט!

— ווי טייער זשע איז עס?

— פינף און פערציק. נעמט, זאָג איך אייך, איר וועט קיין כאַראָטע ניט האָבן.

אָט אַזאַ איז ער, אונדזער „וועג".
אַ גריבערדיקער, וועט איר זאָגן?

נישקאָשע! ער איז א שטילער, אַ נעבעכדיקער! ער איז אויסגע־כאַפּט אין פּיל ערטער, און אַמאָל קומט אויס, אפילע דורכן געדיכטסטן וואַלד . . .

פונדעסטוועגן גייען מיר מיט אים און מירן נאָך גיין.

וואוהין?

„מיר וייסן שוין וואוהין!"

„דאָס געטלעכע“

„דאס געטלעכע“ איז אַפן באַרג אַף דעם הויכן... נענטער צום „אַל־מעכטיקן“.

פאָרנדיק אַפן וועג פון פאָלטאַווע קיין קרעמענטשוג, איז לינקס לעם דער סטאַנציע קאזעלשטשינע באַוואָקסן געוואָרן איינס א הויך בערגל מיט קלויסטערס און מיט מאָנאַכן־שטיבלעך, און פון אַלע פיר עקן זעט זיך ארויס אָט דאָס „געטלעכע“ אָרט צווישן די פרייע קרעמענטשוגער סטעפּעס, אַף אַ גאַנץ ווייטן מעהאַלעך...

מיט דעם גיט דער קאזעלשטשינער פרויען־מאָנאַסטיר אָנצוהערן די פּראַוואָסלאַווגע, ווי אזוי מ'זאָל דערשפּרינגען גיכער צום הימלשן לעבן, וואו דו וועסט אין גאנײדן שפּאצירן, מאַלאָכישע טענץ טאָן פירן, גאַניידן־עפּל עסן, און אין ערדישן אומרעכט פאַרגעסן...

דאָס איז זייער א בארימטער מאָנאַסטיר. אַ באַלמויפּעס עפּשער דער גרעסטער פון אַלע, וואָס זיינען אַמאָל געווען אין פּאָלטאַווער געגנט, דערפאַר, וואָס דאָרט געפינט זיך די קאזעלשטשינער „באָזשע־מאַטי“, וואָס פלעג היילן און לערנען, און מאַכן פון קרום — גלייך, פון אָרעם — רייך א. אז״וו א. אז״וו.

זייער גוטע מאָפּסים האט זי געפראַוועט, אָט די איקאָנע. וואָרום זי האָט פאַר זיך אָנגעשאַפן גרויסע הייזער, מילן, אייל־מילן, סעדער,

בעהיימעס, פערד, אלערליי אויפעס און דעסיאַטינעס, דעסיאַטינעס... דע־סיאַטינעס...

זיי האָבן ארומגעוויקלט די דעסיאַטינעס מיט סטעפּ סטעפּעדיקן, זיי האָבן אָט די אָ קליינינקע אַלטינקע, שוואַרצינקע איקאָנע מיט דימענטן און מיט גוטע שטיינער זי ארומגערינגלט. און זי, די אַלטינקע, האט צווישן אָט די אָ סטעפּעס געשמעקט מיט וויירעך, געשיינט מיט וועק־סענער שיין, געבויגן די פּראַוואָסלאַוונע לייט אף די קני זייערע די אָנ־געהאָרעוועטע...

פלעגן זיי זיך שטעלן, די פּראַוואָסלאַוונע, אף די קניעלעך, מיטן גע־קנייטשטן שטערן געטויטשעט די ערד און דערנאָך פלעגן די פּארמוליעטע הענט פאנאנדערוויקלען דאס פאטשיילקעלע, אדער פאנאנדערקנעפּלען דעם בוזעם, אַרויסשלעפּן פונדאָרט א פּערציקער אדער א האַלב־רובל און אריינוואַרפן דער וואונדער־שאַפערן.

— אף וואונדער!

— אַף מאָפּסים!

— פאַר די לעבעדיקע!

— פאַר די טויטע!

און די באַלמויפעסטע האט די האַלבע רובלען געזאמלט, געשאפן מאָפּסים און יעדער יאָר צוגעשיינט אדער מיט א פרישן דימענט, אדער מיט פרישע דעסיאטינעס.

אַזאַ קליינינקע, שוואַרצינקע, אַלטינקע...

פון דעם האט זיך עס, מיין טייערינקער, אָנגעהויבן.

אַמאָל האָט דאָ געלעבט דער גראַף קאפּניסט. אָט די אָ „סלאָ־באָדע" איז נאָך אף דער וועלט ניט געווען! און באם גראף קאפּניסט איז געווען אַ טעכטערל אַן איינאיינציקע. אַ ש־שיינע איז זי, מיין טייערער דאָס טעכטערל געווען, און אַ גראַטענע... איז זי פאַרשלאַפּט געוואָרן, ניט דאָ געדאַכט, די גראַפּיניע, אף א קרענק אַף א שווערער, ניט געקענט נעבעך זיך שטעלן אף די פיסעלעך, א פויגעלע אזא. האט מען זי עס אומגעפירט אביסל צו דאקטוירים, וואו די וועלט נאָר האָט אַן עק, אי קיין אויסלאַנד האט מען זי אומגעפירט, אי קיין פּייטערבאַרג, אי קיין פּאָלטאַווע, — ס'העלפט זיך איר ניט, דער גרעפן... און ס'שוין איר

גאר געוואָרן שאָפל... אָן עק, אַ סאָף, זי שטאַרבט נעבעך, זי גייט אויס פאַר די אויגן... און דענסטמאָל האט זי זיך אָנגערופן צו אירע נאָענטע פריינט:

— דערלאַנגט מיר אַהער, — זאָגט זי — די איקאָנע, אָן־יענע, איך וועל אָנרירן אין איר מיינע ליפּן און שוין שטאַרבן!

האָט מען איר דערלאַנגט די איקאָנע, וואָס איז געהאַנגען דאָרט באַם גראַף אין שטוב, האט זי זיך איבערגעצייילעמט און זיך אָנגערירט. און וואָס מיינט איר? — זי האט באַקומען די רעפּוע!..

די פּיס האָבן טאַקע טייקעף גענומען אַרבעטן...

— אַזוי אַ מיטאַמאָל, באַבינקע, האָבן זיי גענומען אַרבעטן?

— אַזוי אַ מיטאַמאָל, מיין טייערינקער, האָבן זיי גענומען אַרבעטן. און פון דענסטמאָל אָן זיינען אַוועק די מאָפּסים, אי געזעענע, אי אומ־געזעענע, אַלערליי מאָפּסים האָבן זיך גענומען ווייזן... האט מען אַ מאָנאַסטיר אויסגעבויט... און מ'פאָרט אַהין... מ'פאָרט אַהין אַלע יאָר... און זי, די קאָשערע, הענגט און שאַפט מאָפּסים...

— און ביזקעלע היינטיקן טאָג שאַפט זי זיי?

— ניין, מיין לעבן, איצט איז דען אַזאַ צייט?! מ'האט אָפּגענומען די ערד, מ'האט די אַכסאַניעס צוגענומען!..

— איז זי בערויגעז געוואָרן אָדער וואָס?

— ווייזט אויס בערויגעז... דערבאַרעם זיך אויף אונדז, הערשערן אין הימל, אַ קאָשערע פאַרטיידיקערן זאָלסטו פאַר אונדז דאָרט זיין...

— נו, דאַוונט, באַבענקע, דאַוונט.

— איך האָב אַנומלטן געפירט האָלץ אין דעם אַ מאָנאַסטיר אַריין...

ס'נאָך געווען פאַרן אַלטן רעזשים... איצטער זיינען זיי שוין ניט די... און דעמאָלט, אַז זי פלעג אַרויסגיין, איז אָט די אַ יאַרמולקע, וואָס באַ איר אויפן קאָפּ, פלעג זי אַזש ביזן גאַרטל דערלאַנגען... ווי אַזוי האט זי עס געהייסן, וואָלט איך אַ באַלן זיין זיך דערמאַנען... דוכט זיך, מאַניע, אָדער וואָס!.. אַ מין שוואַרצע! אַ מין גלאַנצן! אַ זיידענע! און אַ פּיסק אַן אָפּגעגאָסענער, און אין די קרייזשעס — אָט אַזאַ אָ!.. ליגן מיר, הייסט עס, צונויף דאָס האָלץ און זי שטייט איבער דער נע־

שאַמע און גיט אכטונג, מ׳זאָל געדיכט לייגן די „פּאָלינעס". דא גליסט זיך ס׳זאָל זיין מער קלאפּטער, וואָלט מען דאַרפן לייגן שיטערלעך, און זי:

— גאטס קנעכטעלעך! ניט גוט לייגט איר, לייגט איבער פונדאסנײ.

ווי אזוי זשע—קלער איך זיך — ווערט מען דאָ פון דער מעכאשײפע אויסגעלייזט... מיר לייגן און זי שטייט איבער דער נעשאָמע... רוף איך זיך אָן צו איוואנען:

— ווי אַזוי זשע, האב דיר אזוי און אזוי און אזוי, לייגסטו דארט. לייג, האָב דיר אהער און אהער, געדיכטער אביסל! דו זעסט ניט, אַז די „מאטושקע", ארייננעפלויגן זאל דיר ווערן אהין און אהין, איז ניט צו־פרידן.

— גאטס קנעכטעלע, — מאכט זי צו מיר — צי דען מעג מען אזא ניוול־פּע פון מויל אַרויסלאזן!? ס׳איז דאך א גרויסע זינד!..

— טאָ כאפּט אים טאַם־טאַראראם מיט דער זינד דאָרט! מיר ארבעטן צוליבן הייליקן מאנאסטיר וועגן, און ער, אַ דאס אים אין יענץ אריין, לייגט אזוי, ווי ער האט דריי טעג ניט געגעסן!

דאָ האט זי שוין ניט געמאכט קיין טאך שהיעס, האט גיכער פארקליבן די ראַסע און איז אַוועק מיט די געדאנקען. האט מען שוין זי מער ניט געזען...

. . . .

און מאָפּסים האט זי געוויזן, די גאָטס מאַמע, אויסגעצייכנט... פון דער סאָוועטסקער וולאַסט וועגן האט זי געשאַפן אירע מאָפּ־סים...

אין די געמויערמע הייזער, וואָס ס׳רינגלען ארום דעם קלויסטער, געפינען זיך איצט דער ראַי־אויספּירקאָם, דאָס פאָלקסגעריכט, „דער „סעלבוד", די ארבעטשול...

פארט נעענטער צום הימלשן קעניגרייך...

און די הייזער זיינען גוטע. ווען פונקט אויסהאלטן ביז מאָשיעכס צייטן...

„מאָפּסים" מאמאָשעסדיקע, פעסטע...

דער קלויסטער גופא איז אויך אַ פעסטער... אַ שטיינערנער... זיי שטייען נאָך אַף די קניעלעך לעם קלויסטער, די „באַפרייטע פרויען", און בוקן זיך, אזש דער שטערן טרישטשעט.

און מ'ציילעמט זיך לעם די קוואָרים, וואו

דאָ רוט די איגומעניע אַגניע

און אַפּן בייסוילעם לעם די מויערן שטייט אונטער בערעסט א קיי־ווערל פון דער ערשטער פראָטעסטאַנטקע, וואס איז אופגעשטאַנען קעגן דעם „אָפּיום פאַרן פאָלק".

אַפּן ציילעם באַ איר איז אָנגעשריבן:

דאָ רוט . . . . פון אַ האָפענונגסלאָזער קרענק... זאָל איר נעשאָמע פריי זיין...

דאס האָט זיך אַ יונגע מאָנאַשקע אופגעהאנגען...

זי האט געוואָלט אוועק פונעם מאנאסטיר, אַלס פראָטעסט קעגן אַלע מאָפּסים, וואס האבן זיך דארט געשאַפן...

אָבער זי איז אַוועק אַ יונגע פון דער וועלט, ווען זי האָט מיט ענגן שלייף דעם האלדז פארוואָרגן...

ווארום איר, „באָזשע־מאַטי", האט זי פארשפאַרט פון יענער זייט גראַטן, זי דערקלערט פאר אַ מעשוגענער און זי דערוואָרגן.

זי איז אַ גרויסער באַלראכמים, די „באָזשע מאטי"... נאָר זי קען צאָרענען אויך...

און דעריבער איז „דאָ רוט"...

. . . .

איצטער טרעפן זיך ווינציקער מאָפּסים אינעם קאזעלשטשינער מאנא־סטיר. די ערד האט מען צוגענומען. און אָן ערד, ווי אויך אָן געלט איז שווער צו פראווען מאָפּסים...

פונדעסטוועגן סטאַיען נאָך באַם „איבערשטן“ קויכעס אַף אויסהאַלטן 300 מאַן „קריסטוסעס שוועסטער“, און אויסהאַלטן, כאָטש „געמיין“ אָבער אזוי, אז מ'זאָל נאָך פונדעסטוועגן קענען די לויב צום אַלמעכטיקן הויבן אַף אַ הויכן, שטאַרקן קאָל, און וואָס אָפטער ארויסשפּרינגען פון יענער זייט געמויערטן הויף און ציטערנדיק זיך פעסט-פעסט אַרומכאַפּן מיט אַ יונגן פאַרובאָק...

דערויף קלעקט נאָך די וואונדערבאַרע קראַפט... אַף דעסיאַטינעס, אַף דימענטן איז שוין ניט שאַיעך צו ריידן, דערויף קלעקט שוין ניט...

. . . .

סע שמעקט מיט ווייַרעך לעם מאָנאַסטיר.
אזוי ווי פון אַ געשטאָרבענעם.
דו קריכסט נאָר ארום און זוכסט דעם אָנשריפט:

דאָ רוט דער הייליקער מאָנאַסטיר

„לעריגיע"

ס'העלפט ניט, מיין טייערער, קיין מאיסעס: אַ גאָט איז דאָ.
איך וועל זיך דיר ניט נעמען פאַר איך וויס וואו, נאר דאָ, אין מאַ־נוילאָווקע איז פאַראַן א גאט.

אָן־אָ, אַפילע דער קלויסטער, וואס אינמיטן פלאַץ, און אָן־אָ אינעם קלויסטער אין דעמדאָזיקן, וואס ס'באָמקעט עמעצער דאָרט אין די גלע־קער...

פון וועמעס זשע וועגן, מיינט איר, איז ער, דער קלויסטער?
— פון גאטס וועגן.

צו וועמען אָט אָ קלינגט עס אַ מענטש אין אַלע גלעקער?
— צו גאָט...

אנו, ווער, מיינט איר, שפאַנט עס איבערן פלאַץ אין אַ ווייסן קאַפע־ליוש, אין אַ ווייסן פינדזשאַק און אין שוואַרצע אַזעלכע הויזן?

אין האנט בא אים — אַ שטעקן און ער שפאַנט מיט אַזאַ כשיוועס, אַז אַפילע די שאָף האבן זיך אופגעשלאָגן אין איין קוטשע?.. ווער זאָל עס, מיינט איר, קענען זיין?
דאָס איז דער דיאַק.

באַ וועמען, מיינט איר, הענגט אָן־אָ פון קעשענע ארויס אַ זאַק פאר „פאלאניציעס" און אייער?
— באַם דיאַק.

און אָט אָ פּונהינטן נאָכן דיאַק, ווער אַזוינער רוקט זיך עס? עפּעס אַזוי ווי אין אַ קליידל גייט ער און האָר בא אים גרויע און לאַנגע. ווער זאָל עס זיין?

— דאס איז דער גאַלעך...

איצט גיי זאָג, אז ס'ניטאָ קיין גאָט אַף דער וועלט.

אַ גאט איז דא.

צו וועמען, מיינט איר, גייען עס אָט אָ די אַלטע לייט, די זיידעס מיט די באָבעס טפילע טאָן אין קלויסטער?

— צו גאָט...

און ווען ס'ניטאָ קיין גאָט, וואָלטן זיי אויך דעמאָלט געגאַנגען אין קלויסטער אריין?

— ניין.

. . . .

מ'זאָל זאגן, אז איך נויטיק זיך אין דעם, איז אַפילע ניט זייער. אָבער ווי אַזוי וועסטו זיך אָן אים באגיין?..

. . . .

— איך, דעם עמעס זאָגן, האב שוין אפילע פאַרגעסן ווען איך בין לעם אים געווען, אָבער וואס וועסטו מיט אים מאַכן? זאָל ער שטיין.— וואָס איז, ער מאַכט מיר דען עפּעס קאַליע?.. איך האָב מיט אים ניט קיין געשעפטן... דאָס איז זי, נאר דאס ווייב, האט נאך אַביסל צוטאָן. נאר איך, מיר איז שוין קיין נאַפּקעמינע ניט, צי ער איז דא, צי ניטאָ... כוץ פאַסטן. פאסטן, דאס איז שוין ניט שאיעך, פאַסטן פאסט איך... כאטש, אז מע וויל זאָגן, דארף דאָך אַ גאַלעך אויך האבן עפּעס וואס צו עסן. טאָ זאל ער עסן. ווערים זאָלן אים עסן!..

. . . .

— וועמען איך קען ניט פאַרליידן, דאָס זיינען די גאלאָכים... גיב זיי און גיב זיי, און גיב, און גיב. ווען וועט שוין צו דעם נעמען אַ סאָף... אַ לעכערדיקן זאַק וועסטו גאר קיינמאָל ניט אָנשטאָפּן... גיי זשע ניט אַוועק, איוואַן, פון הויף אין ערגעץ. איך וועל נאר אַ לויף טאָן צום קלויסטער, איבערציילעמען דעם שטערן, וואָרום איך געדענק שוין גאָרניט, ווען איך בין דאָרט געוועז...

. . . .

איז א גאט, ווי איר זעט, טאַקע דאָ, וואָרום „איך האב מיט אים ניט קיין געשעפטן" און „עפּעס דארפן זיי דאָך עסן, די גאַלאָכים".

ווען ס'וואָלט ניט זיין קיין גאט, טאָ וואס וואלטן דאן די גאַלאָכים געגעסן? קוים האָדעוועט ער, איז אַ סימען, אז ס'איז דאָ.

און ער האָדעוועט, געלויבט איז זיין נאמען, ניט שלעכט.

כאָטש איצטער, קען מען זאגן, זיינען זיי אַביסל פארמינערט געווארן... אָט אָ האט ער געבראכט פאר גאַנצע צוויי וואָכן אַ האלבּ צענדליק פּאַלאַניציעס און דריי אייער... און שוין... ס'גלאַט, וואס איצט איז נאך ניט דער „סעזאָנט"... — ניט מיט קיין טפילע וועסטו איצט גיין, ניט מיט קיין האַזקאָרע...

אָט אָ אַף „פּאָסט" און יאָמטויווים - צייט — דאן איז נישקאָשע, דאן איז פּאַראַן וואס צו נעמען אין מויל אריין... און איצט איז עס שמור־טשיקלעך...

אַמאָל האט זיך עס אביסל געטאָן, או - הי - הי! זיי האבן געלעבט אַ טאָג און זיך געבאָדן אין סמעטענע. נאר איצט איז שוין ניט דאס, ס'זיינען אַנדערע מענטשן אַוועק.

ס'איז אפילע נאך איצט אויך, אַז ער פארט אַוועק אַף די כוטאָרעס, ברענגט ער צו פירן אַ פולן וואגן...

— עמעס, עמעס - עמעס... די כוטארעס זיינען אַזעלכע... זיי גיבן. מיר אבער, שוין ניט זייער...

אַ גאט איז דאָ!

קוים ס'דאָ אַ פולער וואגן, איז א סימען, אַז אַ גאָט איז דאָ.

און אויב ס'זיינען דא פורן מיט עסן, איז אַ סימען, אז מ'קען נאָך לעבן, און אויב מע קען גאָך לעבן, איז טאקע א סימען, אז א גאט איז דאָ. וואָרום ווער דען גיט דען דאס לעבן אַף דער ערד?

— גאָט...

ס'איז „פארמינערט" געווארן אביסל. מאכט ניט אויס, וואס ס'איז פארמינערט געווארן...

דאס לעבן איז ברייט, דאָס לעבן פארמאגט נאך אַפן פאַפּאָראָט אַזעלכע מינים סצענעס:

— איצט זאָגט, בירגערן, צי האט איר בעעמעס מעזאַנע געווען מיטן פאטער טעכעפּענטי? צי איז עס ריכטיק, וואס מ'פּלעשטשעט אָן - אָ אַפן

דאָרף, אַז זיי, דער פאטער טעכעפעגטי, האבן מיט אייך געבראַכט אַ קינד אף דער וועלט?

דאס איז דער קלויסטער־סטאַראָסטע אזוי. ס׳ער פרעגט עס אויס די בירגערן פאר גאנץ קאָהעל אין די אויגן... און הינטער אים, הינטערן סטאראָסטא, שטייט נעבעך דער גאלעך אליין אין דער „ריזע" און מיטן ציילעם אין דער האנט.

— דאָך ניין!... אַי, איך ווייס דארטן זייער?

— איצט זעט איר שוין, ברידער, ווי אַזוי בייזע צינגער באריידן אונדזער הייליקן פאטער. איצט זעט איר שוין, ברידער, ווי נידערטרעכטיקע ווילן אונטערייסן אונדזער גלויבן דעם קריסטלעכן.

לאָמיר טפילע טאָן, ברידער, אז גאט דער בארעמהארציקער זאָל אָפּפירן פון אונדז דעם פארקרימטן שלאנג דעמדאזיקן...

און די „ברידער" שושקען זיך אונטער איינער מיטן צווייטן:

— ערשט נעכטן האב איך אליין געזען, ווי מ׳האט אוועקגעפּערעט צו איר צוויי זעק ווייץ...

— און אייערנעכטן אַ זאק מיט מעל...

. . . .

אָדער אַזאַ בילד:

— גוואלד, מענטשן!

— וואס איז, וואָס כאַפּט עס דיך דארט אַוועק?

— וואָס הייסט וואס? איך האב דעם גאלעך אַראָפּגעשאַרט פון אַ פאריסענער נעקייווע.

— לאָז אים צורו, כאַפּט אים דער וואטלמאַכער, ס׳וועט ניט זיין ווער ס׳זאל די אָוונט־טפילע אָפּריכטן.

און איר זאגט נאך:

— קיין גאָט איז ניטא.

אַ גאָט איז דאָ!

וואויל איז דעם מענטשן, וואָס פאָלגט ניט די אייצע פון רעשאָאים

ווען ס׳טרעפט זיך אייך אין אַ שטילן־שטילן אָוונט פאַרבייגיין דעם „אויסגוס״, טאָ קערעוועט ניט אָפּ צום טויבן געסעלע רעכטס, פונוואַנען ס׳דערטראָגט זיך צו אייך עפּעס אַ איינטאָניק געזאַנג.

ס׳איז עפּעס אַ מאָדנע מין געזאַנג: אי ניט קיין אומעטיקער, אי ניט קיין פריילעכער, אי ניט קיין שטילער, אי ניט קיין הילכיקער... אַ צע־צויגן געזאַנג...

גייט ניט, איך בעט אייך, אָף יענעם געזאַנג...

גייט ניט, וואָרום אז איר וועט אָפּקערעווען אין יענעם טויבן געסעלע, וועט איר דערזען אַ שטוב מיט פארמאכטע לאָדן.

און אַז איר וועט זיך שטעלן לעם יענער שטוב, וועט איר דערהערן, אַז דאָס געזאַנג דאָס צעצויגענע רייסט זיך דורך דורך די פארהאַקטע לאָדן, פאַרקריכט צו אייך אין די אויערן און קיצלט אייך די באַראַבאַ־נען־הייטלעך.

און אויב די נייגעריקייט וועט אייך פונדעסטוועגן צווינגען זיך דער־וויסן, וואָס דאס איז פאר א מין געזאַנג, טאָ גייט ניט, בעט איך אייך, אין יענער שטוב אריין.

גייט ניט, וואָרום ס׳וועט אייך ווערן טרויעריק אָפּן האַרצן... אזוי טרויעריק — אַז מאַמעש ניט צום דערהאַלטן... אי דאָ וועט אייך זיין שאָפּל, און אַפּן צוריק אהיים וועט איר ניט אופהערן צו קלערן:

ווער זשע דאַרף עס אַזעלכס? און אף וואָס?

אַז איר וועט אהין ארײַן אין דער אָ שטוב, וועט איר דערזען בענק, ווי אין „סעלבוד", אף די בענק — בא א 15 מענטשן... מאַנסבלען און פרויען...

די מאַנסבלען זיצן באַלד ווי איר גייט ארײַן אין דער לינקער האַנט, און די פרויען — אין דער רעכטער. מאַנסבלען וועט זײַן א מאַן זעקס, אָדער אפילע פינף... די מאַנסבלען זיצן צעוואָרפן איינער דאָ און איינער דאָרט... די פרויען — אין איין הייפל, איינע צו דער אַנדערער צו־געטוליעט...

אַנקעגן די בענק שטייט אַ „קאַטעדרע", עפּעס א מין שאַפקעלע אָדער וואס, נו, אַ מין אָמעדל אַזא, ווי אין שול, אַף אַ בימע, און די אָ בימע איז אזוי ווי מיט פּאַרענטשעס ארום און ארום... אַף דעם־אָ אָמעדל בלינצלט אַ קליין בלעכערן לעמפל און אפן וואנט איבערן אָמעדל איז אָנגעקלעפּט:

איין גאָט,
איין נעשאָמע,
איין גלויבן,
איין „טווילע".

דאָס לעמפל בלינצלט און די מענטשן ציען עפּעס אַ צעצויגענע ליד...

די פרויען ציען דיניטשקערהייט און שניידיק, און די מענער — גראָב און טויב...

דאָס האט איר זיך געפּאַקט אַף א געבעט־פאַרזאמלונג צו די „שטונדן"...

אין שטוב איז טונקל, אינדערלופטן — צעצויגענע קלאַנגען, און אָט־דאָ־אָ ווערט אייך ניט גוט צום כאַלעשן...

געענדיקט דאס זינגען...

שטעלט זיך אוועק פאר דער „קאַטעדרע" אַ פאַרשוינדל, אלט זײַן דאַרף אזא פאַרשוין א יאָר פינף און דרײַסיק — פערציק, און ער רעדט:

— און איצט לאָמיר אויסהערן, מײַנע טײַערע ברידער און שוועסטער, דאָוויד האמיילעכס „טפילעס"... פריער, פאַרן אויסהערן, לאָמיר אויס־לייגן א געבעט פאַרן בארעמהאַרציקן, ער זאָל אונדז העלפן פאַרשטיין

דעם עמעסן פשאַט פון דעמדאזיקן קאַפּיטל... איך בעט זיך קניען פאַרן אויבערשטן און ווער ס'ניט בעקויעך, זאָל בעטן שטייענדיק...

מיר בעטן, הייסט עס, אַז גאָט זאל אונדז העלפן באַנעמען דעם טייטש פון דאָווידס פּסוקים...

דערנאָך לייענט זיך דער קאַפּיטל טילים וועגן דעם, אַז ווען אַלע פאַרלאָזן אים, ווענדט ער זיך „צום גאָט מיין האַר", ווייל „גאָט איז מיין אַנטרינונג און מיין קראַפט".

פאַרטייטשט מען דעם פּאָסעק...

— ווען דיר קומט אויס, צום ביישפּיל, בלייבן עלנט און אליין, זאָלסטו ניט אָנווערן די מוט, ווארום ס'פאַראַן א גאָט און אין אזעלכע מינוטן איז דיר געגנוג זיך דערמאנען אין אים... ער וועט דיר העלפן, דיך אונטערלענדן, א. אז. וו. א. אז. וו....

זיצטו זיך אזוי און קלערסט:

— א כעווערמאַן פונדעסטוועגן, אָט דער דאָוויד... בעשאָס דו האָסט אַלץ, וואָס דו דארפסט, בעשאָס ס'רינגלען דיך ארום גוטע פריינט, איז אַף וואָסערע קאפאָרעס דארפסטו דענסטמאָל דעם גאָט... אָבער אָט אָ, ווען ס'קוועטשט דיך צו, בעשאָס ס'דערלאַנגט דיר, ווי זאָגט ער דאָרט, „ביזן שפּיץ האַרצן", דענסטמאָל איז: „גאָט, איך טו רופן צו דיר"...

נאָך מיר נאָך איז עס ניט שטאַרק כאַווערישׁ... אויב דו ביסט מיט גאָט אַ גאַנצער מעכוטן, טאָ פארגעס אים ניט אפילע דאַן, בעשאָס די' כאַפּסט „א איינאונצוואַנציק"...

דערנאָך האט מען ווייטער געזונגען... א ליד א געשריבענע, ניט קיין „ווערליבער", נאָר מיט א דרייפערזיקן יאַמב, און ס'האָט זיך גערעדט אין דעמדאָזיקן „שיר" וועגן ליבע, וועגן פויגלען, וועגן בלויען הימל, וועגן די הויכענישן און וועגן דער נעשאָמע...

ליריקע, און אַ סאָף...

מ'האט געזונגען לאַנג. מ'האט געזונגען צעצויגן...

דערנאָך ווידעראמאָל:

— לאָמיר אויסהערן דאָווידס אַ פּאָסעק! אָט וואָס דאָוויד האַמײלעך זאָגט: „אשריי האָאיש אַשער לוי האָלאַך באַאַצאַס רעשאָאים אוודערעך כאַטאָאים לוי אָמאַד".

לאָמיר בעטן צו אים, ער זאָל אונדז מאַכן פארשטיין...

פאַרטייטשט האָט דעם פּאָסעק אַ יונגער, עפּשער אַ דרייסיקיאָריק פאַרשווינדל... גערעדט האט זיך וועגן דעם, אז... אז גליקלעך איז נאָר יענער, וואָס לאָזט זיך ניט פירן מיט דער אייצע פון שלעכטע, דער, וואָס פאַרלאָזט אָט די אַלע „אוילעם-האַזעדיקע" איניאָנים און פאַר־ברענגט מיטן אויבערשטן...

— אָט אָ איצט, שרייבט מען פיל ביכער. וועגן אַלץ שרייבט זיך דאָרט אין די ביכער. אָבער אָט די ביכער זיינען ניט קיין ביכער, נאָר אזוי זיך. אינערגעץ טויגן זיי ניט, אַזעלכע ביכער. אָט איז א בוך, די „יעוואַנגל", דאָס און נאָר אָט-דאָס איז א בוך. מ'רעדט וועגן טעכניק, מ'רעדט וועגן וויסנשאַפט און מ'וויל ניט וויסן, אַז ניט קיין וויסנשאַפט, ניט קיין טעכניק קענען קיין קיעם ניט האָבן אָן קיין „ליבע"... און וואָס קען עס זיין פאַר א וויסנשאַפט און טעכניק, בעשאַס מענטשן האָבן פאַרגעסן וועגן גרויסן געבאָט פון אונדזער רעבן: וועגן ליבע?.. און אויב איר, גייענדיק אף אייער לעבנס-וועג, וועט באַ זיך אליין אַ פרעג טאָן, מיט וואָס פאַר א שטעגל זאלט איר גיין? זאלט איר שטענדיק געדענקען דאס גרויסע געבאָט וועגן „ליבע" און גייט ניט מיט קיין אַנדערע וועגן און נאָר מיטן וועג פון „ליבע",— נאָר אין ליבע, און נאָר אין בלייבן מיט גאָט וועט איר פאַרדינען א גרויסן סכאַר אף יענער וועלט, וואו די נעשאָמע אייערע וועט זיך זענעפטיקן אין „הייליקייט".

לאַנג האָט ער גערעדט, פיל האט ער גערעדט, דער באַלדאַרשן...

און מ'האט אים געהערט...

דערנאָך האט מען ווייטער געזונגען.

געגאַנגען בין איך אהיים „מיטן דערעך" (וועג), וואָס איבער דער לאָנקע...

אזא „דערעך" האב איך זיך אויסדערווילט...

בין איך געגאַנגען און געטראַכט:

— אַ יונגערמאַן ניט קיין נארישער ווייזט אויס, א מענטשל אן ענערגי־שער ווייזט אויס, און ברענגט אויס די גאַנצע ענערגיע זיינע אַף אזא „פלאַפלעריי"...

און איך טראַכט צו זיך אליין:

מיט אזא טאלאנט, וואָלט ער דאך געקענט פאַר דיזעלבע פויערים איבערלייענען די בעסטע לעקציע וועגן „ערדאיינאָרדענונג", אָדער געבן

צו פארשטיין דעם סייכל פון פריאיקן „פאַר”. טאָ נאַ דיר גאר וועגן „ליבע”, זאָלסט אַף יענער וועלט קענען רוען אין גאַניידן...

— און אף דער וועלט?!.

— ניין,— קלער איך זיך:

„געליבט איז טאקע דער מענטש, וואס לאזט זיך ניט פאַרפירן דורך דער אייצע פון שלעכטע”.

ס'לוינט ניט בעשום אויפן צו בייטן די וויסנשאַפט אָדער די טעכניק אף די געזאַנגען פון דעם גאניידן־פויגל איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר...

ס'איז שוין גלייכער זיך פארשרייבן אין „אַעראָכים” און דאָ אף דער־וועלט זיך כאָטשבע איין מאָל דורכפליען אַף א „יונקערס”. אַי, דאָרט איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר?— דאָרט שטערט שוין ניט זיך אביסל אונטערפרעגלען...

דער כעשבן איז א פּאָשעטער: דא איז דאָ פרייד פון מענטשישער זיג, און דארט, ווען דער ריבוינעשעלוילעם וועט זיך נעמען צו דער אַר־בעט, וועט ער שוין סאַיוי מוזן בראָטן די מענטשן אף עלעקטרי... ווארום פעך וועט שוין דאך ארויס פון דער מאָדע...

און די כאווירים מיינע, וואָס וועלן אלע זיכער זיין אין געהענעם,— איז צי דען וועט זיך עמעצער פון זיי ניט אָנשטויסן און ארויסשלעפן דעם שטעפסל?

דער יאַריד

I

ס'האט נאך ניט אנגעהויבן גרויען אינדרויסן און הינטער דער טיר — פונקט ווי פון אַ הויכריידער:

— אַפן יאריד שטייט אוף!

דאָס איז יערעמע וואַסיליעוויטש שוין צוגעפאָרן מיט זיין פאָר פערד צו דער „שקאָלע".

אפן יאריד דארף מען ארויסטפארן וואס פריער, ווארום ביז אהין איז 20 ווערסט און קומען אהין דארף מען אזוי, אז מ'זאָל אי אַן אָרט פאַר־כאפן, אי זיך שטעלן ווי ס'באדארף צו זיין, און מ'זאָל ניט אָנווערן קיין איין יאַריד־מינוט...

אנדערע זייערע האבן זיך נאך פון אוונט אוועקגעלאָזן אף אָקסן. דאָס איז צוליב דעם, אַז אפן וועג זאָל מען קענען אָנפאַסן די כודאָבינע, וועט זי דענסטמאָל זיין אפן יאַריד אַ פולע, אן אנגעגאָסענע און זי וועט דענסטמאָל ווערט זיין „אלע געלטן".

— נ־נ־אָ־אָ, קליינינקע!

די קליינינקע ליפן, דרייען מיט די עקן, דער וואָגן טרייסלט דעם לעבער צווישן די געדערים, און די ליפן מיט די ציינער טאַנצן אונטער.

— נ־נאָ! אַ געגנגעלע אביסל... א געגאַרניקל! אַ געגאַרניקל! נ־נאָ!

און דער „גענאַרניקל" לויפט מיטן ברעג פעלד, און די זאַנגעלעך זיינען ביזן סאַמע „פיסק" און קיצלען אין דער נאָז. נו, סמיקעט ער, דער „גענארניקל".

איז דאַן:

— פיטשק! — און „אַ גענגעלע", „א גענארניקל!"...

... אפן יאריד!

ס'האט אָנגעהויבן שאריען, די זון האָט ארויסגעשטופט א פארשלאָפן פאָנעם, האָט א בייטשל געטאן מיט שטראלן איבער די לאָנקעס, איבער די סטעפן, איבער די גערטנער און איבער די לעוואַדיעס...

און מ'זעט אויס אָן־אָ העט־ווייט ביז יענעם סאמע וועלדל, וואו דאָס אויג דערלאַנגט נאָר, ווי אַזוי סע שלעפן זיך פורן איבערן שליאַך! אי מיט פערד פאָרט מען, אי מיט אָקסן, אי מיט בעהיימעס... און ס'פאָרן אי האָרבעס, אי וועגן, אי וועגעלעך... מיט בינדלעך, מיט היי און מיט שטרוי...

און אף די וועגן זיינען פאראן אי הענער, אי אַ שאָף אַ געבונדענע, אי אַ קאַלב, וואס מעקעט און הויבט דעם קאָפ אף זיך אונטערהויבן...

און נאך די פורן לויפן נאך לאָשיקלעך, טעליטשקעס און בעהיימע־לעך מיט צוגעבונדענע קעלבער באַ די עקן.

— העי! צאָב! צאָבע! נ־נ־אָ־אָ־אָ!

אַפן יאריד!

און מ'פאָרט, און מ'פאָרט, און מ'פארט און מ'פארט...

און דער שליאַך איז שוין ניט קיין שליאַך, נאָר א פילפארביקער לאַנגער־לאַנגער שלאַנג, וואס לעבט און וואס וויקלט זיך, און רוקט זיך לאנגזאם אהין וויט־וויט צו יענעם וועלדל. און דו ווייסט ניט, וואו איז דער קאָפ זיינער און דו ווייסט ניט, וואו איז דער עק זיינער, וואָ־רום מיטן פאָרנט האט ער שוין איבערגעהאקט אָט אָ דעם וועלדל, און דער עק זיינער איז געבליבן אזש לעם יענעם בערגל, אָן־אָ דארט ערגעץ פונהינטן.

און אונדזער וואגן כאַפט זיך ארויס אַלעמאָל פון דעם־אָ שלאַנג ארויס און לאזט אים ווען רעכטס, ווען לינקס; טראסקעט איבער די קאָר־טשיקעס און שורשעט איבער דעם גראָז...

— א גוטער מאָרגן פּעטראָוויטשן! אויך אפן יאריד?
— ווי דען, אַ גוט מארגן, א גוט יאָר!
— איר פירט די האָלאַנדקע אייערע?
— נו, ווי דען!
— זי גיסט מיט מילך?
— נאָך א מין גיסן.
— טאָ פארנארט זשע זי ניט!
— דאס וועלן מיר שוין זען גרייטערהייט.

ס'קוויטשעט אפן וואגן א כאזערל, צוגעשנירעוועט צום דראַבינע מיט אַ שטריקעלע... ער ווארפט זיך נעבעך אהער אהין און ווייס ניט, אַז ער איז שוין איצט ניט קיין געווייגלעך כאזערל, נאר אַן „אָביעקט פונעם היימישן ביודזשעט"...

. . . .

קוק נאָר קוק ס'אַן „אָדן" מ'האט אוועקגעפירט!

דער „אָדן" — דאס איז אַן אויסגעהאָדעוועטער קאַבאַן אין א שטייג... די שטייג אף דער האָרבע איז ווי א קופּאָל אפן קלויסטער, און זיי, הער „אָדן", האבן זיך אויסגעלייגט און כריוקען גאנץ נערוועאיש...

— וויפל בעט ער, דער „אָדן"?
— דו וועסט פרעגן אַפן יאריד.

. . . .

שווימט א טייך מיט פוירעשע פורן... אפן יאריד!..

ס'גייען מאנוילאָוצעס, ס'פארן בראָוואַריער, וואסיליעווער, פּאָפּאָווער, פעדעריוקער, כוטאראנצעס...

און מ'פאָרט, און מ'פארט, און מ'פאָרט, און מ'פארט...

און אָט דער לאַנגער־לאַנגער פילפארביקער שלאנג און אָט די קווייטנדיקע לענטע, אבי זי איז אריבערגעפאָרן דעם פּסיאָל, צעגיסט זי זיך איבערן פלאַץ, מישט זיך אויס מיט די, וואָס האבן זיך שוין איינגעשטעלט און מע שרייט אי צום פערד, אי צום אָקס, אי צו דער בעהיימע...

— טפּפררוו!!
געקומען!!..

גיסט זיך אָן דער פלאַץ מיט מענטשישער, בעהיימישער, פערדי־שער און אָקסישער מאסע. אָט די מאסע צעשווימט זיך, צעגיסט זיך,

צעוואַקסט זיך און דערקייקלט זיך פון איין זייט ביזן פסיאַל און פון דער צווייטער, דריטער און פערטער — אַזש אַהין, וואו דער קאָרן וואַרט שוין געבויגענערהייט אַפן שניטער...

און די בוידן מיט די ביידלעך זיינען שוין אופגעשטעלט. מ׳האט זיי נאָך נעכטן, מינאסטאם, באצייטנס אנגעצויגן און זיי זיינען אָנגעבלאָזן, ווי די פאכירעס, צווישן דעם פארשיידנפארביקן באוועגלעכן האמוין.

איז דער פלאַץ פארכראַסנעט...

פארכראסנעט מיט האָרבעס, מיט וועגן, מיט וועגעלעך, מיט פערד, בעהיימעס, שאָף, מיט אָקסן, קעלבער, טעפּ, מיט הינער, וואָל, לאנטוכער, האָפּן, שמויסן, צייגן, שטיוול, צוקערקעס, לעקעכלעך, קוואס, ביר, בראנפן, קעמלען, שניט-מעסערס, פעל, לעדער, טשאָוואונעס, פראַזשע, פאטשיילעס, לייוונט, זשעגעכץ, גאזע, אַלטוואַרג, העמדער, קליידלעך, קוליעמעס, כאזער-האָר, דייזשקעס, הערנער, מאיקעס, וואקס, האָניק, מעליאס, טאַראַן, הערינג, רעדער, אָבאָדעס, גלאָז, אייער, אנדראראקעס, פלאַכטעס, קנישעס, כאַזער-פלייש, וואורשט, געפּרעגלטע פיש, רעדנעס, קאסטנס, צוויעכעס, האמערס, כאַזיירים, קרעמערס, ציגיינער, ליווע־ראנטן, פויערים, קינדער און בעטלערס...

... און דאס אַלץ באוועגט זיך, אָטעמט, רויכערט, רעדט, שרייט, שעלט זיך, מוקעט, מעקעט, הירזשעט, היהיקעט, מאלעגיירעט, בענעצט, דרייט זיך, ציילעמט זיך, שווערט זיך, זידלט זיך, ווינטשעוועט, שמעקט, שטינקט, קאָקעט, קוואָקעט, פאטשט איינס דעם אנדערן איבער די הענט, שפּילט אַף אַ האַרמאָניקע, אַף א פידל, פּרעמפּלט, טרינקט קוואַס, עסט טאַראַן, ברעכט, גרעפּצט, גריסט זיך, שיילט קערלעך און דרייט זיך אף דער קאַרוסעל...

און איבער דעם אַלעמען, שטעקן האָלאָבליעס, האָלאָבליעס, האָלאָב־ליעס...

דאס האבן די וועגן פאריסן די האָלאָבליעס ארוף און זיי רופן אויס:

— מיר האנד־ד־דלען!

אָן־אָ אַף דער האָלאָבליע שרייט אַ סוויטשקע:

— אָט אָ זיינען מיר!

אָן־אָ פארופט צו זיך איטלעכן אַ זופּ:

— אַהער קומט!

אָן־אָ האט זיך אַ ראָד פארטשעפּעט מיט אַ ספּיצע אַף א סטאָרטש־אופגעשטעלטן דישעל:

— מיר זיינען אָט־אָ, אָט־אָ...

. . . .

און מ׳פּאָרט, און מ׳פּארט, און מ׳פּאָרט, און מ׳פּארט...

— קערעווע, צאָב. צאב, זאגט מען דיר, קערעווע!

— צאָב! צאב!.. צאב — זאָגט מען דיר, א וואלף אַף די ביינער אַף דיינע.

— קערעווע, צאָב! צאָב, זאגט מען דיר.

— טפּפּפּפּרררוווו.

— זיך פארטשעפּעט פארן יאַרמאָ.

— שיידים שפּאַרן דיך אַף פרעמדע יאַרמאָען, דו זעסט דאך, אַז מ׳שטייט!

— וואס איז, דער יאריד איז נאָר פאר דיר?

— ווי דען, נאר פאר דיר?

— איך זאג ניט, אז פאר מיר.

— קערעווע, צאב, העי!

און מ׳האט זיך פאנאנדערגעקלאַמערט.

— ביסטו קליין פּאָרן ארום און ארום, אָדער וואס.

— וואס איז, דער יאריד איז נאר פאַר דיר?

— ווי דען, נאָר פאר דיר?

— איך זאָג ניט, אַז פאַר מיר.

— קערעווע, צאָב, העי!

און מ׳האט זיך פאנאנדערגעקלאַמערט.

— מע האט דאך דיר געזאגט, „קערעווע, צאָב"! האט דיר דער וויסטער יאָר אָנגעטראגן אַפן יאַרמאָ.

— וואס איז, דער יאַריד איז נאר פאר דיר?

— ווי דען, נאר פאר דיר?

— איך זאג ניט, אז פאר מיר.

— קערעווע, צאָב, העי!

און מ׳האט זיך פאנאנדערגעקלאַמערט!

— צוריק, צוריק. טפּפּררו — צוריק!

— ביסט אַ מייוון ווי ער האט זיך עס צעלאָזן אביסל איבערן גאנצן יאַריד!

— וואָס איז, דער יאַריד איז נאר פאַר דיר?

— ווי דען, נאר פאַר דיר?

— איך זאג ניט, אז פאר מיר.

— קערעווע, צאָב, העי!

און מ׳האָט זיך פאנאַנדערגעקלאַמערט.

ס׳הודעט... ס׳הודעט... ס׳הודעט...

און אין דער הודריי, ווי אונטער אן אַקאָמפּאָנעמענט פון עפּעס אַ ריזיקן אָרגאל, שווימט שווימט, א איינטאָניקער רעטשעטאַטיוו:

— שענקט אַ נעדאָווע, טאַטקעלעך מיינע!

שענקט אונדז אין גאטס נאָמען,

שענקט אונדז, ערלעכע נעשאמעס און פרומע,

שענקט אונדז, ליבהאָבער, מאַמעלעך,

זיסע לייט, שענקט עפּעס פון גאטס וועגן,

שענקט אונדז, יאָרשימלעך, פאטערס, מאַמעלעך הארציקע.

שענקט, נעשאָמעס געלייטערטע.

שטעלט זיך אָפּ ווער ס׳איז, נעשאמעלעך האַרציקע.

שטעלט זיך אָפּ, נאָענט-גייענדיקע, ארום שטייענדיקע, פארנעמט, הערט צו!

וואָס ווער ס׳האט אין האנט, מאמעלעך מיינע!

די נעשאָמעס פון אייערע הייליקע עלטערן וועלן מיר מאַזקיר זיין.

די נעשאמעלע אינעם גוף אינעם זינדיקן טוט מעטאַהער זיין.

שענקט פון אייער מי, פון אייערע קרעפטן די רייניקע.

שענקט פון אייער מי, פון האָרעוואניע קאָשערער...

און דער אַקאָמפּאָנימענט הודעט, הודעט און הודעט, איבערגייענדיק צייטנווייז אין אַ מעשוגענעם הו-האַ.

אָט איז ער צועשטילט געווארן, און זיך פארשפּרייט איבערן פלאַץ און גענומען שטיל קאָלאָקאָטשקען אַ מינוט צוויי, דריי...

און פּלוצים — פליוך איבערן סאַמע אויער...

— אַלטוואַרג, ווייבער, אַלטוואַרג, אָט דא קויפט מען אלטווארג אַ וועלט, מ'ציילט דאָ געלט.
אַלטווארג, ווייבער, אלטוואַרג!

. . . .

קוואַס ווער וויל, קאַלטער קוואס, אַ קאָפּיקע אַ גלאָז! זיסער! זיסער! זיסער קוואַס!

. . . .

— לייגסט אריין אַ קערבל, נעמסט ארויס צוויי...
— אַהער! אַהער!

. . . .

— די רויטע געווינט, די שוואַרצע פאַרשפּילט...

. . . .

ס'האט זיך צעהודעט, צעהודעט, צעהודעט...
ווידעראַמאָל א הודריי...

און ס'רייסט זיך און טרעשטשעט דער „באַס פּראָפונדאָ" באם געלן בעטלער, וואס מיט דער פידל אין האַנט און מיט דער בלינדער שוטעפטע פונדערזייט. ער באמיט זיך איבערשרייען דעם ראעש מיט זיינע אומע־טיקע פסוקים וועגן דעם ווי:

גייט די נאכט צום אויסלייגער
מיט רייכעס אין די הענט,
גייען טרויעריק מאריעס
אומרואיק, פארקלעמט.

ס'רוישט דער יאַריד...
פערד יאָגן, הענדלער שרייען, מוידן לאַכן, די קאַרוסעל דרייט זיך.
און דער אָרגל אפן קארוסעל כריפּעט, פייפט און ווארפט אין דער געדיכטעניש פון ביידלעך צווישן די וועגן און צווישן די קעלבער אַ ליד וועגן אַ סויכער, וואס:

Полюбил всей душою девицю
За нее готов жизнь всю и отдать.

און אונטער דערדאזיקער ליד ז'ער כריפּענדיקער און הייזעריקער „דרייען זיך אָן" אי באָכערים, אי מיידלעך, אי קינדער „מאַזל".

— פאר אַ צענערל, בלויז פאר אַ קופּערנעם צענערל!

. . . .

א יאַריד!

. . . .

II

פאר וואָס מוקען עס אזוי טראגיש און האפענונגלאָז די אָקסן אַפן יאַריד?

ווי דו גייסט אריין אין דער אָקסיש־בעהיימיש־שאָפּענער העלפּט, איז גלייך דיר אנקעגן:

— ממוו! ווע־ע־ע! מע־ע־ע!

אָט אַזוי שטייט זיך און שטייט אַביסל, אַ געלער, א גרויער אָדער אַ ראבינקע, צי אַ הניאדע, דערנאָך נעמט עס זיך ארומקוקן אַרום זיך, און פּלוצים פון דער העלער הויט מיטאַמאָל:

— ממו־או־או־או.

— ווע־ע־ע.

— מע־ע־ע־ע־ע!

צי דאָס האלטן זיי אונטער דעם אַלגעמיין־יאַרידישן טומל, צי דאָס ווילן זיי ניט אַריבערקומען אַף קיין צווייטן באַלעבאָס?.. אָדער איך ווייס דארט נאָך וואָס...

און די שאָף?

אזא קליינס, דוכט זיך, און אז ס'טוט אַ מעקע, איז פונקט ווי דאָרט אין די געדערים וואָלט בא דעם אַ ראַדיאָ געזעסן און אזוי רייסיק און דורכדרינגענדיק:

— מ־מ־ע!

אזוי ווי פון א ביקס!

מער ניט, ווי דאָס איין־און איינציקע וואָרט „מע־ע־ע".

און וועלכע מינים פעלן אייך נאָך דאָ אויס?

אי געלע, אי ראַבע, אי הניאַדע, אי גרויע, אי שוואַרצע, אי אַש־קאָלירענע, אי פליכיקע, אי מיט פארדרייטע הערנער, אי גאָר אָן הער־נער...

אי א בוהאַי, אי אָקסן, אי ביקלעך, אי יאָריקע, אי בעהיימעס, אי יאַלעווקעס, אי טעליצעס, אי טעליטשקעס און קליינע קעלבעלעך.

אי לעם די וועגן, אי לעם די „יאַרמאָען", און באַ די „דיאַדקעס" אין די הענט און לעם אַ פלעקל...

אזוי זיך אַ פלעקל אין דער ערד ארייננגעשלאָגן, לעם פלעקל — אַ בעהיימע, לעם דער בעהיימע — אַ ווײדל און לעבן ווײדל — אַ קאַלב.

און מ'זעט אפילע ניט קיין באלעבאָס, א בעהיימע „סאָלאָ"...

זאָל אבער נאר פרואוון עמעצער צוגיין און אַ טאָרקע טאָן מיטן שטעקעלע די בעהיימע און:

— וויפל בעט זי, אָט די פייפיע?

דאַן וואַקסט אויס אזוי ווי פון אונטער דר'ערד אַ קאַפעליוש אָדער אַ קאַשקעט און טוט א ווארף אזוי זיך, אזוי ווי צום פעלד אָדער צום פּסיאָל:

— פופציק!

. . . .

און אָקסן זיינען דאָ אוועלכע?

נו, אביסל עפשער קלענער פונעם בריק, וואָס איבערן לאָפּאַן!

ער שטייט זיך לעם וואָגן, מ'קייט דאָס קייעכץ און מ'טראַכט א אייגענע, אָן אָקסישע מאַכשאָווע...

וועגן וואָס קען ער עס טראַכטן, אָט דער אויג־מעלעך־האַבאָשאָן מיט די אָט אַזעלכע אָ הערנער?

און פון עפּעס טראַכט ער דאָך!

עפשער האט ער אויך זיין אָקסישן:

„איראָפּע אָדער בילדונג?"

קען זיך טרעפן, אז ער האט אויך דערזען ערגעץ אין קרעמענטשוג אַ טראַקטער און איצט קוקט ער מעלאַנכאָליש ערגעץ ווייט און איבער זיינע מויעך־שיפעלעך פויזעט אַ געדאַנק:

— אויב אזוי, וועט מען זיך שוין איננגיכן איננגאַנצן קענען אָן מיר באַגיין?

און באַליידיקטערהייט:

— מו־או־או!

ער טראַכט זיך, דער גרויער אָקס, אַ גרויע מאַכשאָווע און אָקסישע; ער טראַכט אַזוי לאַנג, ביז ס׳גייט ניט אָן נאָענט עפּעס פאַר אים אַן אומ־באַוואוסטער, גיט אים ניט אַ פיטשקע מיטן בייטשל און צום באַלעבאָס:

— וויפל באָטן אָט די פּאָר אינדיקעס?
— איך וואָלט וועלן דריי מייעס.
— דריי מייעס, זאָגסטו?
— דריי מייעס, זאָג איך.
— וועסטו זיי דאָך דאַרפן צו לאַנג ציילן.
— זאָג, וויפל מיינסטו, אַז מ׳זאָל ווינציקער דאַרפן ציילן...

און ס׳הויבט זיך אָן...

מ׳נעמט שלעפן באַם גרויען די צונג, מ׳צעעפנט אים דאָס מויל, מ׳טאַפּט אים פאַר די הערנער, מ׳קוועטשט אים דעם האַלדז, מע מעסט מיטן בייטש־שטעקל פון דער ראַקיטניע ביז דער גריווקע, מ׳שלעפּט פאַרן ווידל, מ׳קאָרפּעט זיך אונטערן ווידל...

— דריי מייעס, זאָגסטו.
— אַזוי ווי דו הערסט...
— אַנו, פיר זיי נאָר דורך!
— ס׳ניט קיין באַטרעף דורכפירן אויך...

בינדט מען אָפּ דעם גרויען פון דעם וואָגן:

— העי!
— שטילער, פּאַמעלעכן פיר. יאָג ניט.
— פּאַרשפּאָרסט אפילע קוקן, זיי גייען ווי אַ זייגער.
— אַף אַזא מין זייגער איז מיין ווייב אין דר׳ערד אריין געגאַנגען...
— קענסט זיך ריידן...
— וויפל באָטסטו אַף פּאַרקויפן.
— איך האָב דאָך געזאָגט אַף פּאַרקויפן.
— ניין, דו זאָג טאַקע אַף פּאַרקויפן...
— זאָג איך דאָך דריי הונדערט.
— און קיין הונדערט־אַכציק וועסטו ניט נעמען?
— זוך ווייטער אַביסל, עפשער וועט דיר גאָט צושיקן.
— אַוואַדע וועט ער צושיקן.
— מעגסטו זוכן...

— און דו האָסט זיך ניט וואָס אַזוי צו פּאַרייסן, איך גיב געלט!
— איך ווייס, אַז ניט קיין שערבלעך.
— איך גיב דיר גוטע געלט, וואָס מיינסטו וואָס?
— גאָרניט מיין איך ניט...
— טאָ זאָג אַ לעצט. 200 נעמסטו?
— ניין. אויב דו ווילסט שוין יאָ קויפן, האָסטו דיר צוויי הונדערט און אכציק! הערסטו פון מיר אַ וואָרט...
— וואָס רעדסטו וואָס, „צוויי הונדערט און אכציק"; ווערסט קענען וועלן.
— איך וועל קענען, וועל איך קענען.
— צוויי מייעס נעמסטו? (פּאַטש איבער דער האַנט).
— צוויי הונדערט אכציק (פּאַטש).
— נעם, זאָג איך דיר, צוויי הונדערט (פּאַטש).
— דו רעד מענטשלעך (פּאַטש).
— דאַרפסטו דאָך פאַרבאָטן מענטשלעך (פּאַטש).
— דו גיב נאָר אַ קוק אויף די אָקסן. ס'דאָך העכט, ניט קיין אָקסן. אין יאַרמאַ גייען זיי ווי די ציגעלעך, קאָניפּעטקעס עמעסע, נעם זיי אָן פאַרוואָס דו ווילסט. לייג זיך אונטער אונטער זיי, אַזוי ווי אַ שוועסטער אַ אייגענע... ס'וועט דיר קיינמאָל קיין קינד ניט אָנרירן, און ער — „צוויי הונדערט".

און ווידער שלעפּט מען דעם גרויען פאַרן ווידל, מ'צעעפנט אים דאָס מויל, מ'קוועטשט אים דעם האַלדז, מ'טאַפּט אים אונטערן ווידל, מ'נעמט פאַר דער גריווקע, מ'גלעט איבערן האַלדז...

מ'גייט אים אַרום, מ'באַטראַכט אים...

— איצט האָסטו דעם יאַריד! צוויי הונדערט צוואַנציק (פּאַטש איבערן האַנט).
— ווינציקער ווי פינף און זיבעציק גייט עס ניט (פּאַטש).
— גייט ניט? (פּאַטש).
— וועט ניט גיין (פּאַטש).
— בלייבן זיי פאַר דיר!
— בלייבן זיי פאַר מיר!

און ס'איז זיך אוועק דער אומבאוואוסטער פונעם גרויען... און פון דער פינפטער אָדער זעקסטער פור שרייט ער:

— דו נעמסט 220?

— ניין, איך נעם ניט.

— נעם, ווארום ס'וועט דיך אָנעמען באַם בויך...

— זאָל נעמען...

און סע שטייט זיך ווייטער דער גרויער לעם זיין וואָגן און טראַכט אַ מאַכשאָווע אַן אָקסישע, ביז פונוואַנען, פון וואָס ווידעראַמאָל.

— וואָס באָטן אזא פּאָר ביקלעך?

— דריי מייעס!

א. אז"וו א. אז"וו...

עפשער וועט ער נאָך פּאָרן אהיים, דער גרויער, און עפשער וועט ער פּאָרן, דער גרויער, אין אַ צווייטן כוטער אָדער אין אַ צווייטן דאָרף.

אָדער עפשער וועט ער זיך גאָר פּאַקן, דער גרויער, אָט צו יענעם „פּאָרעצל" מיטן דינעם שטעקעלע אין האַנט, מיטן פּידזשאַק און מיטן גאָלדענעם רינג אַפן פינגער און דאַן וועט מען דערלאַנגן פונעם גרויען אין „טיוואָלי" אַ „בעף־סטראָגאַנאָוו".

שטייט זיך דער גרויער אָקס און קייט דאָס קייעכץ.

און די בעהיימעס שטייען אויך.

ס'שטייען אָט אָ יענע בעהיימעס, „וואָס גיסן מיט מילך".

וויפל וויל מען פּאַר דער אָ „דייטשקע"?

(די „דייטשקע" איז אַ גרויע, אַן אייטער ווי אַ זאַק און באַקלעפּט מיט גאָלע קיזיקעס).

— זעכציק.

— טפו!

— א הונט אונטערן עק!..

זיך ניט צונויפגעגאנגען, הייסט עס! קורץ און שאַרף...

. . . .

— און פּאַר דער אָ „מאַדאַמע" וויפל וואָלט איר געבאָטן?

— אכציק.

— גאָרניט קיין סאַך פארבאָטן.

— איר טוט בעסער אַ קוק, וואָס דאָס איז פאַר א סכוירע! ס'איז דאָך א בילד, ניט קיין בעהיימע!

— אַ בילד איז עס, אַ בילד... נאר ס'גיט זיך אמאָל איין א מויד, אַז צום קוקן איז כאָטש אַ טרונק וואַסער באַ איר בעטן, אָבער אַז מ'נעמט זיך אביסל ווייטער — איז זי אביסל צו הארטלעך.

— און דאָס איז שוין, ווי איר פארשטייט...

— יאָ־אָ־אָ! געדארפט אביסל ווינציקער באָטן!

— יאָ־אָ־אָ־אָ.

. . . .

— וואָס בעט מען פאַר דעם אָ פיצעלע!

דאָס אָ פיצעלע, איז אַ קועלע א שוואַרצינקס, א קיילעכיקס, מיט אזעלכיקע אָ הערנערונטשיקלעך.

— זיבן און צוואַנציק.

— זאָל זי נאָך וואַקסן.

— זאָל זי וואַקסן...

. . . .

און מע בעט גאָט, און מע ציילעמט זיך און מע פאַטשט צו און מע פירט דורך און מע שווערט זיך און מע מעלקט.

מע קויפט, מע פאַרקויפט... מע פארקויפט... און מע קויפט... מע בייט זיך.

און ארום איז:

— ממו־ואַ־או!

— ווע־עעע!

— מע־ע!

. . . .

...ביידלעך... א גאַס פון ביידלעך...

ביידלעך מיט צייג, מיט שטיוול, מיט קוואַס, מיט צוקערלעך, מיט לעקעכלעך, מיט טאַראַנקעס, מיט הערינג, מיט לעדער, מיט „זאַליאַז".

דער „לאַריאָק" שטאָלצירט מיט רויטע שילדן.

ס'פאָכען זיך די רויטע פאָנען איבער די קליינע שילדעלעך: „אסטאַפאָווער איינהייטלכער געבורויכס־געזעלשאַפט".

„פּאָפּאָווער א. ג. געז.‟

„פּעדעריווקער איינ. געב. געז.‟

צווישן די ביידלעך איז אַ לעבעדיקער שטראָם, אַף זיך ניט דורכצו־שטופּן...

אַף הויזן, אַף העמדער, אַף קליידלעך...

— אָבער ס'איז כאָטש שטאַרק?

— דו וועסט מיט די ציין ניט איינרייסן.

— ווי טייער איז?

— צו פינף און דרייסיק...

— אַ מין יאַקרעס...

און מ'פּרוואווט דעם ציץ, און מ'בייסט אים מיט די ציין, מ'דינגט זיך, מ'דינגט.

דאָ שטופּן זיך מערסטנס פּאַטשיילעס, ליבלעך און סאַראַפאַנען... אַ ווייבערשע מעלוכע. .

— איר זיינט אויך דאָ? א גוטער אייך!

— אַ גוטער יאָר.

— אַף א קליידל?

— ניין, דאָס וויל איך כוועדערקען אַף א העמד.

— ווי טייער איז?

צו פינף און דרייסיק.

— און איך וואָלט אַ באַלן זיין די קינדער אַ „האָסטינעץ‟.

און דידאָזיקע „האָסטינצעס‟ זיינען מיט פאַרביקע פּאַפּירלעך פאַר־וויקלט, מיט ווידעלעך פון ביידע זייטן, און האַלטן אין איין ציען צו זיך, אין איין ציען.

— ווי טייער איז?

— אַ זעקסערל אַ שטיקל...

— ע־הע!

— ס'פאַראַן פאַר אַ קאָפּיקע צוויי אויך און אָט אָ די — אַ קאָפּיקע פינף, און אָט אָ — צוואַנציק פאַר איין קאָפּיקע.

— נעמט אָט אָ די, אי זיסע, אי געשמאַקע.

— טאָ גיט אַהער...

. . . .

ס׳קלינגען די טשאַוואונעס, ס׳קלינגען די קאָסעס, ס׳טרישטשען די קעמלען.

— וויפל איז פאַר דעם אָ קעמעלע?

— איר קויפט אייך אַ קעמל, מעכוטענעסטע?

— נו, יאָ.

— נעם, מומע, אָט אָ דעם אָ!

— צו קליין פאַר מיר. איך דאַרף אַזאַ, אַז מ׳זאָל אי אַ לויז קאָנען אויסקעמען און מ׳זאָל קאָנען שפּינען אַף אים אויך.

— טאָ נעם אָט דעם אָ. מיט דעם קען מען אַן אָקס דעריהאַרגענען.

— איך וויל אָבער, ס׳זאָל זיין א ציכטיקס.

— אָט דער איז 40.

— אַ, זאָל שוין אייך!

— נעם אַ קלענערן, וועט קאָסטן ביליקער!

. . . .

לעם די קאָסעס שטייען אַלטע לייט... מ׳קלינגט, מ׳קלינגט און מ׳קלינגט...

מ׳שאַרפט איינע אין דער צווייטער...

— עפּעס זיינען זיי ניט דאָסיק.

— און אַ וואָסיקע וואָלט איר געוואָלט?

און ווידעראַמאָל:

דזין, דזין, דזין!

אַ האַלבן טאָג קלייבט מען אַ קאָסע:

דזען, דזען, דזען.

. . . .

— אָט אָ זיינען אייער! אהער מיט אייער, אייער — אהער!

— אַלטוואַרג, אַלטוואַרג, ווייבער, אַלטוואַרג!

— גיב אַהער די הון. וואוהין טראָגסטו די הון, דערלאַנג אַהער.

— אַס־וואַס, גוטער קוואַס, אַ זעקסער א גלאָז, אַ זעקסער א גלאָז.

— אַ קאַרב אַריין, צוויי אַרויס!

— כאַפּט אויס דעם טאַראַן, כאַפּט אויס דאָס לעצטע...

. . . .

שענקט אַ נעדאָווע, מיינע טייערינקע...

שענקט אַ נעדאָווע אין גאָטס נאָמען...
שענקט, טייערע נעשאָמעס, קאָשערע, גלויביקע און געטרייע...

. . . .

און דער אָרגל כריפּעט... דער פידל קלאָגט...
און דער טענאָראַלער באַס-פּראָפונדאָ מיטן דינינקן פּוסטן סאָפּראַנאָ דערציילן-אויס פאַרן פּראַוואָסלאַוונעם פאָלק:

די פויגל איז הויך געפלויגן,
ווייט פון מענטשן-אויגן
און די פליגעלעך האָבן געפלאַטערט,
צו גאָט אַ טפילע געאַכפּערט.

. . . .

אַ יאַריד.

. . . .

III

— היט זיך!!! אין אַ זייט! היט זיך, היט זיך!
— נ-נ-נאָ! נ-נ-אָ!
... פּיטשק! פּיטשק!
— עך, אַן אַראַבטשיק!
— נ-נאָ! היט זיך! אין אַ זייט! היט דיביינער!
— וואָס זשע שלאָגסטו אים? שלאָג ניט! לאָז אים „שאַגאָם", פּאַמעלעכן, „שאַגאָם".
— סמיקע ניט!
— היט זיך!

. . . .

פערד... שקאַפּיצעס... לאָשאַקעס און פיזשיקלעך...
אַ געהענעם!..
דאָ זיינען אָן קיין בייטשיקלעך ניטאָ קיין מענטשן...
דאָ איז א פריער די בייטש און נאָכדעם ערשט דער מענטש.
דאָ איז אַ בייטשן-געפייף, אַ פּיטשקעריי, אַ געשריי.

דאָ איז:

— אי־הי־הי־הי!

— אי־אי־אי־אי־אי!

— טפּפּררו! טפּפּררו!

און פּיטשק, און פּיטשק, און פּיטשק!

דאָ פּירט מען דורך, מ׳לויפט דורך, מ׳שפּאַנט איין, מ׳פּאָרט זיך דורך!

דאָ זיינען דער „בעט גאָט!" „ציילעם זיך איבער!" עפּעס נערוועזע אַזעלכע, שניידיקע, אומזיניקע.

— זאָג!

— זזזאָאָאָאָג!

און אָט דער אָ „זאָג" איז ניט אַזוי זיך קיין וואָרט „זזאָאָאָג", נאָר אַ מעשוגענער געשריי!

— זזאָאָג! זאָאָג דו!

דא פּאַטשט מען אין די הענט מעוואולבלדיק מיט אימפּעט, מיט צע־יאָגטקייט אזוי, אַז דו דערשרעקסט זיך, טאָמער רייסט זיך באלד אָפּ די האנט און קייקלט אונטער אונטערן ראָד...

— זאָג־זאָאָג, זאָאג־זשע!

. . . .

וואס קוקסטו אים אין מויל, דו גיב אַ קוק אַף אים אליין, טו א קוק אומיסטן וואס ער עסט. ריטלעך עסט ער. ביסט אַ מייוון ס׳אַ רייבן, אזוי ווי מיט אַ מילשטיין.

— ווייססיך...

— וואס „ווייסיכסטע"? וואס „עקעסטו",—פרעג איך דיך? ס׳מעגן מיר עסן פראנצן דאס לייב, אויב ער עסט באַ מיר עפּעס אַנדערש כוץ שטרוי... און דו „עקעסט".

— דו גיב נאר אַף אים אַ קוק, טו א קוק א גאַנג, ס׳אַראַ מין גאַנג! קוק אף די טריטעלעך, אלע פיר טריטעלעך ווייזט ער דיר... אט אַהין קוק און ניט אין מויל אריין, געטראפן קוקן!

— א מין דאַרער!

— וואס עמעס איז עמעס, מ׳האט דעם פערד פארמוטשעט. דו מיינסט אַז ער לעקט באַ אונדז האניק. ווען מ׳טרייבט דיך אָפּ צוואנציק ווערסט און מ׳שטעלט דיך אַוועק אַף שטרוי, וואלסטו געבריקעוועט?

— ע ע...

— מעגסט פון אים ארויסטרייבן די קישקעס! לייג ארוף אַף אים 50 פוד, וועט ער זיך אפילע קיין קנייטש ניט טאן! און דו קריכסט צו די ציין!!

— אנו, אַף דיר!

— טא וויפל זשע ווילסטו?

דער „דיאדקאַ" האלט פארן צווימל זיין „ווייסן", דער פערד האט אונטער־געבויגן די הינטערשטע פיס, די ליפ ארויפגעהאנגען און דרעמלט זיך...

— דו גיסט 30?

אָט דאס מיינט מען דעם פערד מיט 30 רובל צוגאָב...

מע בייט.

— נעם „בלאַם".

„בלאַם" — הייסט בייטן איינס פאר איינס, אָן געלט.

— בלאַם שמאַם! דו גיב פריער אַ קוק וואס דו האלסט?! אַ „סטאַ־רעץ" האלט ער און בלאַמקעט נאך!

און דער „סטאַרעץ" האט דערביי גלייכגילטיק אַ פּאָכע געטאן מיטן עק.

לויפט אונטער צו אים אַ ציגיינער, צעעפנט אים דעם מויל און שלעפט ארויס די צונג.

אוי, אַ מויל בא אים, זאל גאט שוימער־אומאַצל זיין, ס'איז דאך הויל אזוי ווי אין אַ ט.....ט! און ער רעדט נאך... רעד צו דער זאך, רעד. נו, רעד שוין!

— פינף וועסטו נעמען!

— דאס איז אויך געלט!

און מ'פאטשט איבער די הענט, אז פונקען פליען. און היטלען פליען אַף דער ערד. אינדערלופטן הערט מען נאר די „מאַמע". דאס פערד לויפט, די בייטשן קנאקן און סע שניידט אין אויער:

היט זיך! היט די ביינער!!

דאס איז אַף דער גרעסטער פערד־אַלייע, וואו די ציגיינער זיינען, וואו די ליוועראנטן זיינען...

דא שטייען די וואָגנס אין א ריי. לעם די וואגנס איז אָנגעשאטן ערד, אַז די פערד זאלן שטיין מיט די פעדערשטע פיס אַף אַ בערגל. דאן זעען זיי אויס שטאַלטנער און שענער...

דא יאָגט דורך אבי װעלכער „אראבטשטיק״ צװישן צװיי רייען בײסנדיקע, ברענענדיקע בײטשן, און קומענדיק צו טאנצן צום װאָגן, סאָפּעט ער שװער.

דא, אז מ'באַקומט א װינציק־געניטן „דיאַדקא״, באַארבעט מען אים אזוי, אַז ברענגענדיק דעם נייעם פערד אהיים, צעשרייט ער זיך נעבעך אין איין קאָל:

— געװאלד, ראטעװעט!..

און ער פירט אים שוין אָפּ אפן צװייטן יאריד, װאו מ'דאװונט פאר אים, מ'ציילעמט זיך, מ'לויפט דורך, מ'שפרינגט דורך, מ'װארפט בא אים אראָפּ די היטל, מ'שינדט אים די האנט, מ'װייזט אים די ציין, די פיס, די גריװקע.

דער „דיאדקא״ הערט זיך צו, ציילעמט זיך, פּאַטשט איבער די הענט און זאגט:

— פינף און צװאנציק!

דערנאָך פירט ער אהיים, ברענגט צו פירן און קוקט זיך ארום:

— גװאלד, ראטעװעט!

פירט ער שוין אפן דריטן יאַריד.

דערנאָך בלייבט דער „דיאַדקאָ״ אי אן אַ פערד, אי אָן געלט.

דא, אַז מע שטופּט אים ארײן, דעם דיאַדקאָ״, א „שרייער״, איז אי א געלעכטער, אי אַ געװיין.

אַ „שרייער״ — דאס איז אַ פערד מיט קראנקע לונגען, איז בעשאס ער שטייט — טרעפט זיך מיט אים גארניט. אָבער לויף מיט אים דורך אַ צען װערסט, הויבט ער אָן „שרייען״ (װייל דער אָטעם נעמט אים שטיקן), אַזוי װי אן אָקס...

אַ שטאלטן פערד און ניט קיין גרויסן צוגאב געגעבן...

„געכאפּט א גליק!״ — קלערט צו זיך דער „דיאַדקאָ״, טאַנצט ער ארוף אפן װאגן, נעמט יאגן און — אַהיים.

געקומען צולויפן אהיים.

— טפּררו!

און דער פערד ענטפערט:

— װע־ע־ע!

— געװאלד, ראטעװעט! טפּררו!!

— וועָ־ע־ע?
אוי, גאָטעניו טייערער!
— וועָ־ע־ע!

. . . .

דא זיינען ניטאָ קיין פּראָסטע פערד.
דא איז עס ניט קיין פערד, נאָר:
„אַ לייב"!
„אַן אָדלער"!
„אַן אויסגעגאָסענער"!
„אַ פויגל"!
„אַ ווינט"!
„א יונקער"!
דאָ זיינען ניטאָ קיין פּראסטע שקאפּעס, נאָר דאָ זיינען:
„א לאסטאווקע"!
„א וויכער"!
„א פעלז"!
„איינס אין דער וועלט"!
אָט האט איר, צום ביישפּיל, „א לייב".
— דאָס איז דאָך ניט קיין פערד, ס'איז „א לייב"... דו טו נאָר אַ קוק!
אַז ער גייט, אָט דער לייב, זיינען באַ אים די הינטערשטע פיס ווי אַ ווילקע. פון די אויגן רינט באַ אים, און די ריפּן זיצן שוין בא אים נעבעך אַף דער פעל.
— היט זאַאַאַך!
— דער „לייב" לויפט און די הינטערשטע פיס שאַרפען אום איבער דער ערד...

. . . .

איצט האָט איר אַן „אָדלער".
אז ער גייט אַף דער הינטערשטער, דער לינקער פוס, מאַכט זיך באַ אים:
„אַ רענדל אַראָפּ"!
„א רענדל אראָפּ"!

— דאס פערד הינקט טאקע אביסל אונטער, וואָס עמעס איז עמעס...
עס האט זיך אין וועג פאַרשטאָפּט אַ קאָפּיטע... אבער א פערד איז עס! אַ „כאָזאַיסקער" פערד! אן אָדלער!

און בא דעמדאזיקן אָ „אָדלער" איז דער לינקער קלוב אַף א פערטל העכער פונעם רעכטן קלוב.

. . . .

און אָט האָט מען איינגעשפּאַנט די „לאַסטאָווקע", זי זאָל זיך אביסל דורכפאָרן, די „לאַסטאוּוקע"... די „לאַסטאָווקע" איז א קלאַיענדיקע לויט דער פאַרבּ, מיט „קאָזינצעס"*, און אַ דאַרע, א דאַרע, א דאַרע.

אונטערן ווײדל בא דער „לאַסטאוּוקע" איז אַ גאַנצער אָפּגרונט, אַזוי שטארק איז זי אויסגעמאָגערט געוואָרן. האָט מען פאַרצוימט די „לאַ־סטאוּוקע", פארבונדן דער „לאַסטאוּוקע" דעם ווײדל לעם דער סאַמע ריפּיצע, מ'זאָל אלץ זען!—ווי אזוי זי גייט! ווי אזוי זי לויפט!

נ־נ־נאָ!

גאנצע זעקס מאַן אַפן וואָגן.

נ־נ־אָ!

פּיטשק!

און פון אָפּגרונט בא דער „לאַסטאוּוקע" טוט זיך א „זשור"!

— נ־נ־נא! (פּיטשק!)

און פון דאָרטן: זשור!

זי האָט „אַ פּרימאָטשקע", די „לאַסטאוּוקע", נעבעך.

„די פּרימאָטשקע"—דאס איז אזא פערדישע קרענק א נערוועאישע, אָדער וואָס, אַז מ'גיט זי אַ פּיטשק מיטן בייטש, אזוי טוט זיך באם פערד אומגערן א לאָז ארויס אביסעלע האַשטאָנע.

— פּיטשק!

— זשור!

— אַהאַ! ס'איז מיט א פּאָנטאַן בא אייך?! ננאָאָ!

די קלאַיענדיקע נעבעך! וואָס איז? ס'זיינען דען ניט געווען קיין צייטן, ווען זי האָט אויך פריילעך געהירזשעט אף דער לאָנקע.

. . . .

---

* אַזאַ שלאַפקייט אף די פיס.

ס'לויפן די „אָדלערס", די „לייבן", די „יונקערס", די „ווינטן", די „לאַ־סטאַוקעס" די „פעלזן", די „זאַווערוכעס"...

ס'בייסן זיי די אומבעראַכמאָנעסדיקע בייטשן, שפּרינגען זיי אונטער, שטרויכלען זיך, און פאַרהוסטן זיך.

. . . .

— איז עס דאָך גאָר אַן אָגער... מ'עט מיט אים דאַרפן האָבן צו־טאָן, ווען ער איז אַן אויסגעשיילטער...

— אַסאַך וואָס צו טאָן?! אַן אָגער? און ווען מע שניידט דיר אויס?! דו קוק ניט אַהין און קוק אַפן פֿאָרנט — אַ באַרג אַ גאַנצער!

. . . .

— אַ פערד? אין איך האָב געמיינט טאָמער אַן אָגער!

— אַן אָגער? און מיט וויפל מאַרודע וועסטו זיך פון אים אנעמען, פון אַזאַ ניטגוטן. מ'טאָר דאָך פון אים קיין אויג ניט אָפּלאָזן. דו טו אַ קוק אַפן פערד, ס'דאָך עפּעס אַ פערד ניט קיין קעצל!

— אַ פערד איז עס, דעם עמעס געזעגט, ניט קיין שלעכטס, ס'איז נאָר די קלאַיען, וואָס האָבן זיך אָף אים אויסגעלייגט? מ'זאָגט, אַז דאָס קער באַ אים זיין קאַליע בלוט, קוים ס'שיטן זיך אָף אים אויס אַזעלכע קלאַיען?

— נאַ דיר גאָר בלוט! אַ נייער מאָשל! די שקאַפּע איז געווען אַ גרויע, און דער „געשעפטס־פירער" — אַ קלאַיענדיקער. און פונדאַנעט האָסטו דיר טאַקע די קלאַיען. אַ גרויער איז ער, ווייל ער איז געראָטן אין דער מוטער. און פונעם טאַטן האָבן זיך איצט גענומען אויסשיטן די קלאַיען. פונעם „געשעפטס־פירער" אַליין, פאַרשטאַנען?

. . . .

— איר האָט געקויפט, הער פּעטראָוויטש, אַ שקאַפּקעלע?

— יאָ, איך האָב געקויפט.

— וואָס האָט איר באַצאָלט?

— איך האָב אָפּגעגעבן מיין קאַשטאַן מיט עלף צוגאָב, אַ האַלבע קוואָרט און פינף פוד ווייץ פון קומענדיקער געראָטעניש...

— וויפל זשע קאָסט אַזאַ שקאַפּקעלע, זאָגט, איך בעט אייך?

. . . .

— היט זאַאַך! היט זאַאַך!
— נ־נ־אָ־אָ! נ־נ־אָ!
— ע־ע־היי! ע־היי!

ס׳יאָגן זיך פערד, ס׳יאָגן זיך ציגיינער, ס׳פּלאָנטערן זיך קלײנינקע ציגיינערלעך; אונטער די ציגיינערשע וועגן בילן הינט, בייטשן קנאַלן, לאָשיקלעך הירזשען און אָגערס כראָפּען!

און אינדערלופטן פלעכטן זיך איבער „גאָט" מיט דער „מאַמע"...

. . . .

ס׳איז אַ יאַריד!

. . . .

IV

די זון באַקט!

באַקט אזוי, ווי זי וואָלט האָבן בא די קוואַסניקעס „כיילעך".

די שטראַלן דרינגען דיך פּאָשעט דורך און דורך, און פילן דיר אָן דעם בויך, די ברוסט און דעם קאָפּ מיט אומדערטרעגלעכער היץ.

זשלאָקעסטו קוואַס, קריכסטו אונטערן וואָגן, לויפסטו צום פּסיאָל, רייסט פון זיך אַראָפּ די קליידער, שפּרינגסט אריין אין וואַסער, און פּליושקעסט זיך דאָרט איינינעם מיט די פערד, מיט די בעהיימעס און מיט די אָקסן. און מ׳פירט פון פּס׳אָל און צום פּסיאָל אף שטריקלעך:

— אָנפּויען, אויסבאָדן.

און די פּאַרמאַטערטע, די פונעם טומל־דערשראָקענע באלעבאַיעס קריכן מיט כיישעק אין וואַסער אריין, שטעלן זיך, זויגן מיט כיישעק די וואַסער, און טרייבן פון זיך די פליגן מיט נאַסע עקן...

און פונעם עק פליען שפּריצאַלקעס איבערן פּסיאל, ווי פונעם גאַלעכס „קראָפּילע".

און העכערן פּסיאָל אַפּן פּלאַץ הערט מען ווי ס׳גייט דער מיסכער.
אייגנטלעך מער געפּילדער, ווי מיסכער.
ווייל:

— נו, וואָס הערט זיך מיט די אָקסן!
— עפּעס שאַ, ניטאָ קיין סויכער...

אַזוי וואַרפֿן מיר זיך איבער איינער מיטן אַנדערן מיט אַ וואָרט...
ווען ס'דאָ געלט אין קעשענע, וואָלט דאס געשעפט געווען אַ געשעפט...

— און די פערד?

— ס'מיט פערד אויך דאסזעלבע... וואס זשע קומט אַרויס פון די פערד, די ציגיינער מיט די ליווערא‏נטן דרייען זיך אום מיט ברוכוואַרג, און די באַלעבאַטים, אָן־אַ האבן אַרויסגעפירט, וועט זיי קיינער ניט איינבייסן, אַף געלט איז היינט באַם פויער אַ דוחק. אַקוראַט פאַרן געוועטעניש, פונוואַנען וועלן זיך צו דיר צו נעמען געלט?..

קוים ס'מאכט זיך ניט קיין „לייטישער" סוחער, האַלט מען עס צו ביז האַרבסט... ווינטער־צייט נעמט מען זיך אויספאַרקויפן, דאן וועלן מיר כאַפּן אַ זאָל.

. . . .

פיש גייט אָן... מאַנופאַקטורע אויך צו ביסלעך... געצייג פארשיידענע און באַלעבאַטישקייט... קליינינקייטן... וואָל גייט אָן. שמויסלעך רייסט מען מאַמעש פון די הענט, הינער כאַפּט מען פון די קוישלעך... אייער... פראַזשע...

דאָ איז ווינציקער טומל און מערער געשעפט...

. . . .

די זונען־שטראַלן בויגן זיך צו ביסלעך.

אַרום ווערט שטילער.

אונטער די האָרבעס, אונטער די וועגן זיצן רעדלעך און מ'בייסט צו, סע שיסן אַרויס קאָרקעס פונעם ביטערן טראָפּן.

סע שטייען פלעשער פאַרשטעקטע מיט שמאַטקעלעך. דאָס איז איי־גענע פראָדוקציע...

דאָס איז אַלץ „מאַהאָריטש".

— לעכאַיעם!

— לעכאַיעם!

— טאָ זאָל זשע אייער הניאַדע גוט לויפן און האָבן לאָשיקלעך צו דער צייט.

— זאָל זי!

און ס'בולבולקעט פון פלאַש אין מויל אַריין ווייסינקע, ריינע און גייט זיך פאַנאַנדער איבער די אָדערן, באַפאַרבט זיך דער מענטש, די

אויגן ווערן באַ אים גלאָזיקער, און דאס קאָל נעמט זיך העכער הויבן און די הענט גיכער באַוועגן...

מ'איז שוין ניט אַליין...

. . . .

אָט האט מען שוין זיך אַ צי געטאן אַהיים.

מ'שפּאַנט פערד. ס'שפּאַנט אָקסן...

אַהיים!..

און ס'האט אַוועקגעפויזעט דער פילפּאַרביקער שלאַנג פון פסיאָל צום סטעפּ־צו...

. . . .

איצט בערבט אוף דער „טאָטשאָק"...

דאָס איז דארט, וואו די פערד זיינען...

מ'בינדט אָפּ פערד פון די וועגן און מ'פירט זיי אַרויס אַפּן שליאַך צווישן די פורן.

„טאָטשאָק".

— עיי, כאַלפּאַנים, אַהער!

— ווער דאַרף אַ בולאַנע?

— ווער נעמט צו אַ דערעשז?

— היט זאַאַך!

— נ־נ־אָ־אָ!

— רעד, רייד שוין אַמאָל!

פּיטשק! פּיטשק! פּיטשק!

אַפּן „טאָטשאָק" פליען שוין „מאַמעס", „מאַמעס", „מאַמעס" אָן אַ צאָל. ווייל ס'זיינען שוין טאַקע פאַראַן היפּש אַזעלכע, וואָס האבן שוין פאַרזוכט, האבן זיך „אָנגעמאָהריטשעוועט".

פּיטשק! פּיטשק! פּיטשק!

נאָאָ! היט זאַאַך!

די לעצטע גסיסע...

נאָך אַ שאָ און ס'ווערט אויס יאַריד...

דער „טאָטשאָק" האט זיך אויסגעליידיקט. די ליווערענטן, וועמען ס'ניט ווייט אַהיים, שפּאַנען די פערד...

וועמען ס'ווייט, גרייט ער זיך דאָ אַן אָרט אַף נעכטיקן.

וואָרום מאָרגן איז ווייטער יאַריד.
די קרעמערס לייגן צונויף די סכוירעס, ס'ווערט נאַכט.
לעם די ציגיינערשע בוידן צינדן זיך שייטערס. מ'קאָכט וועטשערע...
מ'הערט שוין ניט די בעטלערס... און דער אָרגל אפן קאַרוסעל בעט זיך צו וואַנקען:

„Бросай, Ванька, водку пить,
Пойдем на работу,
Будем деньги получать
Каждую субботу"·

פאַרשטילט געוואָרן דער אָרגל אויך...
אָוונט...

און דערנאָך איז שוין באַנאַכט. אַ פינצטערע נאַכט, אַ שוואַרצע נאַכט, אַ כוישעכדיקע נאַכט!
אין אַזאַ נאַכט זיינען די ציגיינערשע בוידן — לידיק, און די ציגיינער אַליין — פּאָעזיע...
אין אַזאַ נאַכט איז די ציגיינערשע ליד אומעטיק... אָט די ליד, וועלכע די שוואַרצאויגיקע האַליע זינגט אַרום יאַשעס בויד — אָט אַזאַ מין אָ ליד:
אַ-אַ-אַ-אַ! אַ-אַ-אַ-אַ!
אַ-אַ-אַ-אַ!
אַ ליד אַ צעצויגענע ווי דער סטעפּ, אָבער זי באַקומט זיך פריי...
און דו הערסט אָט די ליד, די אומעטיק-צעצויגענע, און דו פאַרגעסט, אַז דער שוואַרצאויגיקער האַליען קער זיך וועלן גליסטן עסן, אַז זי כאַלעשט מיט אַלע גלידער, און אַז איר טאַטע „יאַשקע" לייגט אַריין אַ שיקערער אין בויד דער מאַמע אירער טויטע קלאַלעס.
אָט וואס פאַר אַ נאַכט ס'איז.
די שוואַרצע ציגיינער-קינדערלעך, וועלכע לייכטן פון אונטער די וועגן און צווישן די בוידן מיט די הוילע פּופּקעס און פייפן מיט די נעז,—די ציגיינערשע קינדערלעך קומען אויס ווי די אייניקלעך פון די העפקער-פרייע נאָמאדן, און אָן-אָ די מאָגערע, אויסגעדאַרטע ציגיינערן, וואָס

צינדט די לייז אַפֿן שייטער — זעט אויס ווי יענע, וואָס זינגט אויס אַזוי לײדנשאַפֿטלעך:

טוסיאַ, טוסיאַ, טוסיאַ.
מיר קאַמאַם צו וואָס,
איך ליב אייך גאַר ניט פֿראָסט —
עך, טוסיאַ, טוסיאַ, טוסיאַ...

אַ שוואַרצע נאַכט, אַ צויבערדיקע נאַכט.

. . . .

— האַליאַ! אַ לעבעדיקערס!

און דאָ האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון דער יונגער ברוסט אַ פֿלינקער:

אַ־טאַ־ראַ־ראַ־ראַי־ראַ!
אַ־טאַ־ראַ־ראַ־ראַי־ראַ!
אַ־טאַ־ראַ־ראַ־ראַי־ראַ!
אַ־טאַ־ראַ־ראַ־ראַי־ראַ!

און וואַנקע האָט זיך אַ לאָז געטאָן דריבנע־דריבנע אַרום דעם שייטער.

און ניט ער גייט, נאָר ער שווימט! און דאָס פֿייער לעקט אים די כאָליעווקעס, און פֿון דער ברוסט רייסט זיך באַ אים:

— עך! מאַ! אַוועק, אַוועק!

און וואַנקע פֿאָרט אַרויס מיט אַ פֿריי־ציגײַנערש שטיקל און די הענט קלאַפּן אויס אין די כאָליעווקעס צום טאַקט:

— טראַ־טאַ־טאַ!

שפּרינגען אויף פֿון די וואָגנס צעפּודעטע מענטשן, קראַצן זיך אָן, שטעלן זיך אָן אַרום דעם שייטער, פּלעסקען אין די דלאָניעס, העצ־קען־אונטער מיט די פֿלייצעס און טופּען־צו מיט די פּיסלעך:

אַ־טאַ־ראַ־ר אַ־ראַי־ראַ!
אַ־טאַ־ראַ־ר אַ־ראַי־ראַ!

— עך, און לעבעדיק!
— בראַוואָ, וואַנקאָ!

און וואַנקא שווימט אַרום דעם פייער און נאר די פיס גייען באַ אים כאָדאָראָם. און אויסגעגלייכט איז ער ווי אַ סטרונעלע.

— עך! עך! עך!

וואַנקא קנאַקט מיט די זאַקאַבלוקעלעך, זעצט מיט אימפעט, זעצט מיט ברען, פונקט ווי דארט אַף דער ערד אַרום פייער וואָלט זיין ביטערער גורל אויסגעצויגן געלעגן, אַזוי ווי דארטן צווישן „פאָדאָראָזשניק" קומט צו אים ארויס זיין שלים־שלימאַזל, זיין ניטדערעסן, זיין ניטדערשלאָפן, זיין יונג ווייבס פאַרדאָרבנקייט, די שמוץ, דאָס קויט פון זיינע קליינע קינדער, די קרענק פון זיינע דערהאַרגעטע הונגעריקע פערד...

— עך! עך, עך!

איין מאָל! און נאָך אַ מאָל!

מיט די זאַקאַבלוקעס! מיט די זאַקאַבלוקעס! איבערן שלימאזל, איבערן ביטערן ציגיינערשן גורל, מיט די זאַקאַבלוקעס!

ס'האָט זיך אויסגעלאָשן דער שייטער...

... שטיל אַפן פלאַץ.

... הויל אַפן פלאַץ.

ס'לייכטן דורך אינעם כוישעך דיביידלעך.

ס'גרויען די ציגיינערשע בוידן...

ליגסטו אפן מיטן פלאַץ, אונטערן קאָפּ א הייפל היי און אַפן קאָפּ — אַ איימעדיק־גרויסע, שוואַרצע זיפּ דורכגעבאקן מיט מיליאָנען־מיליאַסן שטערנדלעך...

... אַ פערד האט אַ הירזשע געטאָן.

אַ בייטש האט אַ פיטשקע געטאָן.

אַ ציגיינער האָט זיך אויסגעזידלט.

אַ הונט האָט א ביל געטאָן.

שאַ... שטיל...

שלאָפן...

. . . .

טפפרו! שטיי!

די זון קאַלופעט זיך שוין באַ דיר אין סאַמע מויל מיט איר אַ גאָלדענעם שטראַל.

— אופגעשטאַנען, כעוורע!

און מ'פּאָרט שוין ווייטער, און מ'נאָקעט און מ'העקעט און מ'צאָבע־קעט און מע טפּרוקעט און מ'שווערט זיך און מע ציילעמט זיך...

דער צווייטער טאָג.

אין קאָפּ קלינגען גלעקער.

די פיס שלעפּן זיך נאָך, די אויגן שליסן זיך...

— אַהיים! מ'זאָל גיכער פאָרן אַהיים!

— מ'עט שוין גיך!

— רעד! רעע־עעד!

פּיטשק! פּיטשק! פּיטשק!

און אין קאָפּ האַלט אין איין:

דזען! דזען! דזען!

שפּאַן די פערד! אַהיים!

לויפט די שקאַפּע, שפּרינגט נאָך פונהינטן אַ רויט לאָשיקל...

אַהיים!

זיך אָנגעיאַרידעוועט.

און אין פּאָנעם אַריין בלאָזט אַ גרינג ווינטעלע, דעם געפּילדער דעם יאַרידנעם וויל ער פון קאָפּ אויסלופטערן!

— נאָ־אָ!

. . . .

— היט זאַך! איך וועל צעמאָלן אַף טאַבעקע! עך, אין דיין מאַמעס־מאַמעס־מאַמען אריין!

— קאָדויש־קאָדויש־קאָדויש!

קוק זיך אום אַף צוריק, קייקלט זיך פון באַרג אַ וואָלקן שטויב און פון וואָלקן אַרויס שניידט זיך די לופט אין אַלע פיר זייטן:

(מאַמעס מאַמעס־פערעמאַמעס מאַמען אריין).

דאָס יאָגט אַליאָשקע אַזוי... ער האָט זיך אָנגעמאָהריטשעוועט ביזן סאַמע בערדעלע... ער זיצט אַף די קני אין וואָגן, אין איין האַנט האלט ער די לייצעס און אין דער צווייטער — די בייטש, און שינדט מיטן בייטש־שטעקל זיין פּאָר הניאַדינקע פערדלעך.

— נאַ־אַ! איך וועל אַרויסקוועטשן די „קוטניצעס!" אַלעמען וועל איך צעמאָלן אַף טאַבעקע, אין ויידנס מאַמען אריין!

— שטיי, אַליאָשע! האַלט! דו וועסט טאַקע אַף אַן עמעסן צעמאָלן.

— היט זאַך! אַליאָשע פּאָרט, אַליאשע וועט איטלעכן צערייבן, וואָרום אַליאָשע, ברודער, איז א ליוועראַנט איינער אין קאַנט; אַליאָשע, ברידערל, איז א איידעלער ליוועראַנט; אַליאשע, ברידערל, איז דער קליגסטער פון אַלע. אַנו, זיי א בעריע, זוך אויף א קליגערן פון מיר! אַהאַ! וועסט טאַקע ניט אפזוכן, ברידערל; אַליאשע קען איטלעכן פאַרדרייען! נאָך אַ מין פאַרדרייען! זעסטו שוין? נאָ־אָ! פערדאַטשעס! היט זאַך!

„פערדאַטשעס"! נ־נ־אַ! אַליאָשע פאַלט אַפן וואָגן מיטן פּאָנעם אַראָפּ, די „פערדאַטשעס" זעצן זיך אַף די קריזשעס, אַליאָשע האקט זיך מיט דעם שטערן אין פעדערטייל פון וואָגן.

— נ־אָ־אָ!

האָט מען צוגענומען בא אַליאָשען די לייצעס און אים אַביסעלע באַרוּאיקט.

— טרייב אָן פּאַמעלעכן...

פּאָרט דער „ליווערענט, וואָס איז איינער אין קאַנט", און מאכט מיט דער רעכטער האַנט אינדערלופטן.

— איך וועל איטלעכן פאַרדרייען. איטלעכן וועל איך פאַרדרייען! זעסט? אָט אָ אַ פּאָר פערד! איך וועל זיי דיר פאַרשיקערן אין איין שאַ! דו ווילסט? פאַרקערעווע, מירן אלץ פארשיקערן! פאַר־קע־רע־ווע! זאָלן אלע וויסן, ווי אַזוי אַליאָשע הוליעט! נ־אָ־אָ!

— זיך, אַליאָשע, וואָרום מ׳וועט דיך בינדן!

— נאָ־א־א! דו ווייסט ווער איך בין? ! איך בין, ברודער, ניט קיין נאַר, איך בין ניט קיין נאַר! האָסטו שוין אַמאָל פאַרמאגט אַזעלכע פערד? נג־א־א־אָ! אָט פערד! ס׳איז גאלד, ניט קיין פערד! — און אַליאשע לאַכט און פאַרגיסט זיך, אַפן וואָגן ראַקאָם ליגנדיק.

— שטיי, טפפררו! שטיי, זאג איך דיר! וואָרום אָט דער הניאַדער איז שלאַף, ער וועט פייגערן. שטיי, יאָג ניט, וואָרום דאס פערד איז אַ קראַנקס! א גוט פערד, נאָר אַ שלאַפּס נעבעך...

און אַליאָשע וויינט שיין און טרערן גיסן זיך פון אים טייכנווייז און מיט ברודיקע טראָפּנס. אף אליאשעס בלויער העמד קאַפּען זיי.

... אַנשלאָפן געוואָרן איז אליאשע. ער האָט זיך אָנגעלייגט מיטן שטערן אַפן „שוואָרען" און שטייענדיק שלאָפט ער אַף די קני, אַליאשקע.

דער וואָגן העצקעט זיך און אַליאשע קנאַקט מיטן שטערן איבערן „שוואָרען".

דו קוקסט עס אָן און ווייסט ניט ווער וועט וועמען בייקומען, צי וועט אַליאָשעס שטערן דעם „שוואָרען" צעפּלעסקן, צי ס'וועט דער „שוואָרען" אַליאָשעס שטערן צעפּלעטשן.

ס'פאָרט פון יאריד א „איידעלער ליוועראַנט"...

ער פארט און די הויזן זיינען באַ אים נאַסע און פון וואָגן רינט א רינוועלע.

— אַליאָשע! דער וואָגן שווימט, ועסט נאָך דערטרינקען ווערן!

— האַ?! נ־נ־אָ־אָ!

זיך א הויב געטאן און ווייטער אומגעפאַלן.

אַליאָשע האָט זיך אָנגעיאַרידעוועט.

. . . .

אינדערהיים...

אַפילע אף מאָרגן נאָך קלינגט דיר אין קאָפּ:

— היט זאַאַך!

— רעד! רעעעד!

— נאָ־אָ!

— קוואַס! אַלטוואַרג!

— פיטשק! פיטשק! פיטשק!

. . . .

אַ יאַריד.

. . . .

דער אַלטער מאַטוויי

אין דאָרטן לעם די ווייצענע שאָקן פּאַסעט דער אַלטער מאַטוויי די גענדז.

— אַ גוטער אייך, זיידעניו מאַטוויי!

— אַ גוטער!

— וואָס מאַכט איר עפּעס גוטס?

— נישקאָשעדיק.

אָבער דער אַלטער מאַטוויי ענטפערט ניט „נישקאָשעדיק", נאָר ער דערציילט וועגן דעם, וואָס ער מאַכט, אַף זיין אייגענעם אופן.

זייער „האַרבּ" רעדט ער, דער אַלטער מאַטוויי.

ביכלאַל איז די שפּראַך בא דעם אַלטן דאפקע אַ געגריייזלטע און נאָך יעדער אויסדריק און נאָך יעדער וואָרט „דרייט ער אָפּ", דער אלטער, און ער דרייט אַזוי אָפּ, אַז קיינער אַפן קאַנט קען עס אַזוי קונציק ניט אויסדרייען.

דער אַלטער איז אין אָט די געשעפטן שוין דאפקע דער עמעסער אַר־כיטעקטער. באַ אים זיינען דאָ אַזויפיל גאָרנס מיט אַזויפיל געזימסן, מיט פּוצעכץ, אַז באַם אַלטן מאַטוויי איז דער לאָשן ניט קיין לאָשן, נאָר אַ האַפּט אַן אויסגעהאַפטנס פון „גאָט", „נעשאָמע", „קריסטוס - יעזוס" און „מאַמע".

דאָס איז נאָך פון קליינוויז אוף, זינט ער האט אנגעהויבן שעלטן די פּריצים, איז עס אים פאַרבליבן ביזקל היינטיקן טאָג.

כאָטש קיין פּריצים זיינען שוין היינט ניטאָ, אבער דער אַלטער מאַט־ווײ איז דאָך ניט מעכוייעוו צו 73 יאָר זיך אָנהויבן אָפּגעוואוינען.

— אָט דאָס אָ, בעשאַס דער טאַטע האָט מיך געוועזן אַרויסגעוואָרפן נאָך א קלייניקן אַזאַ־אָ אונטערן פּלויט אַרונטער, בין איך אופגעשטאַנען און זיך צעגאנגען, און זיך צעגאנגען!.. און אַלט געוועזן בין איך דאַן, נו, ווי זאָל איך אייך זאָגן, ניט קיין יינגל, ניט קיין באָכער. נו, האָב איך זיך עס פּאַר מיין ביסל לעבן אי אָנגעזען, אי אָנגעהערט. פונדעסטוועגן איז עס נאָך נישקאָשע... ס'האָט ניט אומגעוואַלגערט פון די פיס. איך לעב און איך וועל נאָך עפּשער לעבן און לעבן, וואָרום איצטער זיינען מיר פונאויבן...

. . . .

איצט איז ער, דער זיידע, פונאויבן!..

שטייט ער זיך, דער אלטער מאַטוויי, אינמיטן פעלד, רעכטס פליסט דער פּסיאָל, פונפאָרנט שפּרייט זיך א לאָנקע. סאַי די לאָנקע, סאַי דאס פעלד, סאַי דער פּסיאָל און אַלץ ארום איז איצט... איצט „זיינען מיר שוין פונאויבן".

שטייט זיך דער אלטער מאטוויי אפן שטעקן אָנגעשפּאַרט. ניט קיין הויכער איז ער, דער אלטער מאַטוויי, אין א ווייס לייוונטענעם קאַמזויל און אין ווייסע לייוונטענע הויזן, אין א שווארץ היטל אָנגערוקט איבער די ברעמען, און ער קוקט, דער אַלטער מאַטוויי, אַף אַלע פיר זייטן, קוקט מיט זיין שוין ניט גאָר זעענדיקע אויגן... און די פיס באַם אַלטן מאַטוויי זיינען שוין אביסל קליטשעוואַטע און „קורצינקע כאַליעווקעס" שליאמפּען שוין אים איבער די דינינקע ליטקעס. ער גייט אין שטיוול, דער אַלטער מאַטוויי, וואָרום:

— ע! סע שטעכט זיך! די סטערנע שטעכט...

און וויפל האבן שוין דעם אַלטנס אויגן, — וואָס איצט דערזעען זיי שוין ניט אביסל — וויפל האבן זיי פאר די 73 יאָר איבערגעזען זאַכן! און וויפל האבן אָט די, שוין אביסל קליטשעוואטע, פיס, — וויפל זיינען זיי שוין אויסגעגאנגען ווערסטן! און וויפל האבן אט די צערעפּעטע הענט דעם אַלטנס, וויפל האבן זיי שוין איבערגעשלעפּט! און וויפל האט דעם אָ אַלטנס מאטווייס רוקן אף זיך איבערגעטראגן!..

עפשער טאַקע דעריבער וואַשן זיך באַ אים די אויגן איצטער אין טרערן, וואָרום:

— איך זע שוין ניט איצטער, אין אַלדע שוואַרצע יאָר, אזוי ווי איך האָב אַמאָל געזען... דער לינקער נעמט זיך אָן מיט טרערן און פאַרלויפט מיט אייטער. מ'האָט געזאָגט, אַז מ'זאָל מיט טריאַנקע אויסוואַשן. — האָב איך אויסגעוואַשן — איז העלפט ניט... אָט, איך זאָל האָבן א איי באַ זיך, איז פאַר פינף רעגעס הייל איך זיך אויס; איך ווייס אזא רעפוע פון א איי, וואָס ווען איך באַשמיר נאָר, ווער איך פאָטער אזוי ווי מיט הענט אָפגענומען.

עפשער דעריבער זיינען די פיס באַם אַלטן מאטוויי אביסל קליטשע־וואַטע, ווארום:

— איך וועל שוין דיר ניט אַ לויף טאָן ווי איך פלעג אמאָל לויפן. טרעפט זיך, אז א גענדזל, פייגערן זאָל עס אים, טוט אַ לויף, קען איך שוין אייך ניט דעריאָגן... אָט ווי!..

און די הענט באַם אלטן מאטוויי וועלן שוין זיך אזוי גיך קיין אייצע ניט געבן מיט דער קאָסע, און דער רוקן באַם אלטן מאטוויי וויל זיך שוין אזוי גיך ניט איינבויגן און אויסגלייכן...

אָבער מוט פארמאָגט ער נאָך, דער אלטער מאטוויי, דעמזעלבן וואָס אמאָל:

ווארום איך וועל זיך ניט אונטערגעבן; אף מיין וואָרט, אז איך וועל זיך ניט אונטערגעבן, און טאָמער דערזע איך עפעס א ניט־עמעסדיקייט, טאָ געדענק. צוליב ניט־עמעסדיקייט איז באַ מיר אָט דער שטעקן פאר־שניצט...

איך וועל גלייך מאַכן קאַפוט... אָן איבערטראכטענישן...

נו, האב איך זיך אביסל אָנגעאַרבעט, אויב די ווילסט וויסן, פאַר מיין ביסל יאָרן. אף מיין וואָרט, אַז ניט ווינציקער ווי אזא אָ בארג, וואָס אָן־אָ, האָב איך אויסגעהאָדעוועט פון זיך האָרעוואַניע. אַז איך בין אוועק דעמאָלט פון אונטערן פלויט צום פאָרעץ, זיך באַשטעלט די שאָף פאַסען. כוואַין האט ער, דער פאָרעץ דערדאָזיקער, געהייסן זאָל זיך אים דאָרטן גרינג שלוקערצן, אויב ער האָט אויך ניט אָפגעזאָגט די עטלעכע גילן!

— אַ וועלכער כוואַין איז עס, זיידעניו? ס'עפשער פאַלץ־פיין?

— נו, יאָ. אַדיוואַרד איוואַנאָוויטש, זיי זיינען געווען צווייען זייערע: אייגער—אַדיוואַרד איוואַנאָוויטש, און דער צווייטער—איליאַ איוואַנאָוויטש. פעלדער האָבן זיך באַ זיי געטאָן, פעלדער און סטעפּעס, וואָס, שטעל זיך אוועק, וועסטו קיין סאָף און קיין ענדע נישט זען. און כודאָבע!—די כוראָבע זיינע! און שאָף!—שאָף באַ אים איז געווען אַ שלאַל, אַ שלאַל! פיר יאָר האָב איך איבער די סטעפּעס דידאָזיקע אויסגעיאָגט, און דער־נאָך האב איך זיך א צי געטאָן צום שוואַרצן יאַם, צו די קאַזאַקן. בין דאָרט געווען א היי־שניטער.

ער פלעג דערלאַנגען, דער באַלעבאָס, די עמעסע גלאָז בראָנפן:

— רייב, מאטוויי!

נעמסטו דערנאָך די קאָסע אין די הענט און טוסט זיך א נעם, טוסטו זיך א נעם אינדערלענג און דער באַלעבאָס שטייט שוין נאָר און טוט אַלעמאָל מיטן האנט א מאַך, וואו זיך פארקערעווען! דאַן זיינען די סטעפּעס געווען פראַנק און פריי, וויפל ווער ס'האָט אויסגעשניטן, אזוי פיל האָט ער געהאַט. אזוי, אז קיינער פלעג זיך מיט מיר דאַן ניט אויס־גלייכן. וויפל איך האב שוין דעמאָלט ארונטערגעלייגט אָט דאָס גראָז דאָס סטעפּישע, אַלץ מיט די אָ צוויי הענט... און זיך דערנאָך אומגע־קערט אהיים... דריי און דרייסיק יאָר זיך אָפּגעטופּקעט אין דער עקאָ־נאָמיע אין דערדאָזיקער, באַם פאַן קארעצקי.

— דריי און דרייסיק יאָר?

— דריי און דרייסיק יאָר אזוי ווי איין גראָשן, אי פאַר אָפּארבעטן אי אַף א טעכמין... אי ווינטער, אי זומער... אי אין רעגן, אי אין שניי... און דער פּאָרעץ איז געווען א דולער. ער גייט אזוי ארויס אין פעלד און נעמט זיך יאָפּקען, נעמט זיך יאָפּקען. ער האָט זיך שוין, דער רועך זאָל אים נעמען, געקענט יאָפּקען, שוין איינמאָל געקענט... יאָפּקעט ער און יאָפּקעט און איך שווייג, און ערשט דערנאָכדעם מאַך איך שוין צו אים:

— געענדיקט, פּאָרעץ?

— געענדיקט.

— טאָ לאָזט מיך שוין איצט אָנהויבן...

און צו אים:

— ביזוואַנען וועסטו זיך עס, האָב דיר אזוי און אזוי, הלומען פון אונדז?

און אז איך צעגיי זיך, און איך צעגיי זיך,—ער יאָפּקעט שטאַרק און איך שטאַרקער; ער שטאַרק און איך נאָך שטאַרקער, דאָ טוט ער זיך אַ ריס:

— אין טורמע אריין וועל איך דיך פאַרפּאַקעווען, הונט מיט אויערן דו!

— די טורמע—מאַך איך צו אים—איז אונדזערע! וואָס שרעקסטו די געגנדז? ס'נאַר, וואָס איך וועל נאָכאַמאָל אַראָפּקומען ווען עס איז פון טורמע, איך וועל זיך דאָך דאָרט ניט עלטערן, וואו זשע וועסטו זיך דאַן אַהינטאַן? איך וועל דאָך דיך פאַרברענען! אף אַש, אַף אַ באַרג מיט אַש!

דאָ פלעג ער ארופשפּרונגען אַפן פערד און ניט סטאַיען...

פיר זיינען מיר געווען אזעלכע... איינער פון פעדעריוקע, איינער פון די פעסקעס, איינער פון בראָוואַרקע און איך פון מאַנוילאָווקע...

ווער, ווער, מיר זיינען קיינעם ניט געווען אונטערטעניק...

דער פאָרעץ פלעג דעמאָלט זאָגן:

— פון יעדער סלאָבאָדע צו איין הונט-מיט-אויערן.

און ער האט געציטערט פאר מיר; זאָל איך אזוי לעבן, אז געציטערט!

ס'האט שוין טאקע איינמאָל אַפילע געהאַלטן באַ זיצן אין טורמע אויך... איך האב שיר ניט דערהאַרגעט דעם עקאָנאָם!.. אריינגעלייגט האב איך עס אים!

— פאַרוואָס?

— פאר ניט-עמעסדיקייט... איך האָב געווען געפירט סנאָפּעס פאַר אָפּארבעט. א שווערע אָפּארבעט געווען. דער פאָרעץ גיט דיר א דע־סיאַטין ערד און דו דאַרפסט פאַר דערדאָזיקער איין דעסיאַטין דריי דעסיאַטינעס אויסשניידן, אויסבינדן, צונויפירן און צונויפלייגן. און די אַלטע מיינע האט דעמאלט געשוואנגערט מיט אַט דערדאָזיקער טאָכטער מיינער, און די גארבן זיינען ווי די בערג... און די שטויגן ביזן הימל... שטיי איך אַפן שטויג און די אלטע דערלאַנגט מיר סנאָפּעס פון דער האָרבע. גיי ווארף סנאָפּעס, אז זי האַלט זיך אָט-אָט-אָ באַם צעשיטן... און ער, דער עקאָנאָם, הייסט עס, גייט ארום, א ווייטיק אים אין פּאָ־גנעם, און מ'קען אים בעשום אויפן ניט צוטרעפן: ס'ניט אזוי און ניט אזוי! ביז ער איז ארוף אַפן שטויג און זיך א כאַפּ געטאָן צעווארפן דאָס, וואָס איך האב ארופגעלייגט... אַז איך דערלאַנג אים ניט אַ שמייס אראָפּ

פון שטויג, און אליין נאָך אים, זיך ארופגעזעצט אף אים. האָב איך אים שוין ארייגעלייגט וויפל דאס האַרץ האט נאר געגלוסט. מ'האט אף מיר אָנגעגעבן, אָבער איך האב זיך אויסגעדרייט, — מ'האט איינגעפונען, אַז דער עקאָנאָם האט זיך אופגעפירט ניט ריכטיק!.. און איך האב זיך ניט אונ־טערגעגעבן... אפילע נאָך דעמאָלט האב איך ניט געהאַט קיין נאטור פון זיך אונטערגעבן. מע פלעג מיך דעמאלט אויך רופן... ווי אזוי איז עס... ליווארוציינער — האבן זיי מיר גערופן. איך האָב נאָך דעמאָלט געווארט אף דערוף. און האָב געוואוסט, אז ס'וועט אזוי זיין; ס'וועט אזעלכס זיין ווי דאָס, וואס ס'איז איצטער געוואָרן: א רעוואליוציע... און אָט דאָ, אז ס'איז שוין אזוי געוואָרן, האב איך נאָך קיין איין פאַר־זאמלונג אין זאַמלשטוב ניט דורכגעלאָזן און איך קלער צו זיך אַלץ: „וואס וואלט עס דער פאָרעץ דערוף געזאָגט, ווען ער לעבט נאָך איצ־טער?"... קאַפּאָרע געוואָרן דער פאָרעץ, נאך פאַר דער רעוואָליוציע געפייגערט. גיי איך זיך אף די פאַרזאַמלונגען און הער, וואס ס'רעדט זיך. אויס פריצים.

ניטאָ אפילע קיין איינער אַף קיין רעפוע. און איך האב דריי און דרייסיק זומערס און דריי און דרייסיק ווינטערס דורכאנאנד מיט אָט די אָ הענט געפּאַקעוועט דעם פאָרעצס „סאלאָ" אונטערן קאָלנער ארונ־טער.

אָט ווי ס'האָט זיך געפירט! און איצט זיינען מיר פונאויבן... גיי איך ארום און קוועל אָן, פלוצים דערהער איך, טוט מען אַ זאָג „העטמאַן" און ווייטער אמאל „דייטשן". זיי זיינען צו אונדז אויך אראָפּגעקומען... מ'שלאגט, מ'נעריגט... צי דען, קלער איך, איז שוין אלץ פארפאלן?.. זיי זיינען געקומען, די דייטשן, אונדז אופגעקליבן אלע אפן פלאַץ און אליין ארום אונדז... וואָס זשע וועט עס זיין? — קלער איך צו זיך... און מיט זיי זיינען אונדזערע „קאַראַטעלנע" אויך... מ'האָט שוין אנ־דערע זייער געקאַטעוועט. שטייען מיר... נעם איך און רוף זיך צו זיי אָן:

— ערלויבט — זאָג איך צו זיי — פרעגן ווי אזוי זאָל מען אייך אנטי־טולירן?

איך האב שוין געהאַט געזען, ווי אזוי איינער האָט זיי א פרעג געטאָן:

— וואוהין פאָרט איר עס, כאוויירים?

אז זיי טוען זיך א וואָרף צו אים מיט די קאַנטשיקעס:

— כאַוויירים, זאגסטו?

און זיי האבן אים אויסגעריסן שטיקער פלייש.

דעריבער האב איך שוין געפרעגט, ווי אזוי זאָל מען זיי אנטיטולירען? צי „גאספּאָדאַ" דאַרף מען זיי זאָגן, צי „בלאַגאָראָדיע"?

טאַנצט איינער אונטער און מיטן קאַנטשיק מיר איבער די פּיס:

— אַן אַראַטעל?! — זאָגט ער.

„שלאָג" — קלער איך זיך — מירן נאך דיך אויך אמאָל דערלאַנגען.

וויפל זיי האבן עס דעמאָלט בא אונדז מענטשן איבערגעשמיסן?

די בורזשויעס האבן אונטערגעזאָגט...

און דערנאָך האָבן מיר זיך פונדעסטוועגן ווייטער ארופגעכאַפּט פונ־אויבן.

ס'האט זיך א שיין ביסל געטאָן, ס'האט זיך שוין געטאָן גענוג. אבי מיר זיינען איצט פונאויבן.

און אַז מאַכנאָ איז געווען, אנומלטן פּייסעך־צייט, זיך ארייגעכאַפּט אין דאָרף אריין. אָט דעמאָלט האב איך שוין געהאַט צו זינגען אָן צו זאָגן... סאַוועקן מיינעם, האט ער, דער ניט־גוטער, שיר ניט צר־רעכט געמאַכט אף אייביק. 8 מאָן האט ער דעמאָלט צעטעסעט אף שפּענער... דעמאָלט האָט זיך סאַוועקאָ אקוראַט געווען אומגעקערט פון דער רויטער ארמיי. נעמט ער ס'קינד אפן האנט און גייט אוועק צו דער מעכוטענעסטע... און די מאַכנאָווצעס האבן זיך פונקט „ארייגעכאַפּט", און ער האט זיך נאָך צוגעפּוצט, זיך אָפּגעגאָלט. ווי זשע? — מ'קומט פון סאָלדאטן.

אים דערזען, מאַכן זיי:

— דיין דאָקומענט.

און בא אים זיינען אקוראַט געווען אזעלכע פּאַפּירן, אַז מ'צייכנט אים אָן אַף קורסן אזעלכע שיקן.

האבן זיי אים פארנומען גלייך מיטן קינד און אין שטאַב אריין! און מיר וויסן דערווייל פון אים גאָרניט... מיר זיצן בא אַ שאָכן אף וואר־מעס, בא יענעם איז די ווייב אקוראט אוועקגעפאַלן.

פון וואַנען, פון וואס קומט צו לויפן א שכיינע:

— מ'האָט פארנומען אייער סאַוועקן!

האָב איך זיך אופגעכאַפּט מיט דער שנור, ניט טויט, ניט לעבעדיק, און אין שטאָב אריין. דער שטאָב איז איינגעשטאַנען אין ניי־מאַנוי־לאָווקע... לויפן מיר אזוי אינצווייען... און די שנור, כאָטש זי איז מיטן קינד, אבער זי איז א יונגע. און איך, ווי איך קען. ווי קען איך שוין לויפן. לויף איך און דא אונטערן לעפּעלע איז מיר ביטער, אוי, ביטער. איך בין ניט דערלאָפן אום שטאָב, אזוי ווי אָט פונדאַנען עפּשער ביז אט יענעם אָפּטרעט, און פאַל אום. כאַפּ איך זיך אוף און לויף ווייטער.

געקומען צו לויפן, פאַל איך אנידער אף די קני און וויין, ווי ס'מיר צוגעקומען:

— סאַווקען מיינעם — בעט איך — גיט מיר אָפּעט, ער איז באַ מיר אַ איינאונאיינציקער און מיט קליינע קינדער!..

און מאַכנאָ זיצט אַזוי באַם עק טיש, און לעם אים — די מאַליציגירן... איך מיט דער שנור פאַלן מיטן פּאָנעם צו דער ערד, און מיר וויינען און וויינען. פּלוצים גייט אַריין עפּעס אַן אַדיוטאַנט... מיט אַזאַ אָ קאָפּ האָר, ווי ס'מאַכט זיך אַמאל אַ הונט אַ געקרויזטער.

— אַ טעסע טאָן אַבּיסל, טאַטעלע? — פרעגט ער.

ערשט דער־אָ רופט זיך אָן:

— פארקלייב זיך! אין „פּאָכאָד" דארף מען!

ווייזט עס אויס, אַז זיי דאַרפן מאַכן פליייטע.

און דערנאָך רופט ער זיך אָן צו סאַווקען:

— היינט איז שוין דיין גליק!.. גיי!

און יענער, דער געקרייזלטער, בעט זיך נאך:

— עפּשער דאַרף מען אים, טאַטעלע, ארייינצייילן כאָטשבע וויפל ס'ניט איז קאַנטשיקעס?

— ניין, מ'דאַרף ניט, פאַרנעם זיך.

אַזוי האבן מיר זיך אַרויסגעכאַפּט מיט סאַווקען לעבעדיקע.

און אַכט מאַן, באָכערים איינס און איינס, האָט ער צעטעסעט אַף שפּענער.

ער דערציילט אויס, דער אַלטער מאַטוויי, וועגן זיין לעבן, און ער רויכערט דערביי די ליולקע און שפּייט זיך אָפּ און אין זיין קאָל, דעם אַלטן מאַטווייס, הערט זיך עפּעס אַ קראַפּט אַן ערדישע...

איבערגעקומען, אַלץ איבערגעקומען.

— אָבער זאג נאָר מיר, איך בעט דיך, וואס איז עס עפּעס פאַר אַ זאַך די שעך־פאַלקע? פונוואַנען האָט זיך עס גענומען?

—דאָס איז, זיידענקע, אונדז צו הילף, דעם דאָרף, אַז מ׳זאָל זיך גי־כער ארויספּלאַנטען פון דער פינצטערניש... די אַרבעטער אין שטאָט, זיי זיינען באַוואוסטזיניקערע, האבן זיי זיך גענומען פאַר שעפן, זיי זאָלן אייך אַרויסהעלפן...

— אָט וואס דאס איז פאַר אַזעלכס! אָט דאס הייסט, אַז פריער האבן מיר זיי אונטערגעהאָלפן און איצטער ווילן זיי אונדז טאָן העלפן. ווארום איך בין דאָך אַליין אויך געווען אַ שעך־פאַלקע איבער אַ „לאַ־זאַרעט״...

אונדזער דאָרף האט זיך אונטערגענומען אויסהאַלטן אַ „לאַזאַרעט״, האָט מען מיך אויסגעקליבן; פלעג איך זאַמלען אייער און פלעג זיי פירן קיין קרעמענטשוג אין „לאַזאַרעט״ אריין. דארטן פלעגן ליגן סאָלדאטן פון דער רויטער אַרמיי, שלאָפע און פאַרוואונדעטע. און פאַרוואָס האט מען עס מיך אַקוראַט אויסגעקליבן? —פאַר דערפאַר, וואָס דו וועסט באַ מיר, ברודער לעבן, זיך ניט איבעריקס נאַשן... באַ מיר, ברודער, וועט אַ גוטע קרענק זיך עפּעס צוקלעפּן צו די קעשענעס,— איך וועל אַלעס, ברידערל, ביז אַ פּיצעלע צום „לאַזאַרעט״ ברענגען! איינמאָל האט זיך געטראָפן, אַז מ׳האט מיר עפּעס אין קאָמיטעט ניט דערעכנט קיין פופצן אייער... איך טו אַ קוק, ליגן זיי אַלע אונטערן שאַפע... בויג איך זיך אָן, ערשט זיי זיינען מיט לעכלעך. די באָכערים זאָגן — דאָס האבן מייז אזוי, זיידעניו...

ענטפער איך זיי אָף צוריק:

— מער — זאָג איך — זאָלן מיר אַזעלכע מייז דא ניט שמעקן, וואָרום איך וועל אָפּטשובען די קעפּלעך איינס און צוויי! אויב מ׳האָט פאַר די „פאַרוואונדעטע״ אופגעזאַמלט, דארף עס די „פאַרוואונדעטע אַריינ־קומען, לעם מיר ווערסטו ווינציק נאַשן...

איך פלעג אָנפאַקעווען א פור און—קיין קרעמענטשוג אין „לאַזאַרעט״ אַריין.

איך ברענג צופירן:

— גאָט העלף.

— גאָט העלף, זיידענקע.

— איך האב אַייך געבראַכט „וואָספּיטאַניע”!

און איך הויב זיך אוף און גיי אין פּאַלאַטע אַריין... און דער דאָקטער גייט מיר נאָך פוסטריט. גיי איך צו צו איין שלאָפן, אַ טאַפּ דעם „טוכליאַק”:

— איבערבעטן, וואָרום ער טויג ניט!

איך גיי צו צום אַנדערן כוילע, טו אַ טאַפּ:

— איבערבעטן!

— און איך האב אייך געבראַכט פרישע „טוכליאַקעס”.

און איך טראָג אַריין ברויט, טראָג אַריין אייער:

— עסט, כאַווייריִם „פּאַרוואונדעגטע”!

רופט זיך אָבער אָן דער דאָקטער:

— מ'טאָר אַזוי ניט, זיידעניו, זיי דאַרפן עסן לויט אַן אָנווייזונג.

— וואָס הייסט — זאָג איך — מ'טאָר ניט? זאָלן זיי עסן און אַף זיך אָנעמען לייב. עסט, איר זאָלט מיר ביז אַ פּיצל אופעסן אָט־אָ־דאָ גלייך פאר מיר אין די אויגן.

— ניין, — זאָגט דער דאָקטער — אַזוי טאָר מען ניט, מיר וועלן זיי אַליין ארויסגעבן וויפל מ'וועט דאַרפן.

— נו, — זאָג איך — גיט אַליין אַרויס, אָבער ס'זאָל אַלץ ביז אַ פּיצל זיי אַריינקומען!

— איר מעגט זיין רואיק.

אַ וואוילער דאָקטער געווען...

און פאר וואָס, — זאָג איך, — איז עס באַ אייך די לופט אין „לאַזאַרעט” אַ שווערלעכע? מ'דאַרף אופראַמען, דאַרף מען.

האבן זיי די רעגע אויסגעוואשן, צוגעשפּריצט מיט קאַלבאַל־זייערקייט.

— אָט אזוי, — זאָג איך, — איז מיר געפעלן! אזוי דאַרף טאַקע זיין!

זיי גייען נאָך מיר נאָך און פאָלגן יעדעס פּיצעלע.

אויב איך בין אַ שעך־פאלקע, איז עס שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך!

איך האָב ליב דעם עמעס, איך קען צערייסן ווי אַ הערינג, אויב דו גייסט ניט מיטן עמעס.

אָט בין איך אזש קיין פּאָלטאַווע אומגעגאנגען זיך לאָדן, און אַלץ פארן עמעס.

— ווי אַזוי איז עס געווען?

— אָט הערט... די „לעסניטשעס" האָבן געמאַכט אן „אָביסקע" אפן דאָרף, מ'האָט געטרייסלט דאָס גאַנצע דאָרף, דאָס האָבן זיי געזוכט געהילץ אָדער וואָס...

קומט מען צו גיין צו מיר:

— אַ גאָט העלף, זיידע!

— אַ גוט יאָר.

— קען מען באַ אייך עפשער מאַכן אן „אָביסקע"?

— פאַר וואָס זאָל מען ניט קענען? — זאָג איך — מ'קען... און פון מאנזשעליע, פון ראַיאָן האָט איר א מאַנדאַט אַף אן „אביסקע"?

— ניין, ניטאָ.

— נו, טא גייט אייך — זאָג איך צו זיי — אהין, פונוואַנעט איר זיינט געקומען.

שפּרינגט אונטער איינער צו מיר און טוט זיך א סוקע.

און איך אים מיטן בעזעם.

האָבן זיי אָנגעגעבן אין מאַנזשעליע אין געריכט... גייט עס באַ זיי ניט

— פאַרקערעווען זיי דעם אייסעק אַזש קיין פּאָלטאַווע...

קומט מיר אָן אַ „פּאָוויסקע" אַף זיך לאָדן קיין פּאָלטאַווע... איך קום צוגיין... זיצן די ריכטערס... ערשט איך הער:

— מאַטוויי דערעוויאַנקאָ!

— פאַראַן — זאָג איך — ס'דאָ, אָט אָ בין איך.

— ביטע, פון יענער זייט גראַטע.

און באַ דער זייט שטייט עפּעס אַ גאַניקל אזאַ מיט אַ גראַטקעלע.

נו, — קלער איר צו זיך, — אריין איז גרינגער ווי אַרויס.

— איך האָב דאָך, — זאָג איך, — מיט זיך ניט אַפילע קיין ברויט און איר פירט שוין אזוי גיך אונטער די גראַטעס.

— ס'מאַכט ניט אויס — זאָגן זיי — מיר בעטן אייך.

האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אפן גאַניקל, אינעם גראַטקעלע זיך אָנגעשפּאַרט. ס'איז נישקאָשע — דאַפּקע גוט צו שטיין...

זיי זיצן דאָרט, דרייען זייערע: אָט אָ איינער, אָט אָ דער צווייטער. און איך — אַנקעגן.

— נו, — פרעגן זיי, — פאַטערל, דערציילט ווי אזוי איז עס דאָרט פאָרגעקומען.

— ווי אזוי זשע - זאָל עס פאָרקומען, אָט אַזוי און אזוי איז פאָרגעקומען... זיי זיינען געקומען, און איך האָב זיי אָפּגעשיקט.

— ווי אזוי זשע האָט איר זיי, פאָטערל, אָפּגעשיקט?

— צי דען זשע — פרעג איך — מעג מען דאָ אזוי ריידן, ווי איך האב זיך צו זיי אפּגערופן — ס'וועט מיר גאָרניט קומען פאר אַזעלכס?

— איר מעגט ריידן אלץ מיטן ריינעם עמעס, פּונקט ווי ס'איז פאָרגעקומען.

— גייט — זאג איך — צצצ... אָט אַהין האב איך זיי אָפּגעשיקט. זיינען זיי דארטן אלע צוגעפאַלן צו דער ערד פאַר געלעכטער.

— נישקאשע — זאגן זיי — פאָטערל, דו קענסט די ארבעט רעכט!

— ווער ווייסט — זאָג איך, — צי ס'וועט זיך אפזוכן איינער אפן אָקרוג, וואָס זאָל קענען די אַרבעט אזוי ווי איך קען זי.

— נו, און מיט אַ היי - גאָפּל מיט אן אייזערנעם האָסטו זיי געשלאָגן?

— ווי? ס'שרייבט זיך דען דאָרט מיט אַ גאָפּל"?

— מיט אַ גאָפּל —

— א ליגן! — זאָג איך — מיט א בעזעם גאָר!

נו, — זאָגן זיי — זעצט זיך, פאָטער - לעבן.

זיינען זיי אַוועק אינעם באַזונדערן צימער. ערשט זיי קומען אין א ווײַלע ארום צוריק אריין: — גייט, זיידעניו, אהיים. זיי האבן אייך אומזיסט אומגעשלעפּט איבער די געריכטן.

און איך זאָג צו זיי:

— ווי אזוי - זשע וועל איך גיין אהיים, אז איך האָב מיט זיך אַפילע קיין ברויט ניט.

מאַכן זיי שוין צו מיר:

— נאַט אייך, זיידעניו, אָט דאָס אָ פּאַפּירעלע... און גייט מיט דעם אין קאמבּוז*, דארט וועט מען אייך גיבן אלץ וואָס מ'דאַרף.

---

* „קאָמבּאז" — קאָמווירט

געגעבן האָבן זיי מיר אזאַ מין פּאַפּירעלע, נו, ווי זאָל איך אייך מעלדן, ניט גרעסער ווי דער־אָ פינגער... קום איך צו גיין צום דאָ־זיקן קאָמפּוז און גלייך צום פענצטערל... און דארט, לעם יענעם פענ־צטערל, שטייט מען אזוי אַ קאָפּ אַף א קאָפּ, אז ס'אזש איינדרויסן פול...
אז זיי האָבן מיך אונטערגעכאפּט (די, וואָס שטייען עס איינס הינטער איינס), האָבן זיי מיך טאַקע ארויסגעשווענקט אזש אפן דרויסן ארויס...
ערשט איך דערזע א „דיאדקא" איינעם, פון האַנגיווקע:
— וואס טוט איר עפּעס דאָ, זיידענקע מאַטוויי?
— אזוי און אזוי, זאָג איך.
— לאָמיר פאָרן — זאָגט ער — איך וועל אייך פאַרפירן, וואָרום איר וועט דאָ ארומגיין דריי טעג, איך בין אייך אן אָרעוו. איר זעט וויפל אוילעם ס'טוט זיך דאָ לעם דעמדאָזיקן פענצטערל?
און ער האָט מיך צוגענומען...
איך האָב אים אויסגעפּלאָכטן דערפאר צוויי קוישן.

נאכן עמעס וועל איך אייך ניט נאָר גיין קיין פּאָלטאַווע, קיין כארקאָוו איז ווייט... איך זאָל האבן כאָטשבע וואָסערע זיבן קאַרבן אייגענע, וואָלט איך זיך געלאָזן צו פּעטראָווסקין, צו פּעטראָווסקין אליין.
— וואָס איז דען, זיידע?
— פאַראַן איניאַנים... אזעלכע איניאנים, וואָס נאָר צו פּעטראָווסקין מוז מען... צו קיינעם, אכוץ אים... מיר האט מען שוין לאַנג געזאָגט, אז פּעטראָווסקי — ער וואָלט עס צעקייט...
— וואָס זשע איז פאר אַ מאַיסע, זיידענקע?
קיין דאָכטער איז דאָ ניטאָ, קיין פערשעל איז דאָ ניטאָ... איז עס דען אַ טועכץ?..

. . . .

און ער שטייט זיך, דער אַלטער מאַטוויי, אַף דער סטערנע לעם די ווייצענע שאָקן און קוקט ערגעץ אין דער ווייט אריין...
ווייזט אויס, אז דער כאַוועך פּעטראָווסקי איז דעם אַלטן מאַטווייען שטאַרק אריין אין זינען אריין...
אז דער אַלטער מאַטוויי וועט קומען קיין כאַרקאָוו און וועט נאָך „אָפּנייען" עפּעס עמעצן, טא מאַכט אַף אים ניט קיין פּראָטאָקאָל...

פינף און זעכציק יאָר האָט מען דעם אַלטן מאַטווייען געקריוודעט, און איצט, אַז דער עמעס האָט זיך אראָפּגעוויזן, ווײַל ער, דער אַלטער מאַטוויי, אַז דער עמעס זאָל אַרויסקוקן אַפֿילע פֿון אַלע שמאָלסטע שקאַליוביִנקעס, אַז אַנשטאָט דעם פֿריערשן שוויס, וואָס האָט די ערד מיט גאַנצע אָזערעס באַדעקט — זאָל דער עמעס געדיכט אויפֿגיין און זיך שטורמיש צעוואַקסן.

אומעטום... אומעטום...

דער פּסיאָל

אַ לענטע א גרין־בלויע איז דער פּסיאָל...

אָט איז ער אָן־א הינטערן סאמע באַרג... ער פליסט, בלישטשעט אנ־קעגן דער זון און פלעסקעט זיך שטיל אין די הויכע ברעגן. אָן אנדערש מאָל איז ער אזוי גלאַט, גלאַט, פּונקט ווי אָפּגעפּאַליטורט. און אַמאָל קלייבט ער זיך אויף מיט קנייטשעלעך... דאס רויגעזט ער זיך אזוי אפן ווינט, וואָס יענער האָט אַף אים ניט איידל א בלאָז געטאָן. דענסטמאָל רעגט ער זיך אויף מיט קליינינקע וועלעכלעך און בולבעט זיך... ער רויגעזט זיך... און אז דער ווינט פליט דורך, איז ער שוין צוריק גלאט און גלאנצט שוין ווידעראמאָל און ווידעראַמאָל גרין בלויט ער זיך צווישן זיינע הויכע ברעגן...

ס'אַ מין שטילינק טייכל אט דער פּסיאָל איז.

דו זיצט זיך ארום אים און ס'ווילט זיך מאַמעשׂ אים א גלעט גיבן:

— ס'אַראַ מין ליבינקער דו ביסט!

אזאַ שטילער איז ער, אַזאַ מילדער, אַזאַ ווייכער קומט ער עפּעס אינגאנצן אויס...

און דאס וואַסער איז אין אים אויך וואויל...

דו קריכסט זיך אזוי אריין אין אים, הילט עס דיך ארום, נעמט דיך ארום, לאַשטשעט זיך צו דיר, גלעט דיך און וויגט דיך... און אינגאנצן דורכזיכטיק איז דאס וואַסער... ניטאָ דערין קיין איין פארבאָרגנקייט.

ריין, ריין, און איגאנצן פון אויסנווייניק און אַפילע נאָס איז דאס וואַ־
סער אויך אפן אייגענעם אויפן, אפילע קיל אויך אף א אייגענעם
אויפן...

און קיינמאָל איז, ווייזט אויס, פסיאָל ניט דערצאָרנט... און אויב
עס ליגט אין אים אמאָל א בערעזקע אדער א דעמבל, וואָס האט זיך
אונטערגעשווענקט פונעם ברעג און איז אראפגעפאַלן, איז עס אויך ניט
מאַכמעס רישעס, דער פסיאָל האט אים ניט אומגעבראכט מיטן אריינ־
ווארפן אין זיך, נאר דאס דעמבל אליין אָדער די בערעזקע אליין זיינען
געשטאַנען, געקוקט אין דורכזיכטיקער וואסער אריין, ביז ס'האט זיך זיי
זייער פארגליסט זיך אויסבאָדן... איז עס זיך מעיאשעוו און טוט א
פליוך אראָפּ פונעם ברעג און ס'באָדט זיך שוין...

און דער פסיאָל פליסט זיך, וואָשט דעם בוים, די צווייגן זיינע...
שווענקט אים ארום דעם שטאַם און יאגט זיך פאמעלעכקע ווייטער...
און ער רוישט ניט לעם דעם און ער בורעט ניט, נאָר ער פאליושקעט
זיך שטיל:

— נו, איז וואָס,— זאָגט ער — קענסט זאַך זיך באָדן אויב דיר איז ליב.

און אליין לאָזט ער זיך ווייטער אַף פאָרויס...

אויך ברעגן פארמאָגט ער, דער פסיאָל, פון ביידע זייטן שטילע, גרייזל־
דיקע און הויכע... גרינע ברעגעס.

סע שטייען איבערן פסיאָל אָסאָקעס הויכע, סע שטייען דעמבעס, סע
שטייען אָלכעס, ס'קוסטלט זיך די לאָזע אונטער די הויכענישן. און אלע
זיי האבן זיך אויסגעבויגן מיט זייערע גרייזעלעך — מיט זייערע צווייגן
איבער דער גרין־בלויער לענטע, און קוקן זיך איין אין איר, דורכן
ווינט צוגעקעמטע, פונקט ווי אין א ליכטיקן שפיגל.

און פונעם לינקן ברעג האט זיך אזש ביז יענעם הינטערן־בארג אויס־
געשפרייט א לאָנקע... דארט שטייען שאָקן שמעקעדיק היי, ד'ארט
צייטיקן זיך וואר־ניט־וואו לאָנען ווייץ, זונען־רויזן האָבן אנגעבויגן זייער
שווערע געלע קעפּ און ארומגעשטעלט, ווי מיט אַ יונגער וואַנט, יונגע
דיניעס און קאַווענעס...

איבער דער אָ לאנקע צעשפילט זיך פריילעך דער פסיאָל פרילינגס־
צייט. ער טרינקט אן די ערד, שניידט אויס ריטשקעלעך, שווענקט אויס
די אַקער־ערד און אז ער שפילט זיך אָן גענוג, קערט ער זיך אום צו

זיינע ברעגעס און פליסט זיך וואוילערהייט, און טראגט צום אלטן דניעפּער זיינע דורכזיכטיקע וואַסערן.

אפן רעכטן ברעג רוישט א וואַלד... איבערן וואַלד דרייט זיך, שוועבט אום א שפּארבער, ווארום אין דעם אָ וואלד האט דער פּסיאָל פּרילינגס־צייט איבערגעלאזן א פּאר אָזערקעס, און דארט אינעם טשערעט האבן זיך די קאטשקעס באהאלטן מיט זייערע קאטשקעלעך און אף זיי קוקט ער איצט אויס, דער שפּארבער.

און פון דארטן גייט דער וואלד ביזקעלע סאמע יוראַק און פון דארט אויך, ביז מאנזשעליע אזש, רוישט דער וואַלד לענג־אויס דעם רעכטן ברעג, ער רוישט מיט א גערויש א וואַלדישן, א געמיטלעכן...

מיט דעם אָ גערויש מיט זיינעם גריסט דער וואלד די פויערים און „טרייסט" די באַלעבאטים זיינע.

ווי לאנג איז אָבער דאָ דרינען זינט דער וואלד האָט גערוישט מיט א בייזן גערויש, האט געקנאַקט מיט „אָברעזולעך", מיט קאַנטשיקעס און מיט באנדיטישע באָמבעס...

דעמאָלט איז דער וואַלד געוועןן א שרעק...

דעמאָלט האט ער ניט געוואוסט פון קיין רו, ניט געוואוסט פון קיין געמיטלעכקייט, דעמאָלט האָט דארט פון אונטער די דעמבעס דער מאַלאַכ־אַמאָוועס געשטשירעט מיט די ציין און דאס פאלק געשראקן, דאָס פארהאָרעוועטע.

אָהאָ וויפל האט זיך אָפּגעטאָן אין דעם אָ וואלד! ס'האט געווימלט באַנדעס... אַז ס'האבן זיך אבער אַ נעם געטאָן די נעזאמאָזשניקעס* צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי, איז שוין איצט נאר אַ נאָמען נאָך זיי... אַז מ'האט זיי צוגעשטופּט איינמאָל צום פּסיאָל, איז וויפל זייערע האבן זיך שוין דעמאָלט אנגעזשליאָקעט מיט וואַסער... אוי, אוי, אוי.

דעמאָלט האָט דער פּסיאָל געהאט א שעם פון אַ באַנדיטסקן בייס־אוילעם...

ער פלעג ארייננעמען, דערטרינקען און ווייטער שווימען.

וויפל זיי טוען עס זיך אינעם פּסיאָל?!

---

* אומפארמעגלעכע פויערים.

ער ווייסט עס ניט... אים איז קיין כילעק ניט... ער האט זי׳ ניט געציילט, ער פליסט זיך פאַרויס און שמייכלט אונטער, וואָרום ער איז געגרן וואָס ס׳קנאַקן ניט איבער זיינע ברעגן קיין „אַברעזן״, וואָס ס׳רייסן זיך ניט קיין באַמבעס און ס׳לאָקערט ניט אַף קיינעם פון אונטער די טשערעטן דער שרעקלעכער מאַלעך פון טויט.

דער פּסיאָל פליסט...

און אומעטום איז ער דערזעלבער... דו קוקסט זיך איין אין אים, און ס׳איז שווער צו טרעפן, עפשער איז ער טיף, און עפשער ניט טיף...

אָט אָ דאָ איז נאָך ניט טיף און אַ טראָט ווייטער איז גאָר קיין גרונט ניטאָ...

פונאויבן אָבער איז אומעטום גלייך...

און פון דעם מענטשן, וואָס האט מיט אים קיין קאָנטשאַפט ניט, קען ער נאָך טרייבן קאַטאָוועס אויך...

. . . .

— מיידלעך, אָט דאָ קען מען איבערשווימען? אָט דאָ, זאָגט מען, איז אַ „בראָד״.

— יאָ. אַ „בראָד״! מ׳קען, נאָר וואָס פאַר אַ מיידלעך זיינען מ׳ר דיר?

— נו, טאָ זאָל זיין ווייבלעך. וואָס איז דען דער כילעק?

— ס׳דאַפקע אַ גרויסער כילעק!

— קען מען דאָ איבערגיין?

— מ׳קען, נאָר ס׳טיפלעך, ביזן האַלדז וועט זיין, מ׳דאַרף די העמד אויסטאָן.

— קען איך אויסטאָן...

טוט אויס דער „דיאַדקאָ״ אַלץ, וואָס ער האָט אַף זיך, וויקלט צונויף אין אַ קלומעקל, דאָס קלומעקל אַפן קאָפּ און ער לאָזט זיך קריכן...

— איז דאָ טיף, — זאָגט איר?

— נו, טייערער, געוויס ניט.

קריכט ער, דער „דיאַדקאָ״, די הענט אַפן קאָפּ פאַריסן און די ווייבלעך אַפן צווייטן ברעג האַלטן זיך אַזש פאַר די זייטן, לאַכנדיק.

— וואו זשע איז דאָ די טיפעניש? אַז ס'דערלאַנגט אַפילע ניט ביז די קנעכל?

— האָט צייט! ווייטער וועט זיין טיפער.

קריכט ער, דער „דיאַדקאָ“, און די ווייבלעך ליגן שוין אַף דער ערד לאַכנדיק... מ'האָט אָפּגענאַרט דעם דיאַדאָק, וואָרום טיפער ווי ביז די קנעכל איז אין דעם אָרט ניטאָ.

— וואָס קוואַליעט איר, אַ געלעכטער זאָל אייך זיין ריבוינעשעל-אוילאָם אַפן פופיק!

— איר וואָלט נאָך עפּשער אויסגעטאָן, פּעטערל, די היטל!..

— כאַ־כאַ־כאַ!

. . . .

און דער פּסיאָל שמייכלט אויך, וואָרום ער האָט איינײנעם מיט די ווייבלעך דעם „דיאַדקאָ“ אָפּגעפּריציוועט...

אים איז עס קיין כאַרפּע ניט, וואָס דאָ איז ער נאָר ביז די קנעכל. ער ווייסט, אַז אַ האָרעלע ווייטער — דאָרט איז שוין אַן אָפּגרונט. דאָרט — איז אַ גרוב... אַ טיפער, טיפער גרוב. און אין יענעם גרוב זיצט אַ „סאָם“...

דאָרט געפינט זיך אַזאַ „סאָם“, נו, אָן אַ גוזמע זאָגנדיק, אזוי ווי אָט דאָס אָ שיפל מיינס אינדערגרויס. איך האָב אים שוין איין מאָל געוווען געכאַפּט, ער האָט זיך פאַרטשעפּעט אינעם האַטשיק. האָט ער מיך פאַמעלעך אַ כאַפּ געטאָן און אַוועקגעשלעפּט מיטן שיפל אינײנעם, אַזש אַהין ביז סאַמע פאַנקאָווקע... אזוי ווי אַ דאַמף־שיף! איך האָב זיך ניט אַף קאַטאָוועס דערשראָקן און אָפּגעהאַקט דאָס שטריקל... איך האָב געמיינט, אַז ס'שוין נאָך מיר... אַף מיין וואָרט, אַז ס'אַזוי געוווען.

. . . .

ער פליסט, דער פּסיאָל...

ער פליסט. אַף דער זון גלאָנצט ער, די ערד טרינקט ער אָן, די וועלדער שפּייזט ער, און דאָס אויג פרייט ער.

זאָל ער פליסן...

„דאס פישעלע שווימט איבערן גרונט"

טוט עס זיך מיט פיש אינעם פּסיאָל...

דער פּסיאָל פּליסט זיך רואיק, פּליסט און פּליסט, און פּלוצים אַפּן סאַמע מיט:

פּליושק!

און רעדער צעלויפן זיך איבער דער וואַסער... דאָס האָט זיך אַ פיש אַ שפּיל געטאָן.

די פיש אינעם פּסיאָל האָבן ליב קאָמאַנדעווען, דאָרטן זיינען זיי פאַראַן „צום שוואַרץ יאָר"!

— נו, טוען זיך עס באַ אונדז אַביסל פיש אינעם פּסיאָל, אַ כמאַרע! כאָטש דאָס פּראַוואָסלאַוונע געביין האָט ניט ווינציק ליב זיי כאַפּן, די פישעלעך?!

און מ'כאַפּט...

— נו, וואָס הערט זיך, איוואַן סעמיאָנאָוויטש, זיי בייסן אָן?

— עפּעס הערט מען ניט. ס'וועט באַלד אָנבייסן, עפּעס זע איך אָט אָ אַזאַ סימען, וואָס ס'וועט מוזן אָנבייסן.

— טרעפט זיך טאַקע אַמאָל, אַז איר כאַפּט עפּעס אויך?

— מ'פּלעגט כאַפּן, נאָך אַ מין כ׳פּן. אַמאָל פּלעג מען זיי אַזוי פיל אָנכאַפּן, אַז דו האָסט זיי קאָם פאַרפערעט אַהיים... אַ פּוד אַ לעשטש! אַ פּוד אַ קאַרפּ! אַ פּוד אַ מאַרענע! אַ פּוד אַ יאַם־פיש! אַ פּוד אַ העכט! איינמאָל האָב איך פאַרטשעפּעט עפּעס, קענט איר גלויבן, צי

ניט גלויבן, נאָר ס׳האָט מיך אַליין אַריינגעשלעפּט אין וואַסער אַריין. אַז איך בין אַריינגעפאַלן, טו איך אַ קוק און דערזע ס׳איז אַ קאַרפּ! לאָז איך די ווענטקע ניט אָפּ, ער שלעפּט און איך שווים, ער שלעפּט און איך שווים... און איך קערעווע אים אַלץ צום ברעג צו, צום ברעג צו... איך זע, אַז ער איז שוין גוט מיד, דאָ נעם איך און טו אַ שפּרונג צו אים און—פּאַר די זשאַברעס, און אַליין קריך איך אַרויף רייטנדיק... און איך טו אים דעם עמעסן זעץ מיט די קנעכלעך איבער די זייטן. האָט ער אַרויסגעטאַנצט אַפן ברעג, ווי אַ פערד אַ געזונטס, און איך האַלט זיך שטאַרק... האָט ער נאָך מיך אַפן דאָרטיקן ברעג געפירט אַביסל אָט אַזוי אָ, ווי פונדאַנען און ביז יענער אָסיקע! צוויי פּוד מיט איין און דרייסיק פונט אַ קאַרפּ. איין קאַרפּ... די פעל אַף אים איז געווען אַזאַ, ווי איר זעט אָט אָ מיין סוויטקע, און די ליסקעס זיינען ווי די זילבערנע רובלען... מ׳פלעג כאַפּן. וויפל איך האָב שוין אָט די אָ פיש איבערגעשלעפּט, טאָ זאָל שוין גאָט באַוואָרענען... כאָטש מ׳זאָל נעמען אַזאַ פישער ווי איך, וועט איר טאַקע דאָ דעם צווייטן אַזאַ ניט געפינען. איך און נאָך עפּשער פּעטראָ... פּעטראָ איז אַפילע ניט אַזאַ בעריע ווי איך, אָבער ער כאַפּט אויך ניט שלעכט... און די־אָ, וואָס אָט אָ מ׳זיצט, דאָס איז גלאַט אַזוי: מ׳בויטעט נאָר די וואַסער און די פיש דערשרעקן זיך. פונוואַנען קומט צו אַזעלכע פאַר־שטיין ווי צו כאַפּן?

זיי זיצן, די ווענטקע האַלטן זיי און קוקן אין וואַסער אַריין, און יעדערער פון זיי:

— מ׳פלעג כאַפּן... אָט אָ האָב איך איינמאָל פאַרטשעפּעט עפּעס, שלעפּ איך אַהער און יענץ שלעפּט אַהין, איך — אַהער, און יענץ—אַהין. ווילט איר גלויבט, ווילט איר גלויבט ניט, דריי פּוד איין שטיק. ס׳גלאַט, וואָס איז דער כידעש, אַזאַ פישער, ווי איך, וועט איר דעם צווייטן צו מיר ניט געפינען... איך און סאַידן נאָך... און אָט די־אָ זיינען דען פישער? דאָס איז גלאַט אַזוי...

מ׳כאַפּט פישעלעך...

איך האָב זיך לאַנג צוגעקוקט, ווי אַזוי כאַפּט מען עס דאָ פיש אינעם פּסיאָל...

אן אַרבעט איז עס, דאַרף איך אייך זאָגן, זייער אַ ליבע...
מיט פאַרשיידענע שפּיצלעך קען מען זיי כאַפּן, די פיש.
מ'כאַפּט זיי, צום ביישפּיל, מיט אַ „כוואַטקע".

אַ „כוואַטקע" — דאָס איז אַזאַ לאַנגער־לאַנגער שטעקן און אַף דעם אָ שטעקן איז דאָ אַ גרויסע רייף און אַף דער אָ רייף איז אָנגעטשעפּעט אַ „סעטקע" (א נעץ אַ קליינע), ווי אַ זאַק אַזאַ.

אָט די „כוואַטקע" לאָזט מען פּאַמעלעכן אַראָפּ אין טייך און מ'שלעפּט זי דערנאָך צום ברעג... מ'שלעפּט ארויס וואַסער־געוויקסן, שטיינד־לעך און קאָרטשעס...

אַ „כוואַטקע" הייסט זי דערפאַר, וואָס ביז איר שלעפּט זי ארויס פון טייך, הויבט אייך אָן אָנכאַפּן פאַרן בויך, פאַר די לענדן, פאַרן „אָט דאָ אָ" און איר עטעמט שווער.

און אַז איר עטעמט זיך אָפּ, זאָגט איר:

— עפּעס אַ היפּשעס האט זיך דאָ געקערט פּאַקן, ווייזט אויס, אַז אַ העכט!

. . . .

מ'כאַפּט מיט אַ נעץ... מ'שפּרייט איבערן טייך אַ נעץ און די פּי־שערס פאַרפאָרן מיט שיפלעך און מיט „כראָקאַלעס" אין די הענט, זיי „כראָקען" און יאָגן די פיש. אַ „כראָקאַלע" — דאָס איז אַ הילצערן גע־שעפּטל אַזאַ, איינדערמיטן אויסגעהוילט, ווי אַ קריגעלע אַזאַ, און ס'איז אָנגעטאָן אַף אַ לאַנגן שטעקן, און אַז דו טוסט אַ בויטע מיט דעם־אָ „כראָקאַלע" איבערן וואַסער, באַקומט זיך אַזאַ אָ קלאַנג:

— כ־ר־ראָ!

די פיש האבן פאַר דעם אָ קלאַנג זייער מוירע און זיי יאָגן גלייך אַף דער נעץ אַרויף, און דערנאָך שלעפּט מען אַרויס אָט די אָ נעץ אַפן ברעג...

מ'שלעפּט פּאַמעלעך, מ'שלעפּט און מ'שלעפּט...

— אי־הי־הי! זאָלסטו קיינמאָל קיין גוטס ניט האבן! זיך ווייטער פּאַרטשעפּעט, איך האָב דאָך נאָך פריער געוואוסט, אַז דאָ פאַראַן אַ „טשעפּאַלקע", אי־הי־הי! טשעפּע דאָרט אָפּ! טיק זיך אונטער! שלעפּ! ציפּע ניט, זאָגט מען דיר, שוין!

אַרויסגעשלעפּט...

— איך האָב באַלד געוואוסט, אַז מירן צערייסן, וויקל אוף די נעץ און טראָג זי אַוועק אהיים, זעץ זיך אַוועק און פאַרלאַטע...

נעכטן האט מען זיך פארטשעפעט, און אייערנעכטן האט מען זיך פאַר־טשעפעט און פאַראַיאָרן האט מען זיך פאַרטשעפעט און פאר צוויי יאָרן האָט מען זיך פארטשעפעט.

— נו, ווי האלט עס, ס'כאַפּט זיך עפּעס מיט דער נעץ?

— אָהאָ, מ'פלעג נאָך אזוי כאַפּן, ס'פלעג זיך טרעפן, אַז מיר שלעפּן אַרויס אַ פוד צוואַנציק מיטאַמאָל און אַלע איינס און איינס...

... אָך, פלעג מען כאַפּן...

ליבער פון אַלץ איז כאַפּן פיש מיט אַ ווענטקע...

דאָס איז זייער אַ אינטערעסאַנטער, פארכאַפּנדיקער און ליבער ספּאָרט...

נאָר די ווענטקע, ניט געקוקט וואָס זי איז, דוכט זיך, אזא איינפאַכע זאַך, אָבער וויפל וויסנשאַפט פאָדערט זי און געניטשאַפט?!

אָן קענטעניש ווערסטו קיין איין פישעלע ניט כאַפּן.

דאָ, אינעם דאָרף מאַנוילאָווקע, כאַפּט מען ניט באם ברעג.

דאָ בויעט מען „האַטקעס" (אין דער וואַסער) און פיש כאַפּט מען פון די „האַטקעס".

אַ „האַטקע" — דאס איז אַזאַ בריקעלע אַף פּאַליעס, וואו ס'זיצט אַ באַ־בערדיקטער פארשוין, און גיט אַכטונג אַף די ווענטקעס, וואס ליגן פארוואָרפן אין וואַסער.

— ס'וועט אָנבייסן, איך האב שוין אזא סימען.

אָבער נאָך איידער דו פאַרוואַרפסט די ווענטקע, פאָדערט זיך ניט ווינציק וויסן און טועכץ...

קוידעמקאָל איז דאָ נאַשעריי.

— אַ פיש דאַרף מען פאַרנארן מיט אַ נאשעריי, ווי דען? אַ רעכטער פישער וועט פארוואַרפן די ווענטקע אָן א נאשעריי?

פאַר דער נאַשעריי איז די בעסטע סכוירע — געקאָכטע ווייץ.

— אַז די קאָכסט אָן ווייץ און ווען די טוסט נאָך אריין אַהין אבי־סעלע קעז, אָט דעמאלט ווימלט אף דעם אָרט מיט פיש!

ווייץ דארף מען האָבן אפן סעזאָן אַ פוד פופצן... גוט איז אין אזא צייט, ווען די ווייץ ליגט נאָך אפן פעלד אין די שאָקן, — קען מע צו־לאָקכענען, אויסדרעשן, אופקאָכן און אריינשיטן.

אָבער אַז ס'ניטאָ?
דעמאָלט:

— ביזוואַנען איז אַ שיר — פרעג איך דיך — שלעפּן ווייץ פון קאַ־מער? פון די פיש וועגן פון דיינע? אַ פעגירע זאָל אף זיי אָנקומען היינ־טיקן טאָג! זאָל איך אזוי לעבן, אז איך נעם און צעברעך די ווענטקע באַ דיר איבערן קאָפּ...

— און וואו האסטו אוועקגעשטעלט די קריגלעך?

— אף וואָס דארפסטו זיי?

— ס'האט זיך מיר פאַרוואָלט אַ שטיקל קעז!

. . . .

אָט, אויב איר האט שוין אָט די נאַשערײַ פאַרשאָטן, דעמאלט מעגט איר שוין פאַרווארפן די ווענטקע.

מ'כאַפּט אויך פיש אף אַ ווערעמל, אף אַ שפרינגערל, אף מאקוכע (פון קאָנאָפּליעס) און אַף ברויט.

אמערסטן כאפּט מען דאָ אף מאקוכע...

אַ פּיצעלע מאַקוכע טשעפּעט מען אָן אַפן האַטשיק און מ'פּאַרווארפט אין וואַסער אריין.

זיצט זיך א מענטש און קוקט אפן וואַסער.

— ס'וועט אָנבייסן, איך זע שוין אזא סימען.

אין א מינוט צען ארום שלעפּט מען ארויס די ווענטקע און מ'שטעקט אָן א ניי שטיקעלע מאקוכע, ווארום יענץ, דאס פריעריקע, האָט שוין די וואסער אראפּגעוואשן.

און אזוי קען מען זיך פישן א גאַנצע נאכט...

ס'זייער אַ אינטערעסאנטער ספּאָרט.

אין פסיאָל זיינען דאָ זייער גרויסע פיש.

צום ביישפּיל: קארפּן, לעשטשן, מאַרענעס, יאַם־פיש, אָקונעס, סאָמען, העכט און אז"וו.

אַ קאַרפּ כאַפּט זיך ניט מיט קיין ווערעמל אָדער שפרינגערל, אָדער ברויט, אדער מאקוכע.

אַ לעשטש, א מאַרענע און א יאַם־פיש, כאַפּן זיך ניט ניט מיט קיין מאַקוכע, ניט מיט קיין ווערים...

דאָס בעסטע איז כאַפּן מיט „לעבעדיקן".

אַ „לעבעדיקס"—דאס איז אַ פּיצל לעבעדיק פישעלע, וואס מ'טשעפּעט
אָן אפן האַטשיק. מיטן „לעבעדיקן" איז זייער גוט צו כאַפּן רויב-פיש:
העכט און אָקוניעס.

איין כעסאָרן אינעם פישן מיטן „לעבעדיקן" איז נאָר דאָס, וואָס די
„לעבעדיקע" כאַפּן זיך דאָ ניט.

. . . .

מיט פיש-פאַנג פאַרנעמען זיך זייער אַסאַך מענטשן.
אָן אַ שיר „האטקעס" האָט מען אנגעבויט אפן פּסיאָל.
אָבער ס'זיינען פאראן אסאך אזעלכע, וואָס פאַרנעמען זיך ניט מיט
דעם.

— פאַרוואָס כאַפּט איר קיין פיש ניט?—טוט איר זיי אומיסטן אַ פרעג.
— דאָס פישעלע שווימט איבערן גרונט!— ענטפערן זיי.
וואָס קערן זיי מיט דעם מיינען?
דער גוטער יאָר ווייסט זיי.

אַן אַלטע מיט היפּנאָז

היפּנאָז.

דאָס איז אַ זאַך, ווי באוואוסט, זייער א פאַרבאָרגענע און א זייער ווינציק אויסגעפאָרשטע.

פון די מאָפּסים, וואָס די פּראָפעסאָרן נעווראָפּאַטאָלאָגן ווייזן, האָבן זיך אייך מינאסטאם ניט איין מאָל געשטעלט די האָר קאַפּויער און איר האָט געגלאָצט מיט די אויגן קוקנדיק...

ס'איז אַלץ אזוי אומפאַרשטענדלעך, ניט מיט מענטשישן סייכל צו פאַרשטיין. אומגעוויינלעך אזוי...

איז וואָלט איר זיך דען קענען ריכטן, אז ערגעץ אין א קליינעם דערפל, אַ 15 ווערסט פונעם באַן, זאָל לעבן אזא מענטש, וואָס וואַרפט אָן א מוירע אי אַף מאנסבלען, אי אַף פרויען, אי אף קליינע קינדער, מיט זיין פאַרבאָרגענער, דורך קיינעם ניט אויסגעפאָרשטער קראַפט, מיט זיין שרעקלעכן אויג און „גוט־אויג"... „ווי וואונדערלעך ס'זיינען דיינע ווערק, אָ, גאָט!"

אָט גייט ער, דער שרעקלעכער מענטש, גייט איבערן גאַס, די פיס פּלאָנטערן זיך באַ אים, אף א שטעקן שפאַרט ער זיך אָן. ס'גייט און שעלט די שנור דערפאַר, וואס מ'קען באַ איר ניט ארויסרייסן דעם האַלבן שייער, וואָס דער „ראַיערדקאָם" האָט שוין לאַנג צוגעפאַסקנט.

א געוויינלעכע „באָבעצע" — קלערט איר צו זיך אליין.

אָט זיצט פאר אייך אַ מענטש; פון געשלעכט, ווייזט אויס, פון ווײַבערשן, אין אַ אַ סוויטקע, אין א לייוונטן קליידל, א באָרוועסע, פאַרהילט אין א גרויסער גרויער, הונדערט מאָל פארלאַטעטער, שאַל און קוקט אף אייך מיט איין אָפגעבליאַקעוועטן אויג און דערציילט אייך מיט א ווייבערשן ניגן וועגן איר לוי־ייצלעכדיק לעבן.

אַ פּאָשעטע געוויינלעכע באבעצע, — קלערט איר זיך...

ניין, בירגער, טאָ ווייסט, אז דאָס איז ניט קיין פּאָשעטע באָבעצע, דאָס איז אַ שרעקלעכע באָביצע, דאָס איז די „אַלטע בעהיימעניצע"...

ניין, כאַוויירים און בירגער, דאָס איז אייך ניט פון די פּראָסטע געוויינלעכע באָביצעס, נאָר דאָס איז א שרעקלעכע באביצע, דאָס איז די „אַלטע בעהיימעניצע", וואָס שוין זיבעציק יאָר און העכער, אז זי וואַרפט אָן א איימע אף דער דאָרפישער באפעלקערונג...

דאָס איז אזא באָביצע, וואָס אויב איר גייט ערגעץ ארויס און באַגעגנט זי, וועט שוין עפּעס אַן אומגליק מיט אייך מוזן געשען!

דאָס איז אזא באביצע, וואָס אויב זי גייט אייך איבער דעם וועג, טאָ קערט זיך בעסער אום, איך בין אייך א גוטער פריינט. ווארום אָן קיין אָנשיקעניש וועט איר זיך שוין דאָ ניט באגיין!

אָט אזא באביצע איז עס...

דאָס צונעמעניש „בעהיימעניצע" האָט אייגנטלעך קיין שום שאַיכעס ניט מיט דער פארבאָרגענער קראַפט מיט אירער: דאָס האט איר מאַן אַמאָל באַם פּאָרעץ די בעהיימעס געפּאַסעט...

אַ פאַרבאָרגענע באָביצע.

זי גייט דורך, די אַלטע „בעהיימעניצע", איבערן פלאַץ, דערזעט איר, ווי די פּאַסטעכלעך הויבן זיך אָן אָפּטראָגן מיט אַ אימפּעט, אַז ס'שווינדלען נאָר די פּיאַטקעס אינדערלופטן.

— וואוהין איז עס אַזוי, כעוורע?

— דאָס לויפן מיר ארום, אַז די אַלטע „בעהיימעניצע" זאָל אונדז דעם וועג ניט איבערגיין, וואָרום די קעלבער וועלן נאך אויסזויגן די מילך ביז אַ לעק...

— ס'איז שוין אַ געוויסע זאַך, אַז זיי קאָנען אויסזויגן?

— נאָך אַ מין געוויסע!

זאָלט איר שוין טאַקע וויסן, אַז זיי וועלן אויסזויגן.

— וואָס פאָרט איר גאָר עפּעס, איוואַן דעמיאַנאָוויטש, אַהיים?! איר האָט דאָך נעכטן געוועזן געזאָגט, אז איר פאָרט אַוועק אין וואַלד אַריין נאָך האָלץ אַף א גאַנצן טאָג?

— בין איך דאָך שוין געפאָרן, איז מיר די „אַלטע בעהיימעניצע” דעם וועג דורכגעגאַנגען... איך פאָר צוריק אַהיים, וואָרום ס'וועט סאַיווי אַ בוים אַ דישע טאָן, אדער דער וואָגן וועט זיך איבערקערן, אָדער די פערד וועלן צעטראָגן...

— ס'איז שוין א געוויסע זאַך?

— נאָך א מין געוויסע!

— ס'איז אייך א געלעכטער? און איך האָב עס שוין אַף זיך אַליין אויסגעפּרואווט. איך בין געפאָרן נאָך סנאָפּעס... גייט זי מיר אַקוראַט איבער דעם וועג... ע,— קלער איך זיך,— כאַפּט זי דער וויסטער, פינצ־טערער יאָר! איך וועל פאָרן... און בין אוועקגעפאָרן... וואָס זשע קלערט איר זיך? האָב איך זיך טאַקע איבערגעקערט, זיך איבערגעקערט און צעבראָכן דעם דישעל... אָט אַוועלכע זי איז...

און איר מעגט דאָ פרעגן וועמען איר ווילט וועגן דער באָביצעס קראַפט, וועלן אייך אלע אין איין קאָל:

— א פאַרבאָרגענע אַלטע! צי דאָס איז באַ איר אן אויג אַזאַ, צי ער־גען אין אַן אַנדער אָרט זיצט באַ איר אָט די קראַפט. נאָר אַז זי זיצט, דאָס איז שוין אַן אָפּגערעדטע זאַך.

— וואָס איז שוין דאָ די רייד!..

און ס'איז אַוועק אַ סעדרע פון דער באָביצעס קראַפט: אי אָקסן האָבן זיך געבראָכן, אי „שוואָרענעס” האָבן געפּלאַצט, אי „אָבאָדעס” זיינען צעשאָטן געוואָרן, אי דישלעס האָבן זיך צעטראָשטשעט, אי פערד פלעגן זיך צעטראָגן און אָקסן האָבן זיך געגעצקעט, און קעלבער האָבן אויס־געזויגן... און... און... און...

ביישפּילן אָן א שיר און אָן אַ צאָל.

קראַפט געפינט זיך באַ איר, באַ דער באָביצע, אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל און געוועגדט איז עס נאָר אויסשליסלעך אַף אָנטאָן שאָדן דעם פּראַוואָסלאַוונעם פאָלק...

די קראַפט נעמט זיך באַ איר, איר מעגט זיך ריידן, וואָס איר ווילט, פונעם ניטגוטן, ניט אַנדערש!

* * *

איך בין דאָך אַ סקעפּטיק, האָב איך ניט געגלויבט און האָב אָפּגע־לאַכט אינדערשטיל. אַלעמאָל, ווען מ׳פלעג מיר דערציילן פון דעם שרעק־לעכן קויעך, וואָס די „אַלטע בעהיימעניצע״ האט, פלעג איך אַ לאַך טאָן שטילערהייט.

לאָזט זיך אויס, אַז אויב מענטשן ריידן, איז עס ניט אומזיסט: און לאַך בעסער ניט... זאלסט קיינמאָל ניט האָבן קיין נאַטור אָפּצולאַכן.

די מענטשן האָבן קיין ליגן ניט געזאָגט.

מאַכט זיך באַ מיר א נעסיע. אין פּאָטשט אַריין האָב איך געדארפט צופאָרן. פאָרן מיר... פלוצים רופט זיך אָן אַנדריי וואסיליעוויטש:

— שיידים טראָגן די „אַלטע בעהיימעניצע״ אַהער!

— וועט דען עפּעס געשען?

— געוויס...

און ס׳איז טאַקע מעקוייעם געוואָרן. מיר זיינען פאַרפאָרן איינוועגס אין די פּעסקעס צום דאָרפס־ווירטשאַפטלעכן קאָאָפּעראַטיוו איינקויפן וואורשט... וועגט אונדז דער פאַרקויפער וואורשט... האָט ער נאָר באַוויזן אפּשניידן און דער וואורשט פון אונטערן מעסער — פליוך! און אין האניק אריין!

און מיר האבן געהאט אן ארבעט עסן זיסן וואורשט... און וואורשט מיט האָניק, דאַרפט איר וויסן, איז דאך ניט קיין כאַלע מיט האניק, מ׳פּאָטשפּאָרט עס אייך דערציילן.

רוף איך זיך שוין אָן:

— צי זאָל עס ניט זיין אָפּטמאל דער „אַלטער בעהיימעניצעס״ אַ שפּיצל?..

— ווּעמעס דען, אַז ניט אירער? נאָך אַדאנק גאָט וואס ניט אין זשעגעכץ! ס׳האָט נאך געקענט אַריינפליוכען אין זשעגעכץ אריין אויך.

אט וואס דאס איז פאר א באָביצע!..

אַ שרעקלעכע באָביצע.

א היפּנאָטישע באָביצע, זי היפּנאָטיזירט אויך פונדערווייטנס און פּירט אַפילע ניט איבער אייך מיט די הענט...

און זי היפּנאָטיזירט...

און מיר גלויבן אין איר! אָט אַוועלכע מיר זיינען!

דאס דאָרף דערמאָנט זיך...

דאס איז שוין בעשאַס די נאכט די פינצטערע האט זיך אָנגעזעצט רייטנ־דיק אף די וועלדער, אַף די סטעפּעס און אף די לאָנקעס.

די נאַכט האט גענידערט, און זיך גוט איינגעמאָסטעט.

דעמאָלט איז דער אַרום צוגעשטילט און מ׳הערט ווי ערגעץ ווייט־ווייט בילט א הונט...

דאס איז שוין דאַן, בעשאַס די בעהיימע האט זיך שוין אוועקגעלייגט לעם דראבינע, קייענדיק דאס קייעכץ, און דער הימל איז אויסגעשפּרייט פול מיט שטערן.

דעמאָלט שלייכן דורך שאָטנס ארום קלויסטער און דער קלויסטער־היטער קלאַפּט אויס פיר מאָל הויך און איין מאָל שטיל.

אָט אזוי:

— דזען!

און ווערט צוריק שטיל...

ס׳איז שוין אַרום 12 אזייגער...

און אויב סע שטייט אינמיטן הויף אַ וואָגן, און אפן וואָגן איז דא היי, און לעם וואגן די פערד שטייען און כראָמטשען דעם היי דעמדראָזיקן דעמאָלט איז אלע די, וואָס שטייען לעם וואָגן, קלערן פון עפּעס.

אין מ׳רויכערט, מ׳רויכערט, מ׳רויכערט.

און דער רויך פונעם ציגאַר טוט זיך א בלאָז און גייט זיך פאנאַנדער אינעם כוישעך פון דער נאכט דער זומערדיקער...

און מיקיטאַ מיקיטאַוויטש, אַ שטרענגער אויסערלעך, אָבער אַ הייכער מענטש, וואָס רעדט מיט אַ פּאָלטאַווער „ל״, רופט זיך אָפּ:

— ס׳זיינען געווען, כעוורע, בײַ אונדז אין פּאַפּיווקע, איז שוין זיי היינט ניט צו זען... מ׳האָט אויסגעהאַרגעט...

— סעמענען אויך געהאַרגעט?

— געהאַרגעט...

— געווען אַ ברען אַ באָכער!

— יאָ, אַ לײַט... אַ באָכער... מיר האָבן מיט אים אײנײנעם פאַר־זוכט געגוג צאָרעס פאַר די דעניקינציס...

ס׳האָבן זיך געטאָן מאַיסים...

און ס׳שטיל.

און נאָר די פערד כראָמטשען, און ס׳שפּייען אָפּ נאָכן פאַרצי׳ען די צוהערער.

— בעשאַס ס׳איז אַראָפּגעקומען אַט דער דעניקען, (דעמאָלט בין איך אַקוראַט געווען אין דער רויטער אַרמיי), זיינען מיר געבליבן אין אונטער־ערד.. פאַר פּאַרטיזאַנער...

זיך פאַרבינדן מיט קרעמענטשוג — האָבן זיי אונדז געגעבן ביקסן, גע־געבן אַ קוילנוואַרפער. אין יענעם־אָ וואַלד איז בײַ אונדז דאָס גאַנצע געווער געווען... איינמאָל איז אונדז אויסגעקומען זיך אַראָפּוויזן נאָך עפּעס אַהיים... און מ׳האָט אונדז געפּאַקט... מיך, סעמענען, האַווריי־לען, און נאָך עפּעס איינעם. געפּאַקט און — קיין קרעמענטשוג... מיר האָבן געדינגען צוויי פורן. מיר זיינען אַליין פירען און זייערע דעניקינישע קאַנוואָירע. — דריי... און מיר פאָרן.

נו, קלער איך זיך. ס׳שוין ניט אַזוי שלעכט, ווי מיר האָבן גע־קלערט. ווארום מיר זיינען פיר און זיי — דריי. איך מיט סעמענען זיצן אָף דער פעדערשטער פור און מיט אונדז איז איין „קאָנוואָי״. די איבעריקע צוויי זיצן אָף דער הינטערשטער מיט צוויי „קאָנוואָירע״... מיר זיינען דורכגעפאָרן דעם כוטער.

טו איך אַ וואונק:

— כעוורע, — הייסט עס — ניט געשלאָפן!

איז סעמען דאַפּקע מאַסקים און די איבעריקע צוויי ווילן ניט:

דאָס הייסט:

— מיר וועלן זיך בעסער אויסקויפּן.

— אוי — זאָג איך — כעוורע... ס'איז שלעכטע געשעפטן... מ'וועט אונדז איבערגעבן אין „ערד-אפּטייל" איינס און צוויי.

און זיי:

— מירן זיך אויסקויפּן...

מיר זיינען דורכגעפאָרן פּעדעריווקע:

— כעוורע! — טו איך אַ וואונק. — טוט אַ שלעפּ די ביקסן, וואָרום מירן שלעכט אָפּשניידן.

גייט עס ניט. ווען מיר האבן לעם אונדז די צווייען און דאָרט זאָל זיין איינער, וואָלטן זיי אַפילע קיין זשיפּע ניט געטאָן... אָבער דא, אז מירן דעם דערקוועטשן ווי א פליג, וועלן יענע איבערשלאָגן דעם אייסעק... האט מען שוין אויסגעפּעלט קרינעק אויך... ס'קאָכט מיך... אז פיר אונדזערע זאָלן ניט קענען צורעכט מאַכן קיין דריי שלענג?!.

ס'טרייסלט מיך. ניין! זיי ווילן ניט... מ'האָט שוין אויסגעפּעלט גלאָבין... זיי ווילן ניט. נו, פאַרפאַלן! און איך פאָר אזוי, ווי אין בוינע אַריין...

מ'האט אונדז געבראכט קיין קרעמענטשוג, און אריינגעשמיצט אין טורמע אריין... זיצן מיר... ווי בא גאָט אַ נאכט — אזוי גרייטן מיר זיך. נאכט און נאכט קומט מען צו גיין צו דער קאמערע און מ'רופט אויס:

— דער און דער! וואַרף זיך ארויס!

— מיט די זאַכן?

— יאָ...

אָט דאס הייסט שוין אין „דוכאָנינס שטאַב" אריין. דעמאָלט פלעג מען ניט שיסן, נאָר שטעכן... אָט דאָ טאקע לעם דער טורמע פון יענער זייט וואנט... מ'פירט ארויס, מ'דערשטעכט און מ'לאָזט איבער, און דערנאך ערשט פארשאַרט מען ערגעץ.

— נו, — זאָג איך, — כעוורע, איר האט ניט געוואָלט?

שווייגן זיי.

טרעפט זיך איינמאל נאכן ציילן, קלינגט מען מיט די שליסלען לעם קאַמערע:

— קאָוואַלשענקאָ! (דאָס איז סעמען) וואַרף זיך ארויס! דער און דער! דער און דער! וואַרף זיך ארויס!

— מיט די זאַכן ?
— יאָ !
האָורילען האט מען דעמאָלט אויך צוגענומען. ער איז ארויס, האָור־רילא, אין דעם קאָרידאָר און דער נאַדזיראַטעל זיינער דערלאַנגט אים אַ שיגד איבער דער צורע...
— אוי, ראטעוועט! פּארוואָס שלאָגט איר? באַ מיר זיינען דאָ פיר פיצעלעך קינדער!
— קינדער, זאגסטו, פיצעלעך פיר! און קנאַק אין דער אַנדערער באַק.
— א גרויסן געשעפט האבן מיר, אין דיין אזוי און אַזוי, מיט די קינ־דער מיט דיינע.
— אוי, ראַטעוועט!
און סעמען קלייבט זיך אויס און אויך צו אים:
— נא נאַר דיר מיין פּידזשאַק אָט דעם אָ!
און באַ מיר איז געווען דער פּידזשאַק אַף וואַטע, אַ גוטער, אַן עמע־סער וואַרעמער, א גראָבער, א פעסטער. מ׳דארף זיך גוט אָנלייגן מיטן שפּיז, אז מ׳זאָל אים דורכלעכערן.
האט סעמען מיטגענומען מיט זיך דעם פּידזשאַק מיינעם...
מ׳האט זיי אוועקגעפירט...
און איך צום פענצטער און איך גיב אכטונג, וואס וועט זיין דער סאָף.
ערשט מ׳האט זיי טאקע אוועקגעפירט צו דער וואנט.
— נו, אדיע, — קלער איך זיך, — כאַווריים!..
געווארן שאַ... שטעכט מען שוין, הייסט עס.
אַז ס׳טוט דיר ניט פּלוצים א ריס פון דארטן:
— באַך! באַך!
פון א ביקס... און דערנאָך:
אוי! ראטעוועט!
און דערנאך ווייטער:
באך! באך! באך!
און ס׳איז אוועק א שיסעריי...
ווייזט אויס, אז עמעצער איז טאקע אנטלאָפן געוואָרן.
איך, איך האב זיך באַלד אנגעשטויסן:

ס׳איז סעמען. ווער דען, אויב ניט סעמען!

ערשט מ׳הערט — אַף מארגן איז אוועק אַ קלאַנג איבער די קאמערעט־קאָוטושענקאָ איז אנטלאָפן געווארן.

און געשען איז עס אזוי: ווי דער דעניקינעץ האט אים אַ זעץ געטאָן מיטן שפּיז, איז ער גלייך אומגעפאלן. און דער פּידזשאַק איז אַ גראָבער, איז דער שפּיז, הייסט עס, ווייט ניט פארגאנגען. האט ער נאך אים פונ־דעסטוועגן עטלעכע מאָל אַ דרעליווע געטאן און סעמען שווייגט. הייסט עס, ער איז שוין טויט. איז ער זיך אוועק. אפגייענדיק, ט׳ער אַ שמיץ געטאן די ביקס און גענומען אראָפּשלעפּן די שטיוול פון איין דערשטאָ־כענעם. האט עס סעמען דערזען און פארן ביקס און יענעם אין פלייצע אריין:

— באך! באַך!

און אליין האט ער זיך אופגעכאפּט און גענומען מאכן פיס איבער אַ יאַר און איבער אַ פּלויט, אריבערגעשפרונגען צו עמעצן אין הויף אריין און אין שטאל אריין, פאַרקראָכן צווישן די האלץ און זיך פאר־טאַיעט. אינדערפרי איז ארויס די יידענע צו דער בעהיימע, ערשט זי דערזעט אַ מענטשן דארט ליגן. לויפט זי אוועק צום יידן.

און ער:

— ס׳דוכט זיך דיר!

און איז אוועק אליין. ערשט — „ס׳פארשפּאָרט זיך דוכטן". האבן זיי אים פארנומען אין שטוב אריין, אים איבערגעטאָן, געקריגן פון זיינעטוועגן פאפּירן... אַ וואָך איז ער בא זיי איבערגעזעסן, ביז ער איז געקומען צו זיך, ווארום גאנצע זעקס וואונדן זיינען געווען אף אים. מיטן שפּיז האט מען עס אים אזוי צורעכט געמאכט...

אָט האט איר זיך סעמענען, אַ געזונטער כעוורעמאן געווען!..

און דערנאָך איז ער טאקע פונדעסטוועגן ערגעץ דערהאַרגעט געוואָרן.

— און איר זיינט נאָך לאנג דארטן געזעסן?

— אין טורמע? ניין!

— מ׳האָט אייך ארויסגעלאָזן?

— כ׳בין אנטלאפן געוואָרן...

. . . .

און די נאַכט איבערן וואָגן איז אַ בלויע, בלויע, אזש אַ שוואַרצע!

עפשער איז זי פון מיקיטעס דערציילונג אזוי פינצטער געוואָרן?..

ניט פון מיקיטע מיקיטאָוויטשן, נאָר פון זיין דערציילונג. וואָרום מי־קיטע מיקיטאָוויטש איז א ליכטיקער.

ער האָט אראָפּגענומען ס׳ייגעלע פון וואָגן:

— ביסט אנשלאָפן געוואָרן, זונעלע? קום, מירן גיין אַהיים, וואָרום מ׳וועט דארפן מאָרגן פרי אופשטיין!..

אינהאַלט

מיין אוטאָביאָגראַפיע . . . 5
וועג - איינדרוקן . . . 23
אָט איז עס, אָט דאסדאזיקע דאָרף . . . 29
די ערד נויטיקט זיך אין באַאַרבעטונג . . . 36
הויפּט - פּאָליטבילד . . . 41
דער „זשענאָטדעל" . . . 45
די בילדונג . . . 50
„סעלאָ - טעכניקאַ" . . . 54
„סעלאָ - קניגאַ" . . . 58
די פאַרהיטונג פון פאָלקסגעזונט . . . 63
פּראָפּבילד . . . 72
„זשניוואַ" . . . 77
קיין האָמילשע . . . 82
פאַרפאַלענע מענטשן . . . 88
אין עק דאָרף . . . 93
האָניק . . . 98
ווי אזוי איך האב געכאַפּט פיש . . . 101
דאס, צו וואס ס'איז נויטיק זיך אויסקערן מיטן פּאָנים . . . 105
דאס, צו וועלכן מ'דאַרף אויסקערן דעם פּאָנים מיט דער
מאָרדע אינייגעם . . . 113
אי א „וווציק", אי א ראַטפּאָלקאָם, אי א מעלוכע - פּלאַן,
אי אַ אוער, אי א... אי אַ . . . 118
„שאָף - צוכט" . . . 122
מילך - ווירטשאַפט (אַן אידיליע) . . . 125
היי - שניט . . . 128
מאַשינעס . . . 132
ווען די שווארצע קלייד פון דער נאַכט הילט די פּאָלטאַווער
לאָנקע איין . . . 137
„צום קאָלעקטיוו" . . . 141
באַ ווענען ס'איז דאָ א מאָרך אין קאָפּ . . . 147
ווי אזוי זאָל מען פאַרבעסערן די ווירטשאַפט? . . . 151
גינעקאָלאָגיע . . . 156

„די דאָרפס - יוסטיץ 161
קימאַט וואָס אומזיסט 166
אין דער פינצטערער פעטער - נאַכט 169
דער וועג צום סאָציאַליזם 175
„דאס געטלעכע" 180
„לעריגיע" 186
ווויל איז דעם מענטשן, וואס פאָלגט ניט די אייצע פון
רעשאָאים 190
דער יאַריד 195
דער אַלטער מאַטוויי 226
דער פסיאָל 240
„דאָס פישעלע שווימט איבערן גרונט" 245
„א אַלטע מיט היפנאָז" 251
דאס דאָרף דערמאנט זיך 256

מעלוכע-פארלאג פון אוקראינע

כארקאָוו, ק. ליבקנעכט - גאַס, 31

אין אלע ביכער-האנדלונגען פון מעלוכע-פארלאג פון אוקראינע פארקויפן זיך פאָלגנדיקע ניי-דערשינענע ביכער:

ש. עפשטיין — אין לאנד פון סאציאלער רעוואָליוציע. 235 ז. פרייז 1 ר. 95 ק.

ל. קוויטקאָ — בא ריאָגראַנדער פעל. 193 ז. פרייז 1 רובל.

„ „ — רינג אין רינג. באנד קינדער-לידער און פאעמען. 262 ז. פרייז 2 ר. 35 ק.

י. אַפּאַטאָשו — אף יענער זייט בריק. 289 ז. פרייז 1 ר. 80 ק.

מ. דאַניעל — אין א צייט אַזאַ. א באנד נאָוועלן. פר. 1 ר. 80 ק.

דער ניסטער — פון מיינע גיטער. 230 זייטן. פרייז 1 ר. 90 ק.

כאַנע לעווין — לידער. 143 זייטן. פרייז 1 ר. 80 ק.

י. קיפּניס — מאיסעס און דערציילונגען. 328 ז. פרייז 2 ר. 30 ק.

פערעץ מארקיש — דאָר-איין דאָר-אויס. 390 ז. פר. 2 ר. 50 ק.

ל. רעזניק — לידער. 146 זייטן. פרייז 1 ר. 96 ק.

מ. אַלבערטאָן — בירא-בידזשאַן. 245 זייטן. פרייז 2 ר. 25 ק.

א. פעפער — געקליבענע ווערק. 400 זייטן. פרייז 3 ר. 50 ק.

מ. ווינער — עלע פאַלעקס אונטערגאנג. 176 זייטן.

ע. פינינבערג — אין פרי פון יאָר (לידער) 176 ז. פרייז 2 ר.

כ. גילדין — ברונעמס, דערציילונגען. 272 ז. פרייז 2 ר. 80 ק.

מ. קיפער — דאס יידישע שטעטל. 224 זייטן.

КОМЕРЦІЙНЕ УПРАВЛІННЯ

Харків, вул. К. Лібкнехта, 31.

WORKERS COOPERATIVE
LIBRARY
2700 Bronx Park East